STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11145

# OKTYOBR-KINDER

Kh. Holmshtok

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אקטיאבר-קינדער

## פארן צווייטן לערן-יאר

צונויפגעשטעלט דורך די קורסאנטן פונם
מינסקער אידישן פעדאַגאגישן טעכניקום
אונטער דער רעדאקציע פון
כ. האָלמשטאָק, ל. מישקאָווסקי, ש. ריוועס

דערלויבט דורך דער וויסנשאַפטלעך-פעדאַגאָגישער סעקציע פונם
מעלוכישן וויסנשאַפטלעכן ראַט פאַר שולן פון דער 1-טער שטופע

צווייטע אויפלאַגע
איבערגעארבעט
י. באקסט און נ. שולמאַן

צענטראלער פעלקער-פארלאג פון פ. ס. ס. ר. מאסקווע 1927

Книга набрана и отпечатана на Книжной Фабрике Центрального Издательства Народов СССР, Москва, Шлюзовая Наб., 162, в количестве 6000 экз. Главлит № 64.711

944

# וואס מיר האבן געטאן זומער

JEWISH PEOPLE'S LIBRARY
Montreal - מאָנטרעאַל
אידישע פאָלקס ביבליאָטעק

## ווי אַזוי איך האב פאַרבראכט דעם זומער

אלע טאָג, ווי נאר אפגעגעסן, איז גלייך אוועק צו די כאַווײרים.

דער הימל איז לויטער, די זון באקט. מע וועט קאנען גיין צום טייך באדן זיך און כאפן פישלעך. פאר פרייד הויבט מען אן טאנצן, בלעקן, מעקן ווי די קעלבלעך, און מאכן מעשוגענע האוואיעס: איינער פארקרימט דאָס פּנים, ווי א מאלפּע, און מיאוקעט, ווי א קאץ, דער אנדערער ענטפערט אים האַוו-האַוו, ווי א הינטל, און דער דריטער קוואקעט, ווי אַ קאטשקע: קווא-קווא-קווא! דער פערטער דרייט זיך אף איין פוס, ווי א ראד, און זינגט בעשאס מאיסע א לידל:

איינס, צוויי, דריי,
יאדער-לידער ליי,
אָקן-באָקן
מיט די גלאקן...

און דער פינפטער גיט זיך אליין דריי פעטש איןביידע באקן, גלאט אזוי, אן ווערטער, און לאזט זיך לויפן אין דער וועלט אריין. און נאך אים לאזן זיך לויפן אלע איבעריקע וויסעכעווריקעס.

געקומען צום טייך, אויסגעבאדן זיך. ארויס פון טייך, אויסגעקאטשעט זיך אין בלאטע, ווי די כאזיירים, און ווידער אמאָל זיך אפגעבאדן. לאנג געבאדן זיך, געווארן בלוי, ווי מיצן, אנגעהויבן ציטערן און קלאפן מיט די ציין. ארויס פון טייך, אויסגעצויגן זיך אפן אנגעגליטן זאמד, און מיר

ליגן שוין און ווארעמען זיך קעגן דער ברענענדיקער זון, קעגן דעם הויכן בלויען הימל.

נאר צוויי פון אונזערע כעוורע, כאַים דער גרויסער און כאַים דער קליינער, זיינען נאך אין וואסער. זיי האבן קונציק צונויפגעבונדן צוויי העמדלעך איינעם פאר די ארבל, געמאכט א נעץ, און זיי כאפן פישלעך. פישלעך אין טייך זיינען פאראן, נאר צו כאַים דעם גרויסן און צו כאַים דעם קליינעם אין דער נעץ אריין ווילן זיי ניט גיין. זיי האבן קיין כיישעק ניט.

— טיפער, כאַים, טיפער! בויג זיך, כאַים, בויג זיך! צום ברעג, כאים, צום ברעג, נאר פאוואלינקע די פישלעך!

אזוי קאמאנדעוועט כאַים דער גרויסער מיט כאַים דעם קליינעם. און ביידע פיש-כאפער גייען אנגעבויגן ביזן האלז אין וואסער, שלעפּן פּאַוואלינקע די נעץ ארויס צום ברעג, קוקן, קוקן אין העמד אריין—ניטאָ קיין פישלעך!

— לאזט אונז, מיך, מאטלען, מיר וועלן גיכער כאפן! אזוי זאגט מאטל דער רויטער און שפרינגט אריין מיט מאטל דעם שווארצן אין וואסער אריין. און די ביידע צוויי פיש-כאפער ארבעטן ניט שלעכט. גייען געשמאק, טריט באַ טריט, רעכט אנגעבויגן. קימאט מע פויזעט אפן אפגרונט פון טייך.

און אין דרויסן איז שטיל און רואיק. מע הערט ניט קיין פּיפּס. אפילע די זשאבעס, וואס האבן זיך ביז אהער געלאזט הערן מיט זייער „קעררר-קעררר“ און מיט זייער „בול-בול-בול“ זיינען אנשלאפן געווארן.

פלוצלונג הערט זיך א קאל:

— געכאַפּט, געכאפּט!

דאס קאל איז געוועזן מיט אזא סימכע, אז עס האט אונז א הויב געטאן פון ארט.

אַלע טוען מיר זיך א ווארף און א לאָז אראפּ-באַרג צום ברעג, צו די בייע פיש-כאַפּער. קוקן ארייַן אין דער נעץ אַרייַן און דערזעען: עס ווארפט זיך אַן ארבּל פון דער העמד.

— פיש! פיש! עמעסע פיש! — זינגען מיר אלע און טאנצן אונטער. און אזוי ווי מיר זינגען און טאנצן, — אז עס שפּרינגט ניט ארויס פון דער נעץ גלייך אף אונז א גרויסע זשאבע מיט צוויי נארישע וואסערדיקע אויגן! און מיר לאזן זיך אלע לויפן העמדום-פעמדום מיט א געשריי, מיט א קוויט-שעריי:

— גוואלד, ראטעוועט, ראטעוועט!!!

דער איבערשרעק, געוויינטלעך, לאזט זיך אויס מיט א געלעכטער. כעוורע ווערן נאך פריילעכער. מע וואלגערט זיך אין זאמד, מע קאטשעט זיך אין בלאָטע, מע פּליוסקעט זיך אין טייך. ס'איז גוט-גוט אָן אן עק, אָן א ברעג.



# זומער אין קאלאניע

אף זומער בין איך אַוועקגעפאָרן צום זיידן אין קאָלאָניע. ניט אין א קינדער-קאָלאָניע, נאר אין אן עמעסער קאָלאָניע פון אידן ערד-אַרבעטער.

די הייזער זיינען דאָרטן ליימענע, און די דעכער—פון שטרוי. מער-ניט די שול איז מיט א בלעכענעם דאַך.

זומער איז אין קאָלאניע זייער גוט.

אז ס׳קומט שניטצייט, איז גאנצענע טעג אפן פעלד א הודזשעריי מיט א טורקעריי. די שנייד-מאשינעס דרייען מיט די פליגלען און שניידן און שניידן—טשיק-טשיק-טשיק... טור-טור-טור, און ווארפן אן גאנצע קופּעס.



און אז מע פירט פון פעלד איז גאָר א לעבן.

מע פארט ארויס פון הויף אף לאַנגע, לאַנגע וועגענער מיט הויכע ווענט פון לייטערס. די פערד פליען, א שטויב, אז מע זעט די וועלט ניט, און דו זיצסט, און סע הויבט דיך און סע טרייסלט דיך. א מעכאַיע.

געקומען אפן פעלד, ווארפט מען אָן א פולן וואגן מיט סנאָפּעס, און מע לייגט אן הויך, הויך, העכער פארן דאַך, מע קלעטערט ארויף און מע פאָרט אהיים!

די סנאָפּעס לייגט מען צונויף אפן הויף ארום טויק אין הויכע, הויכע סקירדעס, העכער פון 2 עטאַזשנע הייזער. און אז מע דארף דרעשן, וואַרפט מען אָן פון די סקירדעס א פולן טויק און מע דרעשט. מע שפּאנט איין א פערד אין א דרעש-שטיין. דער פערד טרעט מיט די פיס איבער די פאַנאנדערגעבונדענע און צעוואָרפענע סנאָפּעס, דער דרעש-שטיין קייקלט זיך און קלאַפּט און דרעשט, ביז עס ווערט א פולער טויק מיט קערנער.

און אז מע דרעשט מיט א מאשין, הערט זיך א קלאפעריי און א טורקעריי און א גראגעריי—קליפּ-קלאפּ-קליפּ-קלאפּ, טור-טור, גיר-גיר, און סע גייט א שטויב, ביז אין הימל ארײַן.

איינמאל האט זיך באַם דרעשן געטראָפן אזא צופאַל. מיין שוועסטער־קינד לייזקע, א געזונטער יאט, א גיבער, איז געשטאַנען אפן סקירדע און געוואָרפן א סנאָפּ נאָך א סנאָפּ אפן טויק. לעם דער סקירדע איז נאָענט געשטאַנען נאָך א סקירדע. לייזקע האָט זיך א גליטש געטאָן און איז אריינגעפאַלן צווישן די סקירדעס. טרעפט עס ווען קיינער איז ניטא דערביי, וואָלט שוין געווען נאָך אים. דאָס שטרוי און די זאַנגען שטעכן אין די אויגן, דער שטויב פאַרשטיקט דעם אָטעם, און ארויסגראַבלען זיך איז אוממעגלעך.

אַ גליק, וואָס דאָרט איז געווען מיין שוועסטערקינד ריווקע, א געזונט מיידל, א קאָמסאָמאָלקע. אין איין אויגנבליק האָט זי ארויפגעקלעטערט אף דער סקירדע. אראָפּגעוואָרפן א שטריק און א געשריי געטאָן: „האַלט זיך און הויב זיך!“ און האָט אים קאַם א לעבעדיקן ארויפגעשלעפּט, אָן א היטל, די האָר צעשויבערט, און קאַם וואָס ער אָטעמט. די מומע האָט א שפּרונג געטאָן צום ברונעם, א שליידער געטאָן דעם עמער אין ברונעם אריין, ארויסגעצויגן א פולן עמער מיט קאַלטע וואַסער און אַ פליוכע געטאָן אים אין פּנים אריין. לייזקע האָט טיף אָפּגעאָטעמט און א שמייכל געטאָן.

באַ א שאַ צייט איז לייזקע אָפּגעלעגן אין שאָטן הינטער די סקירדעס, און דערנאָך וייטער זיך גענומען א לעבעדיקער און א געזונטער צו דער אַרבעט.

---

## דערציילט:

וואו זייט איר געווען זומער?

וואָס פאַר אַן אַרבעט האָט איר געזען זומער?

אין וואָס פאַר אַן אַרבעט האָט איר אָנטיילגענומען?

וואָס פאַר א אינטערעסאַנטע צופאַלן האָבן זיך געטראָפן פאַר דער צייט?

אין וואָס פאַר א שפּילן האָט איר געשפּילט?

אין וואָס נאָך האָט איר פאַרבראַכט די צייט?

# דאס ליד פון ברויט

ווייזט א וואלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און א רעגן-פערל ריין,
טריף-טראפ, טריף-טראפ הויבט אן גיין.

נעמען פעלדער זיך צעשפרייטן
ווייך צעאקערטע אין בייטן—
ווערן גרינע קארן-זאנגען
פון די בייטן אויפגעגאנגען.



נעמט א טוי אף זיי באלד פאלן,
ווארעמט זיי די זון מיט שטראלן;
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קארן, קארנגאָלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
איינס פון צווייטן שארפער, גרעסער.
שניידן שניטער, שניידן זינגען,
אזש די שארפע מעסערס קלינגען.

אזש די פעלדער אפּגעשארן
און די גאַרבן—ווייץ און קארן
לייגן זיי אין סקירדעס אויס
ביז צום הימל הויך און גרויס.

נעמען פולע פורן פארן,
פורן פארן, פירן קארן,
דורך די בערג און דורך די טאלן
אין די מילן דאס צעמאלן.



הויבן אן די ווינטן ווייען,
און די מילן פליגל-דרייען;
מאלן מילן, מאלן שנעל
פון דעם קארן ווייסע מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הייוון,
און פארהייצט דעם גרויסן אויוון,
ברענט דאס פייער, שייטלעך קנאקן,
נעמט דאס ברויט זיך בעסער באקן.

קויפּן מאמעס בּרויט דעם פּרישן
און דערלאנגען אף די טישן;
עסן קינדער פּרישן ברויט,
זיינען זיי געזונט און רויט.



## פ ו ן   מ י ל

הודזשעט, קנאקט, הודזשעט קנאקט—
רייבּט דער מילשטיין קארן,
שיט זיך מעל, שיט זיך מעל,
פּול די זעק געווארן.

זעקלעך מעל, זעקלעך מעל
שווער איז אונז צו טראגן.
קינדער גיך, קינדער גיך,
פּארט צו מיטן וואגן.

וויא, וויא, וויא, דין-דין-דין,
קלינגען פּערדלס גלאקן—
אט איז שוין אונזער היים,
הערט שוין אויף צו וויאָקן.

דרייט דאס פערדל מיטן קאָפּ,
גלינגג׳ען, גלינגלען גלעקלעך;
טראגט מען ברויט אין שטוב אריין. —
רייבט אף ביידע בעקלעך.

## די לעצטע טעג פון זומער

די לעצטע טעג פון זומער—ווי שיין זיי זיינען! די פעל־דער נאקעט, ערטערווייז צעאקערט, דאס ברויט שוין לאנג אראפגענומען. נאר וואו־ניט־וואו ווארפט זיך דורך א בלימל, א זאנג, א קווייטל.

אין די גערטנער ליגן נאך די קאווענעס, וואס דארפן פארטיק ווערן, לאנגע טיקוועס, וואס נעמען זיך אן מיט זאפט, און די הויכע סאנישניקעס, וואס האבן זיך אויסגע־צויגן מיט שטאלץ, באווייזן זייערע געלע, רייכע קוטשמעס.

און די גאנצע וועלט איז נאך פול מיט פויגעלעך און מערעשקעס, וואס זשומען און הודזשען, מיט היישעריקלעך, וואס שפרינגען, מיט פליטערלעך, וואס טראגן זיך און וויגן זיך יאנטעוודיק אינדערלופטן, און דער רייעך פון פעלד פארטראגט אין נאז אריין. און די וועלט ארום און ארום זעט אויס אזוי גרויס, און דער הימל איז אויבן אזוי הויך, אזוי קיילעכדיק.

* * *

סע גיסט די זון נאך מילד און ווייך איר שיין,
און לויטער בלוי איז נאך דער טיפער הימל,
נאר קאלט איז שוין דאס זילבער אין דעם טייך,
און שטיל פארוועלקט דאס לעצטע בלימל.
בארואיקט ליגט דאס בערגלדיקע פעלד,
דער פויער פירט אראפ די לעצטע גארבן,
און אף דער ברייטער שטעכעדיקער ערד
פארגליווערט בלייבן גין־גאָלדענע פארבן.

# קאווענעס און דיניס

וואָס קאָן זיין פריילעכער פון א פולן מארק מיט דיניס און קאווענעס? אומעטום, וואו איר טוט זיך א קער, איז אָדער דיניס, אָדער קאווענעס. די דיניס זיינען געל און שמעקן ווי האָניק. די קאווענעס זיינען רויט אינעווייניק, ווי פייער. און קערלעך האָבן זיי שווארצע און זיס זיינען זיי ווי צוקער.

מיין מאַמע האַלט ניט פון קאַווענעס. זי זאָגט, אז דיניס זיינען שפּאָרעוודיקער. אַז זי קויפט—זאגט זי—א דיני האָט זי אף צוויי טעג פאַר אונז ביידן—אף אָנבייסן, אף ווארע-מעס און אף וועטשערע. און א קאווענע—זאָגט זי—איז א באשעריי: פּוזשעט נאר אן א פולן בויך מיט וואסער.

איך מיין, אז זי האָט א טאעס. איך וואלט, דאכט זיך, א גאַנץ יאר געגעסן קאווענע מיט ברויט. עס מאַכט ניט אויס, וואס ס'איז דא אין זיי א סאַך קערלעך. א גוטע קאַ-ווענע, אַז מע טוט א רעכטן טרייסל, טוען די קערלעך א פאַל אַרויס—און דעמאלט עסט, וויפל איר ווילט אַליין.

## קארטאפל

קאַרטאָפל— וואס איז עס אזוינס? א קארטאפל—זאָגט דער טאטע—איז א ווואונדערלעכע פּיירע; טריקעניש אדער רעגנס, זי וואקסט און וואקסט אלציינס. זי לאַכט זיך אויס פונם וועטער און קאָן אלץ אויס-שטיין; באַארבעט זי נאר גוט, וועט זי אייך ארויסגעבן פון זיך פופצן מאל אזויפיל וויפל מע האָט געזייט. קאַרטאָפל איז גוט צום קאָכן און צום בראָטן. פעלט אויס א מענטשן קארן צום באקן ברויט, טא גיב אים קאַר-טאָפל, און ער וועט שוין ניט שטארבן פון הונגער. באקט זיי איין מיט די שאָלעכץ, האָט איר א וועטשערע; קאכט זיי אין וואסער, און איר האט א פארטיקן אנבייסן.

קאַרטאָפל קאָן מען עסן מיט וואס איר ווילט אליין: א שיסל מילך. א הערינג. די רייכע עסן עס מיט פוטער; די ארעמע באַנוגענען זיך מיט א ביסל זאלץ. מיין מאמע מאכט פון זיי א גאנצן מאיכל מיט א שיסל סמעטענע. קארטאפל איז א געבענטשטע פּיירע!

# סימאָנים פון האַרבסט

די פעלדער ווערן ליידיק. די גראָז ווערט געל. עס פאַרשווינדן די בלומען. די בלעטער פון די ביימער פאַלן אַראָפּ. דער וואַלד ווערט שיטערער. די פויגלען צעפליִען זיך. די ערד ווערט שוואַרץ. וואָלקנס קלייבן זיך. דער ווינט פּייפט. עס גיסט אַ רעגן. עס צעגיסן זיך די ריטשקעלעך. דער טייך רוישט. ס׳ווערט קירצער דער טאָג. די לופט ווערט קאַלט.

אין דאָרף דרעשט מען די זאַנגען, מע גראָבט קאַרטאָפּל. מע קלייבט צו די גערטנער. מע האַקט קרויט. די קינדער גייען אין שול.

## אַן עקסקורסיע אין וואַלד.

אין איינעם אַ קלאָרן טאָג פון האַרבסט זיינען מיר געגאַנגען אויף אַן עקסקורסיע אין וואַלד. מיר האָבן געזען דעם אָפּפלי פון די פויגל און באַטראַכט דעם אויסזען פון וואַלד.

גאָלדענע שטייען די ביימער. קאָלירטע בלעטער באַגאָסן מיט זון פלאַטערן און פאַלן אויף דער ערד. ס׳איז ווייך צו טרעטן אויף זיי, ווי אויף פאַרביקע פּוכיקע טעפּיכער. ס׳איז אַנגענעם צו הערן זייער שורשען אונטער די פיס.

פון בוים צו בוים ציִען זיך און שווימען אינדערלופטן זיידענע פעדים פון שפּינוועבס.

מיר רייסן אָפּ אַ שטיקל קאָרע און זעען, ווי גאַנצע מאַכנעס מוראַשקעס, פליגעלעך און זשוקעלעך טוליען זיך צום בוים.

איבער אונזערע קעפּ אינדערהויך הערט זיך אַ גערויש. פויגעלעך קלייבן זיך טשאַטעסווייז און פליִען אָפּ אין זייער וויַיטן וועג, אין די וואַרעמע לענדער.

אַ גליקלעך וועג, טייערע לופט-פליִער.

# מיר קלייבן מאטעריאל

די קינדער האבן אָנגעבראכט א גאנצן פּאַק מיט בלעטער: גרינע, העל-געלע, בלאַס-געלע, גאָלדענע, רויטלעכע, רויטע. מע האָט צונויפגע-בונדן א בוקעט. מע האָט אויסגעפלאָכטן גירלאַנדעס, מע האָט באַפּוצט די גאַנצע שול. מע האָט פארטריקנט גאַנצע צווייגעלעך פון ראַבינע.

דער מאָך—גרינער, גרויער, ברוינער, ראָזער—איז געווען זייער שיין. מיר האָבן דאָס פאנאנדערגעלייגט טריקענען אף דער זון, מע האָט אנגע-קליבן וואלד-ניס, כאַזערשע ניס, שישקעס פון טענענבוימער, שטיינדעלעך. די בלעטער האָט מען פאנאנדערגעלייגט נאָך די פארבן און נאָך די מי-נים פון די בוימער. מע האָט זיי אויסגעטריקנט, אָנגעקלעפּט אף פּאפּיר און אונטערגעשריבן:

## א קאָלעקציע פון הארבסטיקע בלעטער.

---

נעמט א טרוקענעם בלאַט און לייגט אים אוועק אף א שטיקל ווייכע געוואנט. איצט נעמט א קליידער-בערשטל און קלאַפּט מיט איר איבערן בלאַט, ביז וואנען דער ווייכער טייל פון בלאַט וועט ניט ווערן, און עס וועלן בלייבן נאָר די אָדערלעך.

מאַכט א קאָלעקציע פון אזוינע דורכזיכטיקע בלעטער. קלעפּט אן יעדער בלעטל אף פּאפּיר און שרייבט אָן, וואס פאר א בלאַט דאס איז.

לייגט אריין עטלעכע בלעטער אין וואסער און זעט, אין וויפל טעג ארום וועט זיך די וואסער נעמען באַפארבן. לייגט אריין אין וואסער געלע בערעזענע בלעטער און זעט, אין א וואסער קאָליר וועט זיך באַ-פארבן די וואַסער. לייגט אריין אין וואסער א פעקעלע בלעטלעך און נעמט זיי ניט ארויס, ביז וואנען זיי וועלן אָנהויבן ארויסגעבן פון זיך א שטארקן רייעך.

וואו האָט איר געהערט אזאַ רייעך?

אויב איר ווילט, די בלעטער זאָלן זיין א לאנגע צייט פרישע—זאָלט איר נעמען די בלעטער און ארייַנלייגן זיי אין וואסער און אוועקשטעלן זיי אין א קילן אָרט.

---

מאַכט פון די ניס-שאלעכץ שאָלן פון וואָג, מאַכט טעלערלעך.
פון קאשטאנען און כאזער-ניס מאכט קארעלן.
שנירט זיי אף א שנירל.

## וואס דארף מען באאבאַכטן אין דעם בלעטערפאַל?

1. קלייבט צונויף א קאלעקציע פון פארביקע הארבסטיקע בלעטער. קלעפט זיי אן בא אייך אין א העפט. שרייבט אונטער, פון וועלכע ביימער זיינען די בלעטער.

2. קוקט זיך צו צום בלעטערפאַל. וועלכער בוים האט פריער אראפּגעוואָרפן פון זיך די בלעטער?

וועלכער בוים האָט שפּעטער פון אלע אראפּגעווארפן זיינע בלעטער?

3. ווען עס וועט זיך ענדיקן דער בלעטער פאַל, זאָלט איר זיך צוקוקן צו די צווייגלעך פון פארשיידענע ביימער. געפינט אף זיי די קנאָספּן.

## ווי ביימער גרייטן זיך צום קאלטן ווינטער

ביימער ווארפן אראפּ זייערע בלעטער און גרייטן זיך צום ווינטערדיקן שלאָף, זייער קאָרע פארהיט זיי פון קעלט, ווי א פּעלץ.

די קנאָספּן אָף די צווייגן באדעקן זיך מיט שופּן און מיט נאָדעלעך.

די שופּן דערלאָזן ניט, די קנאספּן זאָלן פארפרוירן ווערן פון דער ווינטערדיקער קעלט, און די נאָדעלעך פארהיטן זיי פון די ווינטערדיקע פויגלעך.

## דער אפּפלי פון די פויגל

דער הארבסטיקער וואלד רוישט און הודיעט; דער ווינט טרייבט די בלעטער פון די צווייגן. פויגעלעך דערפילן די ערשטע, אז די קעלט איז שוין נאָענט, און זיי קלייבן זיך אוועקצופליען.

אַלע זאַמלען זיי זיך צונויף טשאַטעסווייז אף צווייגן, אף פלויטן, טעלעגראף-דראטן און לאָזן זיך פליען אין די ווארעמע לענדער.

עלטערע און געניטערע פויגלעך פליען פאָרויס.

די פויגלעך, וואָס ווינטערן בא אונז, קריכן אויס אין אָנהויב הארבסט. זיי באדעקן זיך מיט פוך און טוען זיך אָן אין וואַרימע פעדערן. זיי שפּייזן זיך מיט וואס עס מאַכט זיך.

---

וועלכע פויגל קענט איר? וועלכע זיינען געווען זומער, וועלכע זיינען אוועקגעפלויגן און וועלכע האבן זיך אפּגעשטעלט?

# די וועווערקע צום ווינטער

נאָך אין אנהויב הארבסט בייט איבער די וועווערקע איר לייכטן זומערדיקן פוטערל אף אַ מער וואַרימערן און פוכיקן. זי בעט אויס איר שטיבעלע מיט מאָך און בלעטע-לעך. עס וועט איר זיין דאָרט ווארים אין דעם קאלטן ווינ-טער.

כאָטש די האַרבסטיקע זון וואַרימט נאָך, ווי זומער, פונ-דעסטוועגן הויבט שוין אן די וועווערקע זיך אָנגרייטן שפייז אפן הונגעריקן ווינטער.

אין איר שטיבעלע שלעפט זי אן ניסלעך, זשאלודעס, שוואמען און שישקעס.

---

וועלכע כאיעס קענט איר אין וואַלד און ווי גרייטן זיי זיך צום ווינטער ?

# אַ העזעלע

כמאַרעדיק און רעגנדיק
האַרבסט איז אָנגעקומען.
קרויט פון פעלד פאַרנומען,
ניט געלאָזט א לעק.

שפּרינגט א העזל הונגעריק
צווישן בוימער שטומע,
אין די ציינער וועלוועלען
אַריינפאַלן איז א שרעק!

דריקט אַראָפּ די אויערן,
כאַפּט א קוק ארויף —
הימל זעט מען ניט.

וואָלט כאָטש ווערן וואַרימער,
טריקענער וואָלט ווערן, —
אוי, ווי ס'איז ניט גוט
אין וואַסער שטעלן טריט.

# שול-אָרגאַניזאַציע און געזונט-פאַרהיטונג

## פון אונזער קלאַס-העפט.

מאָנטיק 1-טער סעפּטיאַבּר. מע האָט אָנגעהויבּן די לימודים. עס איז געווען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. מע האָט אויסגעקליבּן עלטסטע פון קלאַס—נאָכעמקע ריייזין און עטקע לעווין.

דער לערער האָט געלייענט אַ דערציילונג: „מאָטל פּייסעס״. נאָך די לימודים האָבּן מיר געשפּילט.

דינסטיק 2-טער סעפּטיאַבּר. געווען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. מע האָט אָנגעהויבּן פירן אַ קלאַס-העפט. מע האָט געקלעפּט און געמאָלט שוואַמען, מע האָט זיך געגרייט צו דער מאָרגנדיקער אַרבּעט: מע האָט געמאַכט מעטערס פון שטיקלעך פּאַפּיר.

# קלאָלים פאַרן דעזשורער

1. דער דעזשורער דאַרף קומען מיט 15 מינוט פריער, איידער עס הייבן זיך אָן די לימודים. ער דאַרף אוועקגיין דער לעצטער אַהיים.

2. אַז ער קומט אין קלאַס, דאַרף ער גלייך דורכלופ־טערן דעם צימער.

3. ער דאַרף מאַכן אַן אָרדענונג אין קלאַס: זעען צי די בילדער הענגען גוט, צי אויף די פענסטער איז אַלץ גוט פאַר־באַנדערגעלייגט, צי איז ניטאָ קיין שטויב אויף די ווענט.

4. ער דאַרף זעען, צי דער טאָוול איז ריין, צי עס איז פאַראַן קרייט און אַ טיכל.

5. ער דאַרף זעען, צי דער טיש און דער שטול פאַרן לערער שטייען אויפן אָרט.

6. ער דאַרף פאַרשרייבן די שילער, וואָס זיינען ניט געקומען.

7. ער דאַרף צונויפקלייבן און פאַנאַנדערגעבן די העפטן, פאַפּיר, בלייפעדערס. ער דאַרף העלפן דעם לערער.

8. אין אַלע הפסקות דאַרף ער בעטן די כאַווערים אַרויסגיין פון קלאַס. ער דאַרף עפענען די פענסטער.

9. נאָך אַלע לימודים דאַרף ער העלפן צוקלייבן דעם צימער. אַלע זאַכן, וואָס די שילער האָבן פאַרגעסן מיטנע־מען, דאַרף ער אַריינטראָגן אין לערער צימער.

---

1. וועלכע פון די קלאָלים האַלט איר פאַר איבעריק? וועלכע טויגן ניט?
2. וועלכע קלאָלים פעלן דאָ?
3. פאַרשרייבט אייערע קלאָלים אין העפט.
4. זאָל עמיצער פון אייך אָנשרייבן די קלאָלים אויף אַ פאַפּיר און אויפהענגען אויף דער וואַנט.



דער קלאַסקאָם

# מיר מאכן א מוזיי

כעווירע האָבן אָנגעטראָגן אין שול אַלערליי אַנטיקלעך: פּאַפּירענע שלאנגען, שיפלעך, מענטשעלעך פון ליים.

אײניקע קינדער האָבן געבראַכט אין קלײנינקע זעקעלעך אַלערליי קערנער: קאָרן, װײץ, גערשטן, האבער, קוקורוזע.

די זעקעלעך זײנען געלעגן אף אַ װעגעלע אף רעדעלעך פון קאַ-טושקעס.

כאימל האָט געבראַכט אַ מילכל: אַ קעסטל, אין קעסטל אַ טשװעקל, אפן טשװעקל א פליגל, און אז ס׳בלאָזט אַ װינט דרײט זיך עס.

מיר האָבן דאָס אַלץ פאַרשריבן אין אַ העפט. געשטעלט נומערן און פאַרצײכנט דעם טאָג װען מע האָט עס געבראַכט.

אף יעדער זאַך האָבן מיר צוגעקלעפּט אַ פּאַפּירעלע מיטן זעלביקן נומער און מיט דערזעלביקער דאַטע װאָס אין העפט.

№ 1

**אָנגעקומען**

**דעם 3-טן סענטיאַבר**

1926 י.

# געקומען דער דאָקטאָר

נעכטן האָט אונדז דער דאָקטאָר אַרומגעקוקט. ער האָט אונדז אויסגע-פרעגט צי שפּילן מיר אַ צייט אויף דער פרייער לופט, ווען לייגן מיר זיך שלאָפן, ווען שטייען מיר אויף. צי עסן מיר פריער אָפּ אינדערהיים איידער מיר גייען אין שול. צי צעקייען מיר גוט דאָס עסן, אָדער מיר שלינגען גאַנצע שטיקער. צי שווענקען מיר דאָס מויל נאָכן עסן. צי רייניקן מיר די ציין מיט אַ בערשטל.

מערי האָט דערציילט, אַז אינדערפרי איילט זי זיך אין שול, קריכט איר ניט דאָס עסן אין האַלדז.

דער דאָקטאָר האָט איר געגעבן אַן אייצע: לייג זיך פרי שלאָפן, וועסטו פרי אויפשטיין און זיך ניט איילן אין שול. ווי דו וואַשסט זיך נאָר איין, גיי אַרויס אין דרויסן, לויף זיך דורך פּאַמעלעך אַ פּאָר מאָל אַרום שטוב, זעץ זיך צום טיש, רו זיך אָפּ, וועט זיך דיר פאַרוועלן עסן, וועסטו ניט דאַרפן הונגערן ביז דער גרויסער האַפּסקע.

דער דאָקטאָר האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז אויף יעדער האַפּסקע זאָלן מיר אַרויס אויף דער פרייער לופט. פרישע לופט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, מאַכט אַ גוטן אַפּעטיט, גיט צו וואָג דעם קערפּער און העלפט גיכער וואַקסן.

דער דאָקטער האָט אַ קוק געטאָן אויף די פענסטער און אַ פרעג געטאָן:

— ווער האָט אַריינגעשטעלט די דובל פענסטער?

— מיר — האָבן מיר זיך אָנגערופן.

און ווער האָט פאַרקלעפּט?

— אויך מיר.

— אַלע פענסטער פאַרקלעפּט?

— אַלע.

— ניט גוט.

— פאַרוואָס ניט גוט?

— איין פענסטער געדאַרפט לאָזן ניט פאַרקלעפּט, מע זאָל אים קאָנען אויף די האַפּסקעס עפענען. אַניט ווי וועט איר דעם קלאַס גוט דורכלופ-טערן?

יאָ, און וואו זיינען די פּאָרטעטשקעס?

— ניט געווען קיין פּאָרטעטשקעס.

— האָט מען געדאַרפט מאַכן. פּאָרטעטשקעס מוזן זיין אין יעדער צי-מער און שטענדיק אָפן, אפילע אין די גרויסע פרעסט. האָט קיין מוירע ניט פאַר קעלט. פאַרקערט, אַז איר וועט זיך צוגעוואוינען צו אָפענע פּאָר-טעטשקעס, וועט איר זיך קיין מאָל ניט פאַרקילן.

— און דו, מיידעלע, האָט ער אַ גלעט געטאָן פייגען איבערן קעפּל, זאָג דער מאַמען, זי זאָל דיר אַלע אינדערפרי און פאַרנאַכט געבן א לעפל פיש-אייל. אַ גאַנצן ווינטער זאָלסטו טרינקען פיש-אייל, וועט בּאַ דיר זיין דער פּאָנים ניט ווי א געלכל, נאָר ווי אַ רויט עפּל.

דער דאָקטאָר האָט אונז אַלעמען אויסגעמאָסטן און זיך געזעגנט מיט די ווערטער:

— כעווריע, אויב איר ווילט זיין גוטע פּיאָנערן, טייערע קאָמסאָמאָל-צעס און אויסגעצייכנטע קאָמוניסטן, דאַרפט איר די ערשטע זאַך זיין גע-זונט. זייט געזונט!

גייט געזונט—האָבן מיר אַלע פריילעך אָפּגעענטפערט און אַרויסגע-לאָפן מיט א טומל אַף דער פרייער לופט.

---

ווי אָפט קומט צו אייך דער דאָקטאָר?

וואָס פאַר אַן אייצעס גיט אייך דער דאָקטאָר איר זאָלט זיין געזונט?

צי האָט מיט אייך דער דאָקטאָר געפירט א שמועס וועגן דעם, ווי אַזוי מע דאַרף זיצן באם שרייבן און לייענען?

אף וועלכע קרענק האָבן געקרענקט די קינדער פון אייער גרופּע, ווער פון אייך קלאָגט זיך, אַז אף די לימודים הויבט אים אָן ווייטאָן דער קאָפּ?

# א טומל אין קלאַס

די לערערין איז אַף א ווײַלע אַרויס פון קלאַס. אין קלאַס איז געוואָרן א טומל. עמיצער פון די קינדער האָט א געשריי געטאָן:

— מישקע האָט זיך אײַנגעשניטן אַ פינגער!

אַלע קינדער זײַנען אויפגעשפרונגען פון די ערטער. אײנער איז אַוועקגעלאָפן רופן די לערערין.

דער צווייטער איז אַוועקגעגאַנגען אין דער עלטערער גרופּע רופן מישקעס שוועסטער. די איבעריקע קינדער האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו מישקען.

אַלע שטופּן זיך, מע טומלט און מע שרײַט. מישקע שטייט און וויינט. פון זײַן צעשניטענעם פינגער קאַפּעט בלוט אפן טיש און אַף די העפטן.

די לערערין איז אַרײַן אין קלאַס. די קינדער וואַרפן זיך צו איר און שרײַען: — „מישקע האָט זיך אַ פינגער אײַנגעשניטן!" אַנדערע קינדער זוכן שפּינוועבס. נאָר אין קלאַס איז ריין און קיין שפּינוועבס איז ניטאָ. די לערערין איז צוגעגאַנגען צו מישקען. זי האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן פינגער און געזאָגט:

— נו, מישקע, נישקאָשע, עס וועט באַלד דורכגיין.

— מע דאַרף צולייגן שפּינוועבס,—האָבן די קינדער געזאָגט.

— איר זאָלט קיינמאָל עס ניט טאָן,— האָט די לערערין געזאָגט.—אַז מע מאַכט זיך א וואונד, דאַרף מען זי האַלטן ריין, און אַף שפּינוועבס איז פאַראַן אַסאַך שטויב.

די לערערין האָט אַ רוף געטאָן דעם דעזשורער פון קלאַס. זי האָט געהייסן אַרויסנעמען פון אַלמער א קעסטעלע. אין קעסטעלע איז געווען א פלעשעלע יאָד, וואַטע און ריינע טיכלעך. די לערערין האָט באַשמירט מישקעס פינגער מיט אַ ביסעלע יאָד. דערנאָך האָט זי פאַרבונדן מיט א ריינער טיכעלע. מישקע איז געוואָרן רוזשיק.

## 1. ווען מע צעשניידט זיך עפּעס:

דער דעזשורער דאַרף נעמען יאָד, וואַטע און א ריינע טיכעלע. די וואונד דאַרף ער אָנשמירן מיט יאָד. דערנאָך דאַרף ער פאַרבינדן מיט ריינער וואַטע און מיט א טיכעלע.

## 2. ווען מע צעקלאַפּט זיך עפּעס:

צום צעקלאַפּטן אָרט דאַרף דער דעזשורער צולייגן אייז אָדער שניי. אויב עס איז ניטאָ קיין שניי אָדער אייז, דאַרף דער דעזשורער נעמען א ריינע טיכעלע, אײַנעצן זי אין קאַלט וואסער און צולייגן צום צעקלאַפּטן אָרט.

# די סאַניטאַרע קלאָלים באַ אונז אין קאָמונע

אין אלע צימערן זיינען אויסגעהאנגען פארשיידענע קלאלים פון אונזער לעבן, אין שלאף-צימער הענגט א גרויסער פלאקאַט:

„לופטערט אויס אייער שלאפצימער: ריינע לופט איז נויטיק פאַרן קערפער".

אין עסצימער:

„פאַרן עסן וואַשט די הענט, נאכן עסן שווענקט דעם מויל!"

„ניט טרינקט קיין רוי וואסער!"

„ווען איר קערט אויס דעם דיל אין צימער, זאלט איר די באַרשט ארומוויקלען מיט אַ נאַסער טוך".

אין קיך:

„ניט וואַרפט קיין שאלעכץ אפן דיל!"

„ניט קריכט אין טאפ מיט א שמוציקער לעפל!"

„וואַשט די געפעס מיט זייף און טריקנט אף דער פליטע!"

„ווען איר זייט פארנומען אפן קיך, זאלט איר ניט פאַרגעסן אנטאָן א טיכל אפן קאפ!"

אט די אַלע קלאָלים זיינען אויסגעאַרבעט געווארן אַף דער אלגעמיינער פארזאמלונג.

---

וואָס פאַרא סאַניטאַרע קלאָלים איז פאַראַן באַ אייך אין שול?
צי איז דאָ באַ אייך אַ סאניטאַר-קאָמיסיע?
וואָס איז איר אַרבעט?

# ווי די שול האָט זיך צוגעגרייט צום ווינטער

מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט א צעטל פון די ארבעטן, וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי צוגרייטן די שול צום ווינטער.

1. ארומקלעפּן די פענסטער. אַרייַנשטעלן די דובל-פענסטער. אַרייַנלייגן צווישן די פענסטער מאָך און אָנשיטן זאַמד.
2. ארומקוקן די טירן, צי זיי פאַרמאַכן זיך גוט.
3. אַרומקוקן די פירהויז, אויב עס זייַנען פאַראַן שפּאַלטן אין די ווענט—פאַרשטעקן מיט מאָך.

ווי האָט איר צוגעגרייט אייער שול צום ווינטער?

## ווי מע האָט אינדערהיים זיך געגרייט צום ווינטער

אַך, ווי פינסטער עס איז איצטער אינדערפרי! אין אויוון קנאַקט האָלץ, פונדעסטוועגן ווילט זיך ניט אויפשטיין פון דעם ווארימען בעטל. דו גיסט א קוק אין פענסטער: אין דרויסן איז אַזוי ניט געשמאַק, די נאַקעטע ביימער האָבן אויסגעצויגן צום פאַרכמאַרעטן הימל זייערע שוואַרצע צווייגן. אָט, דאַכט זיך, דאָ ניט לאַנג זייַנען זיי נאָך געשטאַנען פונקט ווי גאָלדענע און האָבן זיך געשפּילט מיט זייערע פאַנאַנדערגעלאָזטע בלעטער אין דעם בלויען הימל.

גערעכט איז טאַקע געווען די מאמע, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין שפּאַצירן אין די שיינע הארבסט-טעג—זי האָט זיך געאיילט צוצוגרייטן זיך צו באַגעגענען די קעלט. פייוול געדענקט, ווי ער פלעגט צושטיין צו דער מאַמען:

— מאַמע, מירן גיין שפּאַצירן. זע, וואָס פאַר א שיינער וועטער.

און זי פלעגט אים ענטפערן:

— ניין, מיין לעבן, ניטאָ קיין צייט. זע, אָט ניי איך דיינע שוועסטערלעך ווארימע קליידלעך און דיר א ווארים העמד, און מע דאַרף נאָך די

מאַנטעלעך איבערנייען אָדער גאָר נייע מאַכן, ווארום באַלד וועלן אָנקו-מען די קעלטן, וועלן מיר נאָך בלייבן ניט קיין צוגעגרייטע. אין א טאָג דריי אַרום וועל איך דיך אויך ניט לאָזן גיין שפּילן, און איך וועל דיך בעטן העלפן מיר פאַרקלעפּן די פענסטער. אָט באַלד וועלן זיך אָנ-הויבן די כמאַרנע האַרבסטיקע טעג. און דערנאָך דער ווינטער מיט זיינע שנייען און פרעסט. מע דאַרף זעען, אַז אין שטוב זאָל זיין וואַרים און גוט, קעדיי מיר זאָלן קיין מוירע ניט האָבן פאַר די ווינטן מיט די זאַווע-רוכעס.

עס איז אריבער דריי טעג, און די ארבעט אינדערהיים האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל.

די טעג זיינען נאָך געווען שיינע, האָבן מיר אַריינגעכאַפּט אויסוואשן די פענסטער. דערנאָך האָט מען אַריינגעשטעלט די דובל-פענסטער. צווישן די פענסטער האָט מען אָנגעשאָטן געלע טרוקענע זאַמד, צוגעדעקט מיט ווייסע וואטע און פאַרקיטעוועט די אינעווייניקסטע פענסטער מיט קיט.

פּיוּול האָט באַלד פאַרשטאַנען, ווי דאָס אַרבעט זיך, און האָט איינער אַליין פאַרקלעפּט א פענסטער.

די טיר האָט דער טאַטע פון דרויסן צוגעקלאַפּט מיט א האַק און אַרומגעשלאָגן פון אינעווייניק מיט נייע וואליק.

שפּעטער האָט ער אפן הויף א לאנגע צייט געארבעט מיט דער האק,— דאָס האָט ער געשפּאָלטן האָלץ און צעלייגט אין שטאל אף ווינטער.

## אַן עקסקורסיע אפן האָלץ-לאגער

מיר זיינען געגאַנגען אפן לאַגער פון האָלץ. באַם טויער פון לאַגער זיינען געשטאַנען האָלצהעקער. אפן הויף זיינען געשטאַנען פורן מיט האָלץ. ארבעטער האָבן גאָזעגט די האָלץ און צעלייגט זיי אין קובישע מעטערס. אפן לאגער זיינען געווען אסאך מינים האָלץ: בעריאָזע, אָלכע, יאסען, יאָלקע, קליאָן, אָסינע, דעמב.

איינער פון די ארבעטער האָט אונז באַוויזן די אלע מינים האָלץ. מיר האָבן דאָרטן אויסגעלייגט א קובישן מעטער האָלץ. מיר האָבן גענומען צו שטיקלעך האָלץ פון יעדער מין, אף צו מאַכן א קאָלעקציע.

מיר האָבן נאָך אביסל געקוקט אפן גרויסן הויף, און זיינען אַוועק אין שול.



# ליד פון דער זעג

ציִיל-ציִיל, ציִיל-ציִיל.
איך און דו און סטרונע-זעג —
זינגען זעגן. האַקן העק—
ציִיל-ציִיל, ציִיל-ציִיל.

פיס פאָרויס און פיס צוריק —
זעגערס שטייען — פלאַכע ליגט.
לינקע האַנט אויף לינקער קני,
וויג די רעכטע, וויג און ציִ.

געלע זעגעכץ — שפּריצט אַ שטראַל.
היינט איז וואַרים—מאָרגן קאַלט,
וויג די רעכטע האַנט און וויג,
שנייד אַ פלאַכע אויף פיר שטיק.

איינס, צוויי, דריי, פיר,
גיב די זעג און פון דער גרינג;
פאַרטיק! בויג זיך אויס און קלינג.

ציִיל-ציִיל-ציִיל-ציִיל,
נאָך אַ פייגער-פלאַכע ליגט—
שאַרף די ציינער, סטרונע-זעג.
ציִיל-ציִיל-ציִיל-ציִיל.

# וועגן אויוונס און באהייצונג

(וואָס די קינדער האָבן דערציילט)

בא אַסאך פון אונזערע קינדער איז פאַראַן א האָלענדישער אויוון פון ווייסע קאַכל. אין אים לייגט מען אַריין פאַרשיידענע האָלץ: די בעסטע איז בעריאָזע אָדער דעמבענע, ערגער איז סאָסנאָווע, יאָלאָווע און אָסינע.

ווען די האָלץ ברענט דורך אינגאַנצן, און עס בלייבן נאָר גאָל-דענע קוילן, מישט מען זיי גוט אויס, מע פאַרמאַכט די טירל פון אויוון און מע פאַרמאַכט דעם קוימען. אויב ניט, גייט אוועק די גאַנצע וואַרימקייט אפן גאַס. מע דאַרף גוט אכטונג געבן, עס זאָלן ניט בלייבן קיין בלויע פייערלעך אף די קוילן, אויב ניט, וועט ווערן אין צימער א טשאַד,—טוט ווי דער קאָפּ, און פון א שטאַרקן טשאַד שטאַרבן מענטשן.

בא אנדערע קינדער שטייען אינדערהיים אייזערנע אויוועלעך. די אייזערנע אויוועלעך הייצט מען מיט טרוקענע צווייגלעך, שפּענדלעך און בלעטער.



ווען גיטל האָט דערציילט וועגן די אייזערנע אויוועלעך, האָבן אסאך געשריען: „מיר ווייסן, מיר ווייסן. דאָס זיינען די אויוונס, וואָס רויכערן נאָר. ווארים איז פון זיי נאָר קאָלזמאַן זיי ברענען, האָט מען אָבער אויפגעהערט צו הייצן—ווערט אין צימער ווידער קאַלט״.

עטלעכע קינדער האָבן דערציילט וועגן קליינינקע פּליטעס און אוי-וועלעך פון ציגל וועלכע שטייען בא זיי אין די צימערן. איין אינגל האָט

זיך דערמאָנט, אז ער האָט געזעען בּא זיין פעטער א „קאַזאַנאָק”. דאָס איז פּאָשעט א טשוהון אן א דעק; אנשטאָט א דעק זעצט מען אריין אין טשוהון א גראטקע. מע הייצט עס מיט קליינע פּיצלעך שטיינקוילן. דער טשוהון בּרענט זיך אָן, ווערט אינגאַנצן רויט. איין טשוהון אזא איז גענוג אף צו בּאַווארימען צוויי-דריי צימערן.

בּא עטלעכע, האָט זיך ארויסגעוויזן, איז פאַראַן, צענטראלע בּאַהייצונג. נאָר ווי אזוי דאָס אַרבּעט זיך, האָט קיינער פון אונז קלאָר ניט געקענט דערציילן. מע האָט נאָר דערציילט, אז עס ווארימען זיך אָן די רערן, וואָס ציען זיך בּא די ווענט אונטער די פּענסטער אין שטוּב.

די לערערין האָט געהייסן א גרופּע קינדער בּאקאָנען זיך מיט דער בּאַהייצונג, א קוק טאָן, ווי עס דערווארימט זיך דער קעסל, זעען, וואָס טוט דער הייצער, און דערציילן אונז וועגן דעם אף מאָרגן.

מיר האָבּן זיך נאָך דערמאָנט, אַז אין די מאגאזינען שטעלט מען אמאָל אריין נאפט-אויוונס. און מאָטל האָט דערציילט, אז עס זיינען פּאַראַן עלעקטרישע אויוונס; זיי זעען אויס, ווי א פּליטע אָדער פּאָשעט א גראַטע, וואָס איז דורך א שנור פּאַרייניקט מיט א שטעפּסל.

שיינע האָט געזאָגט; „די בּעסטע, לויט מיין מיינונג, זיינען די גאַזפּליטעס. מע דארף ניט צו זיי ניט קיין האָלץ, ניט קיין קוילן”.

---

דערציילט יעדערער, וואס פאר א בּאהייצונג איז בּא אייך.



צענטראלע בּאהייצונג.

## האַמער און סערפּ

קראַנץ פון זאַנגען אויסגעפלאָכטן—
האַמער-סערפּ אינמיטן;
האַמער סערפּ און סערפּ דעם האַמער —
איינס דעם צווייטן היטן.

* * *

סערפּ אין פעלד וועט שניידן ברויטן,
האַמער שמידן אייזן,
און פאַרבונדן און איניינעם—
וועלן וואונדער ווייזן!

# מיר גרייטן זיך

עס קאָכט און זידט בּאַ אונז אין שול. מיר גרייטן זיך צום קומענ- דיקן יאָנטעוו. אין די קרייזן. אין די קאָמיסיעס אַרבעט זיך. מע גיט אַרויס א צייטונג. דער דראמאטישער קרייז גרייט זיך צום ארויסטריט. די לעבּינשע קאָמיסיע באַפּוצט דעם לענין-ווינקל. עטלעכע כעוורע פּוצן אויס דעם זאַל. אנדערע קינדער מאכן ריין און שיין אין זייערע קלאסן.

פון אומעטום הערט זיך א קלאַפּעריי. דאָס קלאַפּט מען אף די ווענט פּאָרטרעטן פון אונזערע פירער, גירליאנדעס און לאָזונגען. אלעמען איז פריילעך.

מיר גרייטן זיך צום יאָנטעוו.

מיר גרייטן זיך צום אָקטיאַבּר!



# 7-טער נאָיאַבר

אין גאַס, אין גאַס
אלע אַרויס,
אַלע ווי איינער
אין ריי שטעלט זיך אויס.

מאַרשירן מיר וועלן צוזאַמען
מיט רויטע אַרמייער און מיט פּיאָנערן,
און פאָנען און רויטע העל וועלן פלאַמען
און שטאַרקער אונזער ליד וועט זיך הערן.

אַ יאָנטעוו אַ גרויסער
דער 7-טער נאָיאַבר —
באַפרייט האָט זיך פויער,
באַפרייט האָט זיך אַרבעט.

אין גאַס, אין גאַס
אַלע אַרויס!
אַלע ווי איינער
אין ריי שטעלט זיך אויס.



# איך געדענק דעם אָקטיאבר

א מאָסקווער פּיאָנער דערציילט:

מיר איז געווען זיבן יאָר. בא אונז אין שטוב איז געווען א קעלער. אלע נאכט פלעגט מען אין קעלער ברענגען צו טראָגן ביקסן, קעסטלעך מיט פּאַטראָנעס, קוילנוואַרפערס. מע האָט געטראָגן, געטראָגן און אויפגעהערט. איך האָב אלץ געטראַכט, נאָך וואָס טראָגט מען דאָס אהער געווער? צוליב וואָס?

איך האָב געפרעגט בא איינעם אן ארבעטער, וואָס האָט געוואוינט בא אונז אין דירע. האָט ער מיר געענטפערט:

— דאָס גרייט מען אלץ צו דער רעוואָלוציע.

איך האָב זיך פון די ווערטער שטארק דערשראָקן, און איך בין אוועק צו דער מאמען.

ווי נאָר איך בין צוגעגאַנגען צו דער מאמען, ערשט עס האָבן זיך דערהערט שאָסן. די פענסטער האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען. אף די גאסן האָבן אָנגעהויבן ארומלויפן אוטאָמאָבילן. אין די אוטאָמאָבילן פאָרן ארבעטער באַוואָפנטע מיט ביקסן און רעוואָלווערן.

צו אונזער טויער איז צוגעפאָרן אן אוטאָמאָביל. די ארבעטער האָבן צוגענומען פון קעלער דאָס געווער און זיינען אוועקגעפאָרן אפן רויטן פלאץ אונטער א האָגל פון קוילן.

אף די גאסן האָבן האַרמאַטן געדונערט. דאָס האָט געדויערט זיבן טעג. די ארבעטער האָבן געזיגט. זיי האָבן פארכאפּט די מאכט.

# אזוי האָבן מיר געפּייערט דעם אָקטיאבר-יאָנטעוו

אָט איז געקומען דער אָקטיאַבּר-יאָנטעוו. קוים דערוואַרט זיך. דעם 3-טן נאָיאַבּר איז בּאַ אונז אין שול געווען אַ יאָנטעוודיקע זיצונג. אַף דער זיצונג האָט מען געהאַלטן רעדעס. מער פון אַלע רעדעס איז מיר געפעלן געוואָרן די ערשטע. דאָס האָט געלייענט שלוימקע, א שילער פון 4-טער גרופּע. ער האָט דערציילט וועגן דעם לעבּן פון די דייטשישע קינדער.

דעם 7-טן נאָיאַבּר זיינען מיר געגאַנגען אַף דער דעמאָנסטראַציע, דאָרט זיינען געווען פיל אַרבּעטער, מע האָט געזונגען, און דער אָרקעסטער האָט געשפּילט. איבּערן קאָפּ זיינען געפלויגן א פולע אַעראָפּלאַנען. מיר זיינען געגאַנגען פון 11 אַ זייגער אינדערפרי בּיז 5 אַזייגער בּאַטאָג. דערנאָך זיינען מיר אַוועק אהיים. אָפּגעגעסן וואַרמעס און מאַרש אין קינאָ. אין קינאָ האָט מען געשפּילט „די רויטע טעג פון אָקטיאַבּר".

אָט אַזוי האָבּן מיר פריילעך פאַרבּראַכט דעם יאָנטעוו פון דער אָקטיאבּר-רעוואָלוציע.



# אין די אָקטיאבר-טעג (זיכרוינגעס)

(עס ליינט דער לערער)

## אין סמאָלני

דאָס איז געווען אין פעטראָגראַד (איצט איז דאָס לענינגראַד) דעם 7-טן נאָיאַבר באנאכט. אפן גאַס איז פינסטער, כוישעך. אַף די ראָגן שטייען סאָלדאטן מיט פיקעס. הין און צוריק איבערן גאַס פליען אַרום אַוטאָמאָבילן, אָנגעלאָדענע מיט ארבעטער און האַרמאַטן. די סאָלדאַטן מיט די פיקעס שטעלן אָפּ יעדער אוטאָמאָביל און פרעגן „פּראָפּוסקן”. אָט פליט דורך א גאַנצע מאַכנע רייטער. מע בעט באַ זיי א „פּראָפּוסק”. זיי ענטפערן ניט און פאָרן אַוועק. דער פּאַטרול הויבט אָן אַף זיי שיסן, זיי ענטפערן אָפּ מיט א שיסעריי און ווערן פאַרשוואונדן.

אין גאַס איז פול מענטשן: אַרבעטער, סאָלדאַטן, סאָכרים, אָפיצערן.

איך און נאָך עטלעכע כאַווירים זיינען אַוועק אין סמאָלני, אַ גרויסער פּאַלאַץ. דאָרט האָט זיך געפונען דער באָלשעוויסטישער שטאָב.

אַפן גאַס איז קאַלט: באַם סאַמע טויער פון סמאָלני האָבן די רויטע גוואַרדייער פאַנאַנדערגעלייגט א פייער. זיי שטייען און וואַרימען זיך. מיר ווילן אַריין אין טויער—מע לאָזט ניט.

— עי, פּראָפּוסק!

מיר ווייזן אונזערע פּאַפּירן. די רויטע גוואַרדייער נעמען באַ אונז צו די פּאַפּירן און באַטראַכטן זיי באַם שיין פון שייטער.

דער עלטערער באַטראַכט אונז פון קאָפּ ביז די פיס און הייסט אַריינלאָזן.

מיר גייען אַריין אין הויף. עס קאָכט דאָרט ווי אין אַ קעסל. דער גאַנצער הויף איז פול מיט אוטאָמאָבילן, פורן, פערד, וועגענער. אַף די אוטאָמאָבילן שטייען האַרמאטן, ביקסן, פּאַטראָנעס. אַלע אוטאָמאָבילן האָבן געהאַלטן אין איין רוישן, אַז מע האָט בעשום אויפן קיין וואָרט ניט געקענט הערן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע לופט טרייסלט זיך.

אינעווייניק אין פּאַלאַץ איז אַ טומל, א געפּילדער: אַרבעטער אין לאַנגע בלוזעס מיט ביקסן און אָן ביקסן, סאָלדאַטן אין גראָבע קויטיקע שינעלן, גרויע היטלען, מאַטראָסן—אַלע מיט אויפּערעגטע פּענימער זיינען געלאָפן אַרויף און אַראָפּ פון די טרעפּ. אַלע ריידן גיך און פּאַראַמאָל.

— דער וואָקזאַל איז שוין אויך אין אונזערע הענט.

— היינט פּאַרטאָג מוז מען אַרעסטירן קערענסקין מיט זיין רעגירונג און פאַרנעמען דעם טעלעגראַף.

— אַלע סקלאַדן מיט געווער זיינען שוין אין אונזערע הענט.

— מע דאַרף שיקן אַן אָטריאַד פאַרנעמען די פּאָסט.

# ווי אזוי מע האָט ארעסטירט קערענסקיס רעגירונג

מיר זיינען צוריק ארויס אפן הויף. פול און פול אַווטאָמאָבילן. פון ווייטן הערט זיך א שיסעריי פון האַרמאַטן. אַרבעטער מיט ביקסן און אָן ביקסן, מאַטראָסן אין היטלען און אָן היטלען, סאָלדאַטן — אלע קריכן אַף די אווטאָמאָבילן.

— וואוהין פאָרט איר דאָס, כאַווײרים?

— אַרעסטירן די בורזשויען.

— וועלכע בורזשויען?

— קערענסקין מיט זיין רעגירונג.

מיר זיינען אַרויפגעקראָכן אַף די אווטאָמאָבילן און אַוועקגעפאָרן.

אין גאַס איז שוין קימאַט קיינער ניטאָ.

אַף יעדער ראָג איז פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער. סאָלדאַטן מיט ביקסן שטייען אין רעדלעך און וואַרימען זיך.

— עי, פּראָפּוסק!

דער שאָפער באַווייזט זיי א פאַפּירל, און מיר פאָרן ווייטער.

— אָט אין דעם מויער, זאָגט איינער, איז דאָ אַסאַך קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן. זיי קאָנען נאָך אָנהויבן שיסן אַף אונז, אַלע גרייטן אָן די ביקסן... מיר פאָרן ווייטער.

— וואוהין פאָרן מיר? — פרעג איך א סאָלדאַט, וואָס האַלט אַ פּאַק צייטונגען מיט אויפרופן אין די הענט.

— אין ווינטער-פּאַלאַץ, אַרעסטירן די בורזשואזע רעגירונג,—ענטפערט ער. אַפן וועג באַגעגענען מיר אווטאָמאָבילן געפּאַקטע מיט מענטשן, מיט גרויסע פלאַקאַטן און פאָנען. אין דער פינסטער דערקענט מען ניט וואָס איז דאָס פאַר אן אווטאָמאָביל.

מיר דערנענטערן זיך צום ווינטער-פּאַלאַץ. די אַווטאָמאָבילן שטעלן זיך אָפּ. מע קען ווייטער ניט פאָרן. עס הערט זיך א גערודער פון האַרמאַטן. עס הויבט שוין אָן צו טאָגן.

פון ווייטן זעען זיך האַרמאַטן שטייען אין דער הויף, אָנגעשטעלטע אַף אונז מיט די מיילער. סאָלדאַטן, מאַטראָסן און אַרבעטער לויפן אַרום הין און צוריק. א גרויסער רויך.

אנטקעגן דעם ווינטער-פּאַלאַץ האָבן די רויט-גוואַרדייער אָנגעשטעלט פון ביידע זייטן האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס. ס׳הערט זיך אַ גרויסע שיסעריי. די פּורמאַנעס האָבן זיך גענומען צעלויפן אין אַלע זייטן.

איינער אַ סאָלדאַט לויפט אונטער צו אונזער אווטאָמאָביל און זאָגט, אַז די ווייסע גיבן זיך אונטער, זיי האָבן אַרויסגעשטעלט א ווייסן פלאַג. די שיסעריי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

מיר זיינען אַלע צוגעלאָפן צו די טויערן פון ווינטער-פּאַלאַץ. די פּאַט-רולן פון די ווייסע זיינען שוין ניטאָ. זיי זיינען צעלאָפן געוואָרן. נעבן די

טויערן ליגט אָנגעוואָרפן האָלץ, אַלטע מעבל, בעטלעך, וועגענער, קעדיי מע זאָל אַזוי גיך ניט קענען דורכגיין. אַפן הויף זעט זיך קיינער ניט, זיי האָבן זיך באַהאַלטן, נעבן טויער שטייען שוין אונזערע פּאַטרולן — מאַטראָסן. אין אַ ווײַלע אַרום, ערשט מע פירט פון פּאַלאַץ אַרעסטירטע אָפּיצערן און נאָך זיי קערענסקיס מיניסטאָרן. קערענסקין אַליין האָט מען ניט געפּאַקט: ער האָט זיך מיט אַ טאָג פריער ערגעץ אָפּגעטראָגן. מע האָט די אַרעסטירטע צוגעפירט צום טויער.

— אָט זיינען די אַדל-לייט, זאָגן די מאַטראָסן. מע האָט זיי אָפּגעפירט אין פעסטונג.

ווען מיר זיינען געפאָרן צוריק, איז שוין געווען גרויסער טאָג. אווטאָמאָבילן, באַפּוצטע מיט פּלאַקאַטן און רויטע פאָנען, זיינען געפלויגן איבער די גאַסן און געוואָרפן צייטונגען און אויפרופן, מענטשן זיינען נאָכגעלאָפן און געכאַפּט די אויפרופן. איך כאַפּ אויך אַן אויפרוף און לייען:

„כאַווײַרים!

„די בורזשואזע רעגירונג איז אַראָפּ. די מאַכט איז אַריבער אין די הענט פון סאָוועט פון די אַרבעטער און פויערים.

„די זאַך, פאַרוואָס דאָס פאָלק האָט געקעמפט—פאַר אויס מילכאָמע, פאַר אָפּגעבן די פּריצישע ערד די פויערים, פאַר אָפּגעבן די פאַבריקן און זאַוואָדן אין די הענט פון די אַרבעטער—אָט דאָס אַלץ איז באַוואָרנט.

„זאָל לעבן די מאַכט פון די אַרבעטער און פויערים!"

# באנדיטן

(זיכרוינעס פון א קינד)

1

דאָס איז געווען באַנאכט. אַלע האָבן שוין געשלאָפן. מיטאַמאָל האָט מען אָנגעהויבן קלאַפּן אין די פענסטער און שיסן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. די מאמע איז אויך אויפגעשטאַנען און האָט אויפגעוועקט דעם טאטן.

פרעגט דער טאטע:

— ווער קלאַפּט עס אין פענסטער?

ענטפערט פון גאַס א גראָבער שיקערער קאָל:

— אָרוזשיע אר וואָס יעסט?

זאָגט דער טאַטע:

— ניעט.

האָט מען געהייסן עפענען די טיר. דער טאַטע האָט געעפנט. עס זיינען אַריין דריי פּוילישע.

— דאוואי פעניאָנזי, פשאַקרעוו!—האָבן זיי געשריען.

זאָגט דער טאַטע, אַז בּאַ אונז איז ניטאָ קיין געלט. נאָר זיי ווילן ניט הערן.

— דאוואי, אַטאָ סטשעלאַטש בענדע!

זאָגט די מאַמע צו די באַנדיטן:

—זוכט, אויב איר וועט געפינען—נעמט.

האָבן זיי גענומען ברעכן דעם אַלמער, די קאַסטנס — נאָר קיין געלט איז ניט געווען. האָבן זיי אָנגעהויבן שלאָגן דעם טאַטן מיטן ברודער. זיי האָבן צוגענומען די בעטגעוואַנט פון בעט און מע האָט אַרויסגעטראָגן אפן גאַס. אין הויף איז געשטאַנען א פור. די גאַנצע זאַכן האָבן זיי אַרויפגעלייגט אפן פור.

2

דערנאָך האָבן זיי אַרויסגערופן מיין עלטערן ברודער אפן הויף. זאָגן זיי צום ברודער:

— דו ביסט א קאָמוניסט—דאַרפן מיר דיך שיסן!

זאָגט דער ברודער:

— שיסט!

זאָגן זיי:

— גיי אַריין אין שטוב. דו האָסט נאָך פינף מינוט צו לעבן. זאָג דיין טאַטן—ער זאָל אונז געבן גאָלד, וועלן מיר דיך ניט שיסן.

זאָגט מיין ברודער:

— מיין טאַטע האָט ניט קיין גאָלד. ער איז אַן אָרימער איד.

זאָגן די באַנדיטן:

— נו, ווען מיר אייך אַלעמען שיסן!

האָט מען אונז אַלע אוועקגעפירט אין פעלד שיסן. אין וועג איז מיין אינגערער ברודער מיט די שוועסטער אַנטלאָפן. זיי האָבן זיך ארויסגעדרייט און זיינען אנטלאָפן איבער גערטנער צו א פויער אין א שייער.

3

אַז מיר זיינען געקומען אין פעלד, איז צו די באַנדיטן צוגעגאַנגען א פוילישער אָפיצער און האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן אונז לאָזן און אַליין זאָלן זיי גיין צוריק אין זייערע קאַזארמעס, ווייל עס דאַרפן באַלד קומען די באָלשעוויקעס. האָבן די באַנדיטן גענומען שמייסן דעם טאַטן, דעם ברודער. זיי האָבן געשלאָגן מיטן פריקלאַד איבערן פלייצע, ביז דער טאַטע איז געפאַלן. דערנאָך האָבן די באנדיטן אויסגעשאָסן אין דער הויך און אנטלאָפן. און מיר זיינען אויך אנטלאָפן אהיים. אין שטוב איז אַלץ געווען צעבראָכן, צעשטאָכן.

די מאַמע האָט געוויינט.

4

אז מיר זיינען געזעסן אין שטוב—האָבן מיר דערהערט, ווי מע קלינגט אף א ס ר ״ פ ע. די פוילישע האָבן אונטערגעצונדן דעם בריק איבערן טייך. אלע האָבן געוואָלט גיין לעשן. נאָר די פוילישע האָבן ניט געלאָזן. זיי האָבן געשאָסן און געוואָרפן באָמבעס איבער די קעפּ. אלע זיינען געלעגן באהאלטן אין די קעלערס. מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט, ווי מע שרייט „הוראַ״.

אפן גאַס איז א טומל. די באָלשעוויקעס זיינען געקומען. אַלע זיינען געלאָפן באַגעגענען די באָלשעוויקעס.

מע האָט געטראָגן ברויט מיט פוטער. און אלע זיינען מיט פרייד געלאָפן אונטערן שטאָט אַנטקעגן די באָלשעוויקעס.

5

די באָלשעוויקעס האָבן גענומען לעשן די סרייפעס. אַלע רויטאַרמייער זיינען געלאָפן צום וואסער און אף פורן געפירט וואסער צו לעשן די סרייפעס.

און אז די רויטארמייער האָבן שוין פאַרלאָשן די סרייפע, איז געוואָרן אין שטאָט פריילעך. אף אלע גאַסן זיינען געשטאַנען רעדלעך מענטשן און מע האָט גערעדט.

די באָלשעוויקעס האָבן אונז באַפרייט פון די ווילדע ווייסע פוילן. די רויטארמייער האָבן צעקלאַפּט די פוילישע ארמיי.

זאָל לעבן די רויטע ארמיי!

# אַפן גליטש

ליזשבעס פון אַ העלצעלע,
שייטלעך דאָ ניט קאַרג,
אָנגעטאָן דאָס פעלצעלע
און דאָס וואַרים היטעלע,—
דו נעם מיט אַ שליטעלע
און אַ לאָז צום באַרג.

שטייט דער באַרג אַ ווייסינקער!
—כ'וואַרט אַף אייך, איך בלייב.
קומט זשע, קינדער, פלייסיקער,
גלעט מיין רוקן, טייערע,
רייבט גוט אויס מיט אייערע
פיסעלעך מיין לייב.

לויפן קינדער, יאָגן זיך
לעבעדיק — היי, היי!
פייל פון בויגן טראָגן זיך.
הערצלעך פריילעך פּייקלען זיך,
שטיפער פאַלן, קייקלען זיך
לאַכנדיק אין שניי.

גליטשט זיך, ליזשבע-הערצעלע,
שליטל, שטיי ניט אָפּ!
הייס, הייס, הייס אין פעלצעלע,
צופּ, צופּ, פרעסטל שטילינקער,
שטופּ, שטופּ, ווינטל קילינקער!
היט זיך, האַידאַ, האָפּ!

# ווי אזוי פּיאָנערן האָבן געמאכט א שניי-באַרג

(דערציילונג פון א אינגעלע)

העגנט א מעלדונג:

> כעוורע! מיר אלע ווילן האָבן א גוטן באַרג צום גליטשן זיך. מאָרגן זאָלט איר מיטנע-מען מיט זיך א לאָפּעטע צו רייניקן דעם שניי, ברעגגט אייערע שליטלעך און קלייבט זיך צונויף פונקט 9 אזייגער אינדערפרי נעבן דעם גרויסן קאשטאן-בוים הינטערן גאָרטן.
>
> אָרגאַניזאטאָרן:
>
> בערל, מוישקע און איציק.

ווען מיר האָבן איבערגעלייענט אָט די מעלדונג, האָבן מיר שוין גאָר פארגעסן וועגן די לימודים. עס האָט זיך אונז געוואָלט וואָס גיכער אָפּן באַרג.

אפן אנדערן טאָג, זונטיק, זײַנען מיר שוין אַלע געווען נעבן קאַשטאַן-בוים. אַפילו מיידלעך זײַנען אויך געקומען.

— איך רוף אַלעמען צו אָרדענונג! — האָט אַ געשריי געטאָן איציק. — אין שטאָט איז קויטיק. עלטערע מענטשן און פורלייט שטערן אונז צו גליטשן זיך. בעסער לאָמיר מאַכן דעם באַרג דאָ. גוט.

גוט, גוט! — האָבן מיר געשריִען.

— כעוורע, — האָט מוישקע אויסגערופן, — אויב אַלע ווילן — איז לאָמיר אָנהויבן. אַלע די, וואָס טראָגן גרויסע שטיוול, זאָלן זיך שטעלן צו פיר אין אַ ריי און גיין צו יענעם אָרט, וואו עס פלאַטערט אַ רויטע פאָן. אַלע איבעריקע זאָלן גיין נאָך זיי.

באַלד האָבן מיר אַלע אויסגעטראָטן אַ גוטן, האַרטן וועג.

— איצט נעמט זיך פאַר די שליטלעך — האָט אויסגעשריִען בערל, — פירט אַהער דעם שניי און טרעט אַף אים!

אַלע האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט, און צו האַלבן טאָג איז דער באַרג שוין געווען פאַרטיק. אין דעמזעלביקן אָוונט האָבן מיר זיך שוין געגליטש באַרג אַראָפּ.

אָן די שטאָטישע גאַסן האָבן מיר פאַרגעסן. דאָ האָט אונז קיינער ניט געשטערט.

1. וואו גליטשט איר זיך אַף גליטשערס און אַף שליטלעך?

2. לאָמיר מאַכן אַ גרויסן שניי-באַרג. וואו וועלן מיר אים מאַכן? ווער פון אײַך וועט ברענגען שליטלעך? ווער פון אײַך וועט ברענגען אַ לאָפּעטע? ווי אַזוי וועט איר פאַרגיסן אײַער גליטשלקע מיט וואַסער?

# ר י ז ן

(אַ שפּיל)

אַלע קינדער צעטיילן זיך אַף צוויי פאַרטייען, יעדער פאַרטיי קלײַבט זיך אויס אַן עלטסטן. אין בײַדע עקן פון דעם פּלאַץ מאַכט יעדער פאַרטיי אַ גרויסע באַבע פון שניי. די באַבעס דאַרפן זײַן אַ טריט 30 איינע פון דער אַנדערער. פון פאָרנט פון די באַבעס, אָפּגערוקט אַף 8 טריט, פירט מען דורך אַ ליניע. אַף דידאָזיקע ליניעס שטעלן זיך אויס די פאַרטייען, מיט די רוקנס צו זייערע באַבעס און מיט די פּנימער איינע אַנטקעגן די אַנדערע. איצטער דאַרף מען מיט שניירקעס אַראָפּקלאַפּן דעם קאָפּ פון דער פּרעמדער שניי-באַבע. די שניירקעס וואַרפט מען איינציקווייז, איינער נאָך דעם אַנדערן, און לויט אַ קאָמאַנדע פון דעם עלטסטן. דער, וואָס וואַרפט די שניירקע, מוז מיט איין פוס שטיין אַף דער ליניע. פאַרטיידיקן די אייגענע באַבע טאָר מען ניט. די פאַרטיי, וואָס האָט אַראָפּגעקלאַפּט אַ קאָפּ, געווינט אַן „אוי ג". מע שפּילט ביז אַ געוויסער צאָל אויגן, וואָס מע באַשטימט פון פריער.

## פון מיין טאגבוך

די קעלט האָט געווירקט אף אַלדאָס ארומיקע: אַף דער ערד, אף גע-וויקסן, אף באַלעכאַים.

די ערד איז הארט געוואָרן, ווי שטיין, גראָבן זי איצט איז זייער שווער. די בלעטער פון די אייביקע געוויקסן זיינען שוואַרץ געוואָרן פון פראָסט. די בלעטער פון קוסטן און ביימער, וואָס זיינען פריער פון גרין געוואָרן רויט, געל אָדער ברוין, זיינען איצט אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן. נאָר די אייביק גרינע נאָדל-ביימער האָבן איינגעהיט זייערע גרינע נאָדעלעך.

אינסעקטן, יאַשטשערקעס און זשאַבעס זיינען אינגאנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. פויגל זיינען אוועקגעפלויגן.

# דער קירצסטער טאָג

דער 22-טער דעקאַבר איז דער קירצסטער טאָג.

אין דעם טאָג גייט אויף די זון אין לענינגראַד 9 אַזייגער אינדערפרי און פאַרגייט אַרום 3 אַזייגער באַטאָג. דער גאַנצער טאָג געדויערט קאַרגע 6 שאָ.

איך האָב דעם טאָג פאַרצייכנט אין מיין טאָגבוך.

---

דער 23-טער דעקאַבר איז דער טאָג, ווען די זון „פאַר-קערט זיך אף זומער". דער טאָג הויבט אָן וועלן גרעסער. די זון גייט אויף אַלץ פריער און פאַרגייט אַלץ שפּעטער.

---

דערגייט, וויפל אַזייגער גייט אויף די זון דעם 22-טן דעקאַבר אין אייער שטאָט?

ווען פאַרגייט זי?

1. כאַפּט אָן אפן ארבל א שנייעלע, קוקט זיך גוט צו און פארמאלט עס.
2. קוקט זיך צו גוט, צי דער שניי קלעפּט זיך הייבט גוט, פאַרוואָס?
3. וועלכער שניי איז ווייסער—דער, וואָס איז ערשט ארויסגעפאַלן, אָדער דער, וואָס ליגט שוין לאַנג?
4. וועלכן קאָליר נעמט אָן דער שניי, ווען ער צעגייט?

5. נעמט אָן אַ פולע קיילע מיט שניי. דעם שניי זאָלט איר גוט איינ־פּרעסן. ברענגט אים און שול און זעט, וויפל וואסער עס איז געוואָרן פון דעם שניי — מערער צי ווייניקער? און וויפל מאָל? זאָגט, וואָס איז שווערער — שניי צי וואסער? וועגט אָפּ א גלאָז שניי און א גלאָז וואַסער.

6. מעסט אויס מיט א מעסט-ווירע די טיפקייט פון שניי אין אלע ערטער פון גאָרטן.

7. ענטפערט, פאַרוואָס ליגט דער שניי אף דער ערד ניט אומעטום גלייך.

## אונזער שול האט ווינטער געשפייזט פויגעלעך

אונזער שול האָט א קליינעם גאָרטן. די פענסטער פון אונזער גרופּע קוקן אַרויס צו אן אלייע. די אלייע איז פאַרזעצט מיט ליפּעס. געקומען ווינטער. דער גאָרטן האָט זיך באַדעקט מיט שניי. דער שניי האָט פאַר־שאָטן די בענקעלעך און דעם טישעלע. אף דעם טישעלע פלעגן מיר קלעפּן, ווען עס איז געווען וואַרים.

היינט האָט איסאַק געבראַכט אין שול א קליין פויגעלע. די לערער־קע האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן דאס פויגעלע אָנקאָרמענען און לאָזן פריי. מיר האָבן אזוי געטאָן.

מיר האָבן געענדיקט די לימודים. מיטאמאל האָט איסאַק דערזעען אפן פענסטער צוויי פו געלעך. מיר האָבן אף זיי ראכמאָנעס געהאַט און צוגעוואָרפן זיי ברעקלעך ברויט.

די לערערין האָט אונז דערציילט, ווי שווער עס איז פאַר די פויגע־לעך צו קריגן שפּייז אום ווינטער. און מיר אלע האָבן באַשטימט אָפּצוריי־ניקן דעם גאָרטן-טישעלע פון שניי. אפן טישעלע וועלן מיר אלע טאָג שיטן קערנער און ברעקלעך ברויט — זאָלן די פויגעלעך עסן.

אינגיכן האָבן מיר דערזען, ווי צו אונז אין גאָרטן, אפן טישעלע, קומען צו פליען אַסאך פויגעלעך. פריער האָבן זיי מוירע געהאַט פאַר אונז. ווי נאָר מיר פלעגן צוגיין צום טישל, פלעגן זיי זיך באַלד צעפליען.

דורכגעגאַנגען איין וואָך, נאָך א וואָך, — די פויגעלעך האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו אונז. זיי פלעגן שוין פון אונז ניט אנטלויפן, אפילע ווען עמיצער פון אונזערע קינדער פלעגט צוגיין נאָענט צום טישל. די פויגעלעך פלעגן זיך שטיין און פּיקן.

א גאַנצן ווינטער האָבן מיר געשפּייזט די פויגעלעך. אין די שטארק־סטע פרעסט פלעגן צו אונז קומען צו פליען אונזערע הונגעריקע פריינט,

# אונזער קאלענדאר פון דער נאטור

## יאַנואַר

| טאָג | דאַטע | וועטער | ווער האָט זיך צוגעקוקט | נאטור און מענטשן<br>וואָס דערזעען |
|---|---|---|---|---|
| זונטיק | 11 | ■ | סאָניע לעווין | אין סאָד האָבן די קראָען זייער שטאַרק געשריען |
| מאָנטיק | 12 | ■ | | |
| דינסטיק | 13 | □ | מאָטקע סאָרקין | אפן גאַס האָבן זיך געשלאָגן די מיסט-פויגעלעך |
| מיטוואָך | 14 | ■ | | |
| דאָנערשטיק | 15 | □ | מישקע לייטעס | קראען האָבן זיך געקו-ליעט אין דער לופטן |
| פרייטיק | 16 | □ | | |
| שאבעס | 17 | ■ | | |

א זוניקן טאָג זאָלט איר אָפּצייכענען מיט א ווייסער רעדעלע.

א כמארנעם טאָג—מיט א שווארצער רעדעלע.

* * *

שוואַרצע קראָען אַף ווייסע בוימער
האָבן אויסגעזעצט זיך טויזנט —
און די פליגל פעסט פאַרנומען
זיצן זיי זיך שטיל און גרויזאַם.

און זיי קוקן פון דערהויכן
ווי עס ציען זיך פון קוימענס
שטילע קייטלדיקע רויכן
צו די קאַלטע גרינע רוימען.

טויזנט אויסגעווייסטע צווייגן —
אַף זיי טויזנט שוואַרצע קראָען
וואַרטן איבער איצט אַ שווייגן
פון פרימאָרגנדיקע שאָען.

## קוקט זיך צו צו דער מיסטפויגעלע*)

שרייבט אַריין די פראַגן צו זיך אין העפט און ענטפערט אף זיי.

1. ווער איז גרעסער — אַ מיסטפויגעלע, צי אַ קראָ?
2. פון וועלכן קאליר זיינען באַ אַ מיסטפויגעלע די פעדערן פון דער פלייצקע? פון ברוסטל?
3. וואָס עסט אַ מיסטפויגעלע אום ווינטער?
4. וואו געפינט אַ מיסטפויגעלע שפייז אין די ווינטער-כאַדאָשים?
5. וואו לעבט אַ מיסטפויגעלע אום ווינטער?

---

*) מיסטפויגעלע — Воробейчик.

## צי קענט איר די קראָ?

1. ווי גרויס איז א קראָ—גרעסער פון א טויב, צי קלענער?
2. דערציילט, פון וועלכן קאָליר איז בא דער קראָ: דער קאָפּ, די ברוסט, די פליגלען.
3. קוקט זיך צו, וואו לעבט און מיט וואָס שפּייזט זיך א קראָ אום ווינטער.
4. וואו נעכטיקן די קראָען: אף צווייגן, צי אין נעסטן? איינציקווייז צי טשאָטעסווייז?



## צי קענט איר אונטערשיידן אַ האלקע פון א קרא?

1. ווער איז גרעסער—א האלקע, צי א קראָ?
2. פון וועלכן קאָליר איז א האלקע? איר קאָפּ?
3. וועלכע אויגן האָט אַ האַלקע? און א קראָ?
4. ווי שרייט אַ האַלקע און ווי שרייט א קראָ?
5. מיט וואָס שפּייזט זיך א האלקע אום ווינטער?
7. ווי לעבט א האלקע?
7. מיט וואָס איז א האלקע ענלעך צו א קראָ און מיט וואָס איז זי ניט ענלעך?

## א פּרואוו איבער א שישקע פון א סאסנע, אדער פון א טענענבוים

1. רייסט אַראָפּ פון א טענענבויב אָדער פון א סאָסנע א פרישע שיש-קע און פּרואווט ארויסטרייסלען פון איר די זוימען.

2. אויב דאָס וועט זיך אייך ניט איינגעבן, זאָלט איר די שישקע אוועקלייגן אַפן אויוון אויסטריקענען, נאָכדעם נעמט ווידער טרייסלען. די זוימען וועלן אַרויספאַלן.

3. נעמט די שישקע און מאכט זי ווידער נאַס, פּרואווט זי טרייסלען און קוקט, צי עס וועלן ארויספאַלן די זוימען.

4. פאַרשרייבט:

די זוימען פון א פייכטער שישקע . . . . . . . . . . . . . . . .

די זוימען פון אַ טרוקענער שישקע . . . . . . . . . . . . . . .

אין וואַלד שיטן זיך די זוימען ארויס אין א (נאסן, טרוקענעם) וועטער.

## דער טענענבוים

ווען דער פרילינג איז געקומען,
גערוישט, געלאַכט האָבן די בוימער
נאָר געשטאַנען שוואַרץ און בייז.
איז דער טענענבוים אין טאָל.

ווען דער ווינטער איז געקומען
האָבן שטיל געוויינט די בוימער,
נאָר דער טענענבוים אַליין
האָט געגרינט ווי אַלעמאָל.

# וועמעס טריט זײַנען דאָס?

1. אָט גײען איבערן שנײ קינדער און עלטערע מענטשן. אויפן שנײ בלײַבן זײערע טריט. פֿאַרמאָלט די טריט. מעסט אויס זײער ברײט און לענג.

2. מאַכט א שפּיל אין טרעפֿינקעס: קלײַבט אויס א טרעפֿער און פֿאַרבינדט אים די אויגן. אײנער פֿון אײַך זאָל זיך דורכגײן רואיק איבערן שנײ, דער צווײטער זאָל דורכלויפֿן איבערן שנײ און דער דריטער זאָל דורכשפּרינגען. איצט זאָל דער טרעפֿער דערקענען נאָך די טריט, ווי אזוי יעדערער פֿון אײַך איז דורכגעגאַנגען איבערן שנײ.

4. זוכט אויס אין גאַס טריט פֿון א פֿערד, פֿון א קו, פֿון א ציג און פֿאַרמאָלט זײ.

4. זוכט אויס בײַ זיך אין הויף טריט פֿון א הונט, א קאַץ, א הון, אן ענטל, א קראָ, א מיסטפֿויגעלע און פֿאַרמאָלט זײ.

5. ברענגט די געמעלן אין קלאַס און זאָל עמיצער פֿון אײערע כאַווײרים דערקענען, וועמעס טריט זײַנען דאָס.

6. ווען איר וועט זײַן אין וואַלד, אָדער הינטער שטאָט, זאָלט איר דאָרטן אויסזוכן די טריט פֿון א האָז. נאָך די טריט זאָלט איר דערקענען, אין וועלכער ריכטונג דער האָז איז געלאָפֿן.

# באַאָבאַכטונגען איבער וואַסער

1. אין וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך וואַסער, ווען עס זידט?

2. וואו קומט אהין דער דאַמף?

קוקט זיך צו צו דעם דאַמף, וואָס גײט ארויס פֿון טשײניק.

3. וואו טרײַקנט זיך בעסער די נאַסע גרעט—אויף דער זון אָדער אין שאָטן? אויפֿן ווינט, אָדער אין א שטילן אָרט?

4. אָט גײט פֿון סאַמאָוואַר אַ פּאַרע. נעמט א טעצל און האַלט א װײַלע אויפֿן דאַמף און זעט וואָס וועט ווערן אויפֿן טעצל.

5. ווען ווערט א נעפּל? פֿאַרוואָס?

6. צי קען גײן א רעגן פֿון א בלויען הימל? און שנײ?

7. וואָס גײט בײַ אונדז פֿון מויל, ווען מיר עטעמען אויפֿן פֿראָסט?

8. קוקט זיך צו צו דעם טערמאָמעטער. וואָס הײסט עס — 10 גראַד? בײַ וויפֿל גראַד זידט וואַסער?

9. וויפֿל גראַד איז אין א גרויסן פֿראָסט?

וויפֿל גראַד איז אין אן אָטליע?

# באָבאַכטונגען איבער אייז

1. פון וועלכן קאָליר איז א קריע?
2. פון וועלכן קאָליר איז א שטיקל אייז, ווען מע צעשטויסט אים?
3. צי קען מען לייענען דורך אייז?
4. לייגט אוועק אף א ברעטל א שטיק אייז. איצט נעמט אן אייזער־נעם דראָט און ווארפט אים אריבער איבערן שטיק אייז. בא די עקן פון דראָט הענגט אָן צו צען פונט מאסע. קוקט, וואָס וועט ווערן מיטן דראָט און מיטן אייז.
5. ווי שווימט אייז איבער וואסער? איז דער אייז אינגאנצן אין וואַ־סער, ווען ער שווימט? וועלכער טייל פון אייז ליגט אין וואסער?
6. וואָס וועט ווערן פונם אייז, ווען מען וועט אים אנווארימען?
7. גיסט אָן אַ פולע פלעשעלע מיט וואסער. פאַרשטאָפּט די פלעשל מיט א פראָפּן. איצט שטעלט ארויס די פלעשל אפן פראָסט. וואָס וועט ווערן מיט דער פלעשל? פארוואָס?

# א פעסטונג

אף א פרייען פלאַץ בויט מען אויס א פעסטונג פון שניי. די פעסטונג דארף מען בויען אזוי, אז מע זאָל זי קאָנען גוט פארטיידיקן פון דעם סוינע. מע מאכט ווענט פון שניי, אין די ווענט מאכט מען שיס־לעכער (אזוי ווי קליינע פענסטערלעך).

אַלע קינדער טיילן זיך אף צוויי פאַרטייען — באַלאַגערער און באלאגערטע. די ערשטע פאלן אָן און ווילן איינעמען די פעסטונג, די צווייטע פארטיידיקן די פעסטונג און שלאָגן אָפּ דעם אָנפאַל. דער קאַמף גייט מיט שניירקעס. האָט מען איינעם געטראָפן מיט א שניירקע, רעכנט ער זיך פאַר אַ געהאַרגעטן און גייט ארויס פון דער שפּיל. אויב דער שניי איז טיף און קינדער זיינען דאָ אסאַך קאָן מען גראָבן טראנשייען, קעדיי עס זאָל זיין גרינגער צוקומען צו דער פעסטונג. די באלאגערטע קאָנען ארויסקריכן פון פעסטונג און אליין אָנפאלן אף די באלאגערער, קעדיי צעטרייבן זיי.

די שפּיל ענדיקט זיך דאַן, ווען די באלאגערער גיט זיך איין צו פאַר־כאַפּן די פאָן, וואָס געפינט זיך אין פעסטונג.

# רעוואָלוציאָנערע טעג




וולאַדימיר אילאיטש אוליאַנאָוו — ל ע נ י ן.
געבוירן דעם 23-טן אַפּרעל 1870 יאָר
געשטאָרבן דעם 21-טן יאַנוואַר 1924 יאָר

## לענין — אַ גוטער כאַווער

I

וואָלאָדיע איז געווען אַ גוטער כאַווער. ער האָט ליב געהאַט העלפן זיינע כאַווירים, מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט: דערקלערן אַ שווערן לימעד, פאַריכטן אַ שריפטלעכע אַרבעט. אין די האַפסאָקעס, צווישן איין לימעד און דעם אַנדערן, איז ער געווען פאַרנומען אַלץ מיט אַזעלכע מינים אַרבעט.

אָפט פלעגט ער ספּעציעל קומען אין גימנאַזיע אַריין מיט אַהאַלב שאָ פריער, קעדיי צו העלפן די שוואַכערע כאַווירים מאַכן זייערע אויפגאַבן.

ער האָט ליב געהאַט שפּילן מיט כאַווירים. אַליין איז ער שטענדיק געווען דער אָנפירער פון אַלע שפּילן און שטיפערייען.

## II

## לענינס ברודער אַלעקסאַנדר

פאַרן קייסער אַלעקסאַנדר דעם דריטן (אַזוי האָט געהייסן דער פאָטער פון לעצטן קייסער ניקאָלאַי) האָט זיך די פויערים און אַרבעטער געלעבט זייער שלעכט. בּאַ די פויערים איז געווען ווייניק ערד. און פאַר דעם ביסל האָבן זיי אויך געמוזט צאָלן אַסאַך געלט די פּריצים און דעם קייסער. די אַרבעטער אוּף די פאַבּריקן האָבן געאַרבעט צו 16 שאָ אין מעסלעס און בּאַקומען אַזאַ קליינעם לוין, אַז פיל פון זיי זיינען געשטאָרבּן פון הונגער.

האָבן זיך געפינען מענטשן, וואָס זיינען אַרויס אין קאַמף קעגן די אלע אומרעכטן. דער קייסער אָבער פלעגט זיי פאַרזעצן אין די טורמעס אָדער גאָר אומברענגען פון דער וועלט. נאָר דאָס האָט ניט אָפּגעשטעלט די מוטיקע קעמפער.

לענינס ברודער, אַלעקסאַנדר, איז געווען איינער פון אָט די רעוואָלוציאָנערן.

האָט ער מיט נאָך אַפּאָר כאַווירים רעוואָלוציאָנערן באַשלאָסן האַרגענען דעם קייסער.

די פּאָליציי אָבער האָט זיי געכאַפּט און מע האָט זיי פאַרמישפּעט צום טויט.

## III

## „איך מוז זיך אָפּרעכענען מיט זיי"

קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן דעם טאָג — דערציילט לענינס ניאַניע — ווען מע האָט זיך דערוואוסט וועגן אַלעקסאַנדערס טויט.

מיר אַלע אין שטוב האָבן זיך צעוויינט. נאָר איין וואָלאָדיע איז געבליבן רואיק.

— וואָס זאָל איך וויינען? — האָט ער געזאָגט מיט אַ פעסטער שטימע — דערמיט וועל איך ניט העלפן. איך מוז

זיך אָפּרעכענען מיט זיי.—אי דהאָב ניט פאַרשטאַנען מיט וועמען מוז ער זיך עס אָפּרעכענען.

נאָכן ברודערס טויט איז וואָלאָדיע זייער ערנסט געוואָרן. האָט אַסאַך, אַסאַך געאַרבעט איבער ביכער.

ערשט איצט, בעשאַס דער רעוואָלוציע, האָט מען מיר אין צייטונג איבערגעלייענט, אַז וולאַדימיר איליטש האָט געמאכט די גאנצע רעוואָלוציע.

דאָ האָב איך ערשט פאַרשטאנען מיט וועמען ער האָט זיך דאָס געוואָלט אָפּרעכענען.

איך בין געווען גליקלעך. ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אז פון דעם קלוגן איינגעלע, וואָס איז געוואקסן אף מיינע אויגן, איז געוואָרן אזא גרויסער מענטש. א פארטיידיקער פון אלע אָרימע אף גאָר דער וועלט.

IV

## אן אלטיטשקער אין ברילן

די בורזשויען האָבן געוואָלט כאַפּן לענינען און הארגענען! האָט לענין אָפּט זיך געמוזט פאַרשטעלן מע זאָל אים ניט דערקענען.

דעם 7-טן נאָיאַבר, און דעם טאָג ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציע, האָט מען געזעען ווי אף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג איז אַריינגעקומען אַן אַלטיטשקער אין בלויע ברילן מיט אַן אַרומגעבונדענער באַק.

און באַלד האָט זיך אַף דער פאַרזאַמלונג דערהערט אַ פעסטע שטימע, לענינס שטימע:

ברויט די הונגעריקע!
פריד — די פעלקער!
ערד — די פויערים!
די פאַבריקן — די-אַרבעטער!

און ניט אַלע האָבן געוואוסט, ווי אַזוי איז עס מיטאַמאָל אַהער געקומען לענין.

## וואס קרופסקע האט געזאגט

דעם 26-טן יאנוואר איז פאָרגעקומען א טרויער-זיצונג פון דעם אל-פאַרבאַנדישן סאָוועטן-צוזאמענפאָר. די כ-טע קרופסקע האָט געהאַלטן א רעדע און האָט געזאָגט:

— כאוויירים, פאַר די טעג, וואָס איך בין געשטאנען באם אָרן פון וולאדימיר איליטש, האָב איך איבערגעטראַכט דאָס גאַנצע לעבן זיינס, און אט וואָס איך וועל אייך זאָגן. זיין האַרץ האָט געקלאַפט מיט הייסער ליבע צו אלע ארבעטנדיקע, צו אלע געדריקטע. קיינמאָל האָט ער דאָס קיינעם ניט געזאָגט, קיינמאָל האָט ער דערפון ניט גערעדט.

געקומען איז ער צו די ארבעטער ניט ווי א לערער, נאָר ווי א כאַ-ווער. ער האָט ניט נאָר גערעדט פאַר זיי און דערציילט זיי, ער האָט אויפ-מערקזאַם אויסגעהערט דאָס, וואָס דער ארבעטער האָט דערציילט.

וולאַדימיר איליטש האָט געוואָלט, אז די מאכט זאָל געהערן דעם ארבעטער-קלאס—באפרייען אלע געדריקטע, אלע ארבעטנדיקע.

כאוויירים ארבעטער און ארבעטערינס, כאָוויירים פויערים און פוי-ערטעס, ארבעטנדיקע פון דער גאנצער וועלט, שליסט זיך צונויף אין ענגע רייען אונטער דער פאָן פון לענינען, אונטער דער פאָן פון קאָמוניזם.

# וואס האט געוואלט וולאַדימיר איליטש?
# פאר וואס האָט ער אפגעגעבן זיין גאַנצן לעבן?

וולאדימיר איליטש האָט געוואָלט, אז עס זאָל ניט זיין אף דער וועלט קיין הארן און קיין קנעכט, עס זאָלן ניט זיין קיין רייכע און קיין אָרימע, א פּאָרעץ זאָל ניט האָבן קיין טויזנטער דעסיאַטין ערד, און א פּויער אינ-גאַנצן 2—3 דעסיאַטין. ער האָט ניט געוואָלט, אז די פּריצים זאָלן לעבן אין וואוילטאָג, גאָרניט טוענדיק, און די פּויערים, אפילע די פּויערשע קינדער, זאָלן ארבעטן, ניט אויסגלייכנדיק די פּלייצע, און זאָלן אפילע ניט האָבן קיין ברויט צו זאַט.

ער האָט ניט געוואָלט, אז אלע פאבריקן און זאוואָדן זאָלן געהערן צו א קליינער צאָל קאפּיטאליסטן, און מיליאָנען ארבעטער זאָלן גאָרניט האָבן, לאכלוטן גאָרניט. ער האָט ניט געוואָלט, אז די קאַפּיטאַליסטן זאָלן זיך באנוצן מיט אלדאָס בעסטע, וואָס איז פאראן אף דער וועלט, און דער-צו נאָך ניט ארבעטן, אין דער צייט ווען ארבעטער, וואָס ארבעטן א גאנצן טאָג, האבן ניט צו געבן זאַט אָפּצועסן זייערע קינדער, קאָנען זיי ניט בא-קליידן און באשוכן.

ער האָט ניט געוואָלט, אז די רייכע זאָלן שטיקן די אָרימע.

ער האָט געזאָגט, אז אלע מענטשן זיינען גלייך, וואו זיי זאָלן ניט לעבן און אין וועלכן טייל פון דער וועלט זיי זאָלן זיך ניט געפינען, פון וואָס פאר א הויט-פארב זיי זאָלן ניט זיין און אף וועלכער שפּראַך זיי זאָלן ניט ריידן.

ער האָט געקעמפט קעגן דעם, מע זאָל שטיקן די האָרעפּאַשנע. ער האָט געזאָגט, אַז אלע ארבעטער זיינען איינער דעם אנדערן ברידער, סאַי רוסן, סאי אידן, סאי נעגער, סאי יאפּאנער, סאי דייטשן, סאי פראנצויזן, אלע, וועלכע ארבעטן.

ער האָט געפאָדערט, אז די גאנצע ערד, אלע פאבריקן און זאוואָדן זאָלן געהערן צו די, וועלכע ארבעטן, און ארבעטן דארפן אלע — ווער עס ארבעט ניט, האָט ניט קיין רעכט צו עסן.

דער כאווער לענין האָט געפאָדערט, אז אלע קינדער פון אלע אר-בעטער און פון אלע פויערים זאָלן זיך לערנען אין שולן, אז שולן זאָלן זיין ניט בלויז פאר קינדער פון רייכע.

# פיר אַזייגער

פיר אַזייגער האָט מען פּאָנען געבויגן צו דער ערד,
פיר אַזייגער פאַרהאלטן דעם אָטעם
אין טרויער נאָך דעם, וואָס ערשט האָט געלעבט,
אין טרויער נאָך אַרבעטערס פּאָטער.

פיר אַזייגער זייבען הערצער
געבליבן פאַרשטיינערט,
און ס'האָבן דערהערט זיך
די טרויער-געוויינען.

ברומט עס אַ ווינט אַף אַ שבייאיקן וועג?
אָדער עס בויגן זיך סאָסנעס פון שרעק?
פיר אַזייגער דערפילט האָבן הערצער אַ קעלט —
מע האָט אין קייווער באַהאַלטן דעם שטאָלצן, דעם העלד.

לענין אַ טויטער

# א לעבעדיק בילד

שלוימקע, אורעמל, נעכאַמקע און עסטערקע האָבן אָפּ־גערעדט צווישן זיך דורכצופירן אַ לעבעדיק בילד. אָט אַזאַ בילד:

די ערד־קויל.

אַף איר שטייט דער פירער פון דער גאַנצער וועלט — ל ע נ י ן.

און אַרום דער ערד־קויל — שטייען די פעלקער.

אַלע יאַטלעך פון קינדער־היים האָבן געוואָלט אָנטייל נעמען.

— איך וועל פאָרשטעלן דאָס כינעזישע פאָלק — האָט פאָרגעלייגט שלוימקע.

— און איך וועל זיין אַ אינדוס, — האָט צוגעגעבן נע־כאַמקע.

— ווער זשע וועט זיין דער פירער פון דער וועלט — לענין?

דאָ האָבן זיך אַלע פאַרטראַכט. נאָר ניט אַף לאַנג.

— אַראָן וועט זיין! אַראָן — אַהער!

אַראָן איז אַ יאַטל מיט ברייטע פלייצעס און מיט אַ גרויסן קאָפּ. ער איז ווי אַ באָב, נאָר עס שאַדט ניט. וויכטיק איז, וואָס מיטן קערפּער איז ער זייער ענלעך צום „וועלט פירער“. און אויגן האָט ער לעבעדיקע אַזוינע.

— ווילסטו, אַראָן?

— וואָס?

— ווילסטו זיין לענין, טאַקע לענין אַליין!

— אַוודאי!

— אָט אַזוי ביסטו אַ יאַט!

האָט מען זיך דערפרייט. איצט איז געבליבן איין קלייניקייט: קריגן אַן ערד־קויל.

האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פאַרשלאגן:

— גוט וואָלט געווען נעמען אַ גרויסן טיש, אים אַרומ־לייגן מיט קישנס!

— ווייסט איר גאָר וואָס: אָט לאָמיר מאַכן פון שניי אַ גרויסע קויל. אַזאַ קויל, אַז אַלע פעלקער זאָלן קאָנען דורך איר אַרויסשטעקן די קעפּ. סײַ די כינעזער, סײַ די פּערסן, אינדוסן און אַמעריקאַנער.

— ווער זשע וועט עס מאַכן אַזאַ קויל?

— אַלע, אַלע פעלקער!

— ווי אַזוי זשע וועט אַזאַ קויל קאָנען שטיין אין צי־מער? אין צימער איז דאָך וואַרים, וועט דאָך די שניי־קויל צוגיין!

— אָ, אַף דעם האָבן מיר זיך גאָרניט געכאַפּט!

— עמעס... עס וועט צוגיין.

האָט מען גענומען טראַכטן.

— און אַז מיר וועלן צונויפקלייבן אונזערע אַלע קי־שעלעך...

— מע וועט ניט דערלויבן!

— אויב אַזוי... איז וועלן מיר מאַכן פון מאַטראַצן!

מיט גרויס מאַטערניש איז געוואָרן אויסגעבויט די ערד־קויל. דער טיש, בענקלעך, מאַטראַצן זײַנען אַריין אין דער אַרבעט, און די ערד־קויל איז גרייט.

— אילאַיטש, קריך אַרויף אַפן שפּיץ.

— באַלד, כאַווײַרים.

אַראָן קריכט געשווינד אַרויף אַפן שפּיץ פון דער ערד־קויל. און אַרום צעשטעלן זיך די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט: אינדוסן, כינעזער, פּערסן, אידן, פראַנצויזן, ענגלענ־דער, רוסן, אַמעריקאַנער, דײַטשן, יאַפּאָנער...

— אילאַיטש, מאַך אַ שטעלע פון אַ זיגער! הויב אויף די האַנט! העכער! אָט אַזוי!

— פעלקער, אַלע אַף די ערטער! כינעזער, שטיי אויף, זיי מויכל, ניט זיך!

— נעכאַמקע, דו ביסט אַ אינדוס און קוקסט גאָר, ווי אַ דורכגענעצטע הינדעל! הויב העכער דאָס „קעפּעלע", אַוורעמל! איציק, שטעל זיך אַהער. דו ביסט פראַנקרייך, דאַרפסטו שטיין נעבן דייטשלאַנד. אט אַזוי. גוט! פאַרטיק! עס הויבט זיך אָן! איליאיטש, העכער דעם קאָפּ! ווי ס'דאַרף צו זיין! דו ביסט דאָך דער פירער פון דער וועלט! אָט אַזוי!

דאָס לעבעדיקע בילד איז גרייט.

# שטילער, כאַווייִרים...

שטילער, כאַוויירים,
די היטלען אַראָפּ:
אַ יונגער אַרמייער
געלייגט האָט זיין קאָפּ...

געגאנגען אַ שטאָלצער
מיט ביקס אין דער האַנט,
זיך שלאָגן געגאַנגען
פאַר ארבעטער-לאַנד.

אַ גוטער סאָלדאַט
פון דער רויטער אַרמיי,
אַ העלדישער שיסער,
דער ערשטער אין ריי.

שטילער, כאַוויירים,
די היטלען אַראָפּ:
א רויטער ארמייער
געלייגט האָט זיין קאָפּ...

## ווי אזוי איז געווארן די רויטע ארמיי

ווי נאָר אין רוסלאַנד איז געוואָרן סאָוועטן-מאכט, אזוי האָבן די פּריצים, פאבריקאנטן און גענעראלן אָנגעהויבן צונויפזאַמלען „ווייסע" כאַיאָלעס און מילכאָמע האַלטן מיט די רויטע. אין אלע עקן לאנד האָבן זיך אָט די „ווייסע" באַוויזן. זיי האָבן געוואָלט אומברענגען די סאָוועטן-מאכט, צוריק אומקערן די אלטע אָרדענונג. פון אלע זייטן זיינען סאָנים געווען.

דאַן האָבן ארבעטער די פאַבריקן פארלאָזן, פויערים זיינען פון אקער אוועק, ביקסן אין די הענט גענומען און געגאנגען אונטער דער רויטער פאָן זייער מאַכט און זייער פרייהייט צו באשיצן. אזוי איז געשאפן געוואָרן די רויטע ארמיי.

# אַן אווגט מיט דער רויטער אַרמײ

דער גרויסער רויט־אַרמײאישער קלוב איז אָנגעפּאַקט מיט פּיאָנערן און רויטאַרמײער. מיר, קינדער, האָבן זיך צעוואָרפּן איבערן זאַל און ברי־דערלעך געשמועסט מיט די רויטאַרמײער. פון צײַט צו צײַט הערן זיך פּיאָ־נערישע אויסגעשרײען: „זאָל לעבן דער פאַרבאַנד פון די פּיאָנערן מיט די רויטאַרמײער!"

אָט עפנט זיך דער פאָרהאַנג. אַלע קוקן אַף דער סצענע.

אין פּרעזידיום זײַנען 4 פּיאָנערן און 4 רויטאַרמײער. דעם ערשטן וואָרט אַף באַגריסן באַקומט א פּיאָנער פון אידישן אָטריאַד. הילכיק קלינגט זײַן שטימע אין זאַל. באַם סאָף פון דער באַגריסונג ווערן אונטערגעטראָגן פון אונז מאַטאָנעס דער רויטער אַרמײ: אַן עראָפּלאַן, א קאַזאַרמע און א בילדטס, וואו א רויטאַרמײער היט די פאַבריקן. מיט אַפּלאָדיסמענטן האָבן די רויטאַרמײער צוגענומען די מאַטאָנעס און אַוועקגעשטעלט אין זײער היסטאָרישן ווינקל פון קלוב, און אײנער האָט געענטפערט: „טײערע קינ־דער! אײך וועט נאָך אויסקומען אונז צו פאַרבײַטן, טאָ לערנט זיך, לערנט זיך, קעדײ איר זאָלט אונז קאָנען פאַרבײַטן"...

נאָכדעם האָבן צווײ רויטאַרמײער דערצײלט זיכרוינעס פון פראָנט.

אין זאַל ווערט א גערויש, א זינגערײ און א פרײלעכער געפילדער פון די פּיאָנערן, און עס גײט ערשט אַוועק דער עמעסער פרײלעכער טײל פון אָווגט: סצענקעס, כאָר, דעקלאַמאַציעס א. אַז. וו. צום סאָף זײַנען מיר אַוועק אײַנעם מיט די רויטאַרמײער טאַנצן אין א רעדל.

אַלע זײַנען אַוועק פון אָווגט לוסטיקע, פרײלעכע.

וואָס מער אַזעלכע גוטע אווגטן.



# שטענדיק גרייט!

(פּיאָנערישער מאַרש)

לייכט, רויטער שטערן,
אַף וואַנדער פון לענדער,
אונז, פּיאָנערן,
אַרבעטער-קינדער.

עס קומען אָן טעג שוין
פון ליכטיקער פרייד, —
רוף פּיאָנערישער:
„שטענדיק זיי גרייט"!

לייכטע, ווי ווינטן,
שפּאַנען מיר, גייען;
אַרבעטער-קינדער
אין אונזערע רייען.

ס'האָבן זיך טעג שוין
אַף לענדער דערוואַכט.
רוף פּיאָנערישער:
„זיי אַף דער וואַך"!

פרייע, באַפרייטע
מיט רוישיקער פרייד;
מיר גייען פאַרבייטן
קאָמיוגנט אַרמיי.

ס'קומען אָן טעג שוין
פון ליכטיקער פרייד, —
רוף פּיאָנערישער:
„שטענדיק זיי גרייט"!

## דער טאָג פון דער ארבעטער-פרוי

דער 8-טער מאַרט איז דער „טאָג פון דער אַרבעטער-פרוי". ער איז איינגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1910 פאַר די אַרבעטער-פרויען פון דער גאַנצער וועלט.

אויך בײַ די פּיאָנערן איז דער טאָג אַ יאָנטעוו. דאָס איז דער טאָג פון דער מוטער—אַרבעטער-פרוי. אין דעם טאָג דאַרף דער פּיאָנער, נאָך מער ווי שטענדיק, העלפן דער מוטער. ער דאַרף ווייזן, אַז ער וועט, פּונקט ווי די מוטער, אָף ווייטער אַרבעטן פאַר זיין אַרבעטער-לאַנד.

אין דעם טאָג דאַרף די מוטער פון יעדן פּיאָנער דערפילן אין אים אַ שטיצע און האָפענונג, אַז ער וועט העלפן בויען די ליכטיקע צוקונפט פון אַרבעטער.

## ווי עס ארבעט און עס לעבט איצט די פרוי

די פרוי אַרבעט אָף די פאַבריקן און זאַוואָדן; אין אַסאַך ערטער פאַרנעמט זי וויכטיקע שטעלעס. נאָך דער אַרבעט, קומענדיק אַהיים, גייט זי אום אַרום די קינדער. אין די אָוונטן גייט זי אָף פאַרזאַמלונגען און לעקציעס; גייט אין טעאַטער און אין קלובן. צוגלייך מיט די מענער נעמט זי אַן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. פריער אָבער האָט די פרוי, אויסער איר קיך און שטוב, גאָרניט געוואוסט, ערגעץ ניט געגאַנגען, סאַידן אָף דער אַרבעט פאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

# „יאַסלעס"

## ווי מע האָדעוועט די קינדערלעך אין די יאַסלעס

## וואָס האָבן מיר געזעען אין די יאַסלעס

אין די יאַסלעס זיינען פאַראַן 10 ריינע און ליכטיקע צימערן, — פאַר יעדער מין אַרבעט אַ באַזונדער צימער.

אין די יאַסלעס נעמט מען צו קינדער פון 2 כאדאָשים ביז 3 יאָר. מע האַלט זיי דאָרטן זייער ריין. 3 מאָל אַ וואָך באָדט מען זיי. די מוטערס ברענגען די קינדער 10 אַזייגער אינדערפרי, און 5 אַזייגער פאַרנאַכט נעמט מען זיי צו צוריק אַהיים.

אַ גאַנצן טאָג שפּילן זיך די קינדער אין די יאַסלעס. 2 מאָל אַ טאָג שלאָפן זיי.

אין די יאַסלעס לערנט מען די מוטערס, ווי זיי זאָלן זיך באַגיין מיט די קינדער אינדערהיים.

---

## העלף דער מאַמען!

**לייען מיט דער מאַמען צייטונגען!**

**דערצייל דער מאמען, וואָס דו טוסט אין שול.**

# דער שלאָפצימער אין די יאַסלעס

## מ אָ פּ ר

באַ אונז אין סאָוועטן-פאַרבאַנד לעבן מיר אַלע פריי. מיר האָבן ניט קיין הערשער און קיין דריקער. דער גאַנצער באַלעבאָס פון לאַנד זיינען די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן מיט ביקסן אין די הענט געקעמפט פאַר דער פרייהייט. זיי האָבן געקעמפט מיט די בורזשויען. די אַרבעטער האָבן געזיגט.

אָבער עס זיינען פאַראַן זייער אַסאַך לענדער, וואו די בורזשויען הערשן. זיי פייניקן די אַרבעטער—רעוואָלוציאָנערן, זעצן זיי אין די טור-מעס. דאָרטן מאַטערט מען זיי, און אַסאַך שטאַרבן פון שמוץ און פון הונ-גער. מע דאַרף זיי העלפן.

באַ אונז אין סאָוועטן-פאַרבאַנד איז פאַראַן אַ געזעלשאַפט, וואָס רופט זיך „מאָפּר”. דער מאָפּר קלייבט געלט און שיקט איבער אַהין צו אונזערע ברידער—אַרבעטער, וואָס מאַטערן זיך אין די טורמעס.

יעדער אַרבעטער פון סאָוועטן-פאַרבאַנד גיט, וויפל ער קאָן. און אויך מיר, קינדער, דאַרפן זעען העלפן די רעוואָלוציאָנערן—אַרבעטער. פאַר אַסאַך פון אונז איז ניט שווער צו צאָלן 5 קאָפּיקעס א כוידעש אין מאָפּר. טאָ לאָמיר צאָלן פּינקטלעך אַלע כוידעש און העלפן די קינדער פון די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן, זיי זאָלן ניט שטאַרבן פון הונגער.

# דער יונגער העלד

אין דער מאַיסע דערציילט זיך וועגן איינעם אַ דייטשישן אינגל. אין דייטשלאַנד איז נאָך ניטאָ קיין סאוועטן-מאַכט. דאָרטן געהערט די מאַכט צו די פאַבריקאַנטן און פּריצים. די אַרבעטער-קאָמוניסטן, וואָס ווילן אַראָפּוואַרפן די מאַכט, פאַרפאָלגט מען. מע זעצט זיי אַריין אין די טורמעס, מע שיסט זיי, מע לאָזט זיי ניט פייערן קיין אַרבעטער-יאָנטויווים.

I

דער 9-יאָריקער קאַרל איז היינט אַליין אין שטוב. די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען. דעם טאַטן זעט מען שוין ניט צוויי וואָכן צייט. נאָר קאַרל וואונדערט זיך ניט דערויף. ער ווייס, אַז דעם טאַטן זוכט די פּאָליציי. איז גוט, הייסט עס, וואָס ער איז ניטאָ אינדערהיים.

קאַרלס טאַטע איז אַ קאָמוניסט. דעריבער זוכט מען אים.

און קאַרל, ווייס, אוי ווייס ער, וואָס דאָס איז אַזוינס קאָמוניזם. ווען דער טאַטע לאָזט אים אַראָפּ פון די קני אין די אָוונטן, איז ער אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון די וואונדערלעכע מאַיסעס, וואָס דער טאַטע דערציילט אים.

אוי ווי גוט עס וועט זיין אַלעמען. ווען עס וועט זיין קאָמוניזם...

די קאָמוניסטן ווילן, אַז אַלע מענטשן זאָלן אַרבעטן און אַלע גלייך זאָלן לעבן גוט.

II

פּלוצלינג האָט קאַרל דערהערט טריט. ניין, דאָס איז ניט די מאַמע. קאַרל דערקענט שטענדיק די מאַמעס טריט. אויף די טרעפּ גייען עלטערע מענטשן.

ווער קאָן דאָס זיין?

עס עפנט זיך די טיר, און עס גייען אַריין דריי מענטשן. ער קאָן זיי ניט. דער, וואָס איז אַריין דער ערשטער, אַ הויכער מענטש מיט שרעקלעך לאַנגע וואָנצעס, פרעגט קאַרלען שמייכלענדיק-ליבלעך:

— דו ביסט דאָס אַליין דאָ, אינגל?

קאַרל שאָקלט מיטן קאָפּ.

— און וואו איז די מאַמע?

— אַוועקגעגאַנגען איינקויפן.

— און וואו איז דער טאַטע?

קאַרל ווערט פאַרזיכטיק. אַהאַ, ער וועט ניט זאָגן, וואו דער טאַטע איז.

— דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן,—קלערט ער צו באַלד אויפן אָרט.

— וואוהין?

קאַרל ענטפערט, אַז ער ווייס ניט. דער הויכער מענטש וויל דאָפקע אַן ענטפער. ער פאָדערט, אַז דער אינגל זאָל אים זאָגן. וואו איז דער טאַטע.

— ניין, ניין, איך ווייס ניט.

דער הויכער מענטש פּירט בייז מיט די הענט איבער די וואָנצעס.

— און אויב איך וועל דיך אַוועקפירן אין טורמע? — זאָגט ער אים סטראַשענדיק.

באַ קארלען פאַרקלעמט דאָס האַרץ, נאָר ער זאָגט גאָרניט. ער ווייס ניט, ער ווייס ניט...

III

קארלען פירט מען אַראָפּ אונטן. מע פירט אים ארויס אַפן גאַס און מע זעצט אים אַריין אין אַן אַווטאָמאָביל. ער שרעקט זיך אַפילע אַביסל, נאָר אונטערפאָרן אין אן אווטאָמאָביל איז פונדעסטוועגן גוט.

אין אַ האלב שאָ ארום האָט מען אים געבראכט צו פירן אין א גרויסן שיינעם צימער. ער האָט עטלעכע מאָל געזשמורעט די אויגן פון דער שטאַרקער ליכטיקייט.

אַנטקעגן אים הינטער א שרייב-טיש, פאַרלייגט מיט פּאַפּירן, איז גע-זעסן א מענטש אין אַ פּאָליצייאישער פאָרם, אַרומגענייט מיט גאָלד.

קאַרל האָט געקוקט, נאָר פאַר זיך האָט ער געקלערט:

— אלץ וועל איך זאָגן, נאָר ניט וועגן טאַטן.

— וויפל ביסטו אלט? ווי רופט מען דיך? גייסט אין שול?

קאַרל האָט אף אלץ געענטפערט.

— עסן ווילסטו?

— יאָ, איך וויל. פון מיטאָג אן איז שוין אַ לאַנגע צייט אַריבער.

דער מענטש, וואָס האָט מיט אים געשמועסט, האָט אַ קלונג געטאָן. עס איז אַריינגעקומען אַ פּאָליציאַנט; ער האָט אים עפּעס געזאָגט, און אין צוויי-דריי מינוט אַרום האָט קאַרל געשמאַק געקייט ברויט מיט ווורשט.

אין דער צייט פון עסן האָט קאַרל אַסאַך געשמועסט מיט דעם, וואָס איז געזעסן אין די פּאָליצייאישע בגאָדים.

קאַרל האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פון שטול. ער איז שוין זאַט געוואָרן, נאָר מע דערלאַנגט אים נאָך אַ גלאָז שאָקאָלאַד.

קאַרל זאָגט זיך ניט אָפּ.

נאָר דערלאַנגענדיק אים די גלאָז שאָקאָלאַד, טוט אים דער מענטש אין דער שיינער פאָרם אַ פרעג:

— און וואו איז דער טאַטע?

קארל איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

— וואו איז דיין טאַטע?

קאַרל שווייגט.

— וואו איז דיין טאַטע? — פרעג איך.

קאַרל פאַרשטיקט זיך. ער ציטערט, נאָר ער האָט ניט מוירע, — זאָל ער שרייען, וויפל ער וויל.

— וועסטו זאָגן?

קאַרל האָט א טראַט געטאָן פאָרויס: „אַ יונגער קאָמוניסט קאָן ניט פאַרקריפן זיין אייגענעם טאַטן".

עס איז איז אַריבער א מינוט.

דער דערוואקסענער מענטש און דער אינגל שטייען איינער קעגן אנדערן. אין גרויסן צימער איז שטיל. עפּעס מאָדנע ניט היימלעך שטיל. נאָר דער וואַנט-זייגער טיקעט אָן אויפהער:

טיק-טאַק-טאַק, טיק-טאַך-טאַק...

עמיצער איז אריינגעגאנגען:

— אייך פאָדערט מען.

די שטילקייט איז געשטערט געוואָרן. דער מענטש האָט א וואָרף געטאָן עטלעכע זידל-ווערטער און מיט שווערע טריט איז ער ארויסגעגאנגען פון צימער.

IV.

קאַרל איז אנידערגעפאלן אף א שטול. ער האָט געציטערט פון אויפרעגונג. עס ווילט זיך אים עפּעס וויינען, נאָר ניין, ער וועט זיך אזוינס ניט דערלויבן.

עס זיינען אריבער עטלעכע מינוט, קיינער איז ניט געקומען. קאַרל האָט עפּעס ווי מוירע געקראָגן. איז ער אויפגעשפּרונגען פון שטול, צוגעלאָפן צום טיר און א קלאַפּ געטאָן.

די טיר האָט זיך געעפנט. א שטורעמדיקער געדאנק האָט אים דורכגעדרונגען. ער האָט א קוק געטאָן פון טיר ארויס—קיינער איז ניטאָ. איין סעקונדע—און ער פליט פון די טרעפּ אראָפּ. ער איז שוין באם טיר. הינטער איר שטייען סאָלדאטן. קאַרל עפנט די טיר און גייט ארויס. די סאָלדאטן לייגן ניט קיין אכט אף אים. דאָס הארץ פּלאַצט אים שיר, נאָר ער לויפט און לויפט:

— מאַמע!

קאַרל לויפט צו צו דער מאַמען. פּלאָנטערנדיק זיך און מיט געוויין, דערציילט ער איר אַלץ, וואָס מיט אים האָט געטראָפן.

אין א האַלב שאָ ארום איז ער געלעגן אין בעט. ער איז שוין גרייט געווען איינשלאָפן, נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבן און געפרעגט מיט אַ שלאָפנדיקן קאָל:

— עמעס, מאַמע, אַז אַ קאָמוניסט קאָן קיינמאָל ניט זיין קיין פאַרעטער?

און ניט דערוואַרטנדיק זיך קיין ענטפער, זייענדיק זיכער באַ זיך, אז אַנדערש קאָן ניט זיין, איז ער געשמאַק איינגעשלאָפן.

# העלפט די ארבעטער-קינדער פון אנדערע לענדער

מיר לעבן אין סאָוועטן-פאַרבאַנד. די פאַבריקן און זאַוואָדן געהערן צו די אַרבעטער. די אַרבעטער ארבעטן 8 שאָ. וויפל זיי פאַרדינען, אזוי פיל באַצאָלט מען זיי.

אָבער די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער ארבעטן אף די בורזשויען. זיי ארבעטן איבער די קויכעס און די בורזשוען באַצאָלן זיי ניט, ווי מע דאַרף.

קעמפן די ארבעטער און מאַכן שטרייקן. זעצט מען אריין די אָנפירער פון די שטרייקן אין טורמע. בלייבן זייערע קינדער אָן עלטערן, און אָן ברויט. אין א צייט פון שטרייקן פאַרדינען די אַרבעטער ניט און האָבן ניט פון וואנען צו לעבן. ליידן זיי מיט זייערע קינדער הונגער און נויט.

אין א צייט פון שטרייקן נויטיקן זיך די ארבעטער אין הילף. דארפן מיר זיי העלפן.

מיר דארפן וויסן, אז מיר האָבן אויך געלעבט שלעכט, ווען אונזערע טאטעס האבן געקעמפט מיט די בורזשויען. אונזער לעבן האָט זיך אביסל פארבעסערט. מיר ארבעטן איצט אף דעם, אז מיר זאָלן גאָר גוט מאכן אונזער לעבן. אז די ארבעטער פון יענע לענדער וועלן אראָפּווארפן די בורזשויען, וועט זיך זייער לעבן אויך פארבעסערן. דערווייל דארפן מיר העלפן די ארבעטער-קינדער.

יונגע לענינער

# שטאט און אַרבעט

## צי ווייסט איר אייער שטאָט?

1. ווי רופט זיך די הויפּט-גאַס אין אייער שטאָט?

2. וואו געפינט זיך דער שטאָט-סאָוועט?

3. וואו געפינט זיך דער מאַרק?

4. איר דאַרפט שרייבן אַ בריוו צו אייערע אייגענע און באַקאַנטע, ווי וועט איר אָנשרייבן דעם אדרעס?

4. איר ווילט אָנשרייבן א בריוו צו אייער לערער, ווי וועט איר אָנשרייבן דעם אדרעס?

## די נומערן אף די הייזער אין גאַס

1. ווער פון אייך האָט באמערקט, ווי אזוי עס גייען די נומערן אף די הייזער אין גאס?

2. ווער פון אייך וואוינט אף דער גראָדצאָליקער זייט פון גאס?

3. ווער פון אייך וואוינט אף דער אומצאָליקער זייט פון גאס?

4. מיט וואָסער צייכן קאָן מען אין קורצן פארשרייבן דעם וואָרט „נומער”?

5. מאָלט אָן א וועג. בא די זייטן פון וועג וואקסן ביימער, נעבן די ביימער שטעלט פאנאנדער נומערן, פונקט אזוי, ווי זיי זיינען צעשטעלט אף די טויערן פון די הייזער אין גאס.

## שילדן אף מאגאזינען און ווארשטאטן

טוט א קוק, וועלכע שילדן הענגען אין די גאסן אף מאגאזינען, אף ווארשטאטן. וואָס איז אָנגעמאָלט אף דער שילד פון א שוסטער? פון א שניידער? פון א פאבריקמאכער? וואָס איז אָנגעשריבן און אָנגעמאָלט אף דער שילד פון א בעקעריי? פון א יאטקע? וואָס פאר א שילד קאָן מען מאכן פאר א מאגאזין פון ביכער? פאר א מאגאזין פון צאצקעס?

1. נעמט א פאפיר מיט א בלייפען און מאָלט אָן א שילד, וועלכע איר ווילט.

2. וואָס פאר א שילד קאָן מען אנמאָלן פאר אונזער שול?

3 טראכט צו און מאכט א שילד פאר אונזער גרופע. דעם בעסטן געמעל וועלן מיר צוקלעפן אין דרויסן צו אונזער טיר.

## שרייבט אָן ענטפערס אף די פראַגן

1. וואָס טוט אייער פאָטער?

2. וואָס טוט אייער מוטער?

3. ווער נאָך ארבעט פון אייער פאמיליע? וואו?

4. וויפל זיינען בא אייך פאראן אין פאמיליע מענטשן, וואָס קאָנען ניט ארבעטן? אלטע? קראנקע? קינדער?

---

אז איר וועט האָבן אלע ענטפערס, זאָלט איר פון זיך אויסטיילן 3 אָדער 4 קינדער. די קינדער זאָלן אויסרעכענען א סאכאקל אזוי:

1. וויפל מענטשן פון אייערע אלעמענס עלטערן זיינען ארבעטער, וויפל אָנגעשטעלטע, א. אז. וו.

2. וויפל פון אייערע מוטערס ארבעטן ערגעץ און וויפל זיינען פארנומען מיט שטוב-ווירטשאפט.

# ווער זיינען אונזערע עלטערן?

היינט האָבן מיר אין שול געמאכט זייער א אינטערעסאנטע ארבעט. מיר האָבן גענומען פארשרייבן, מיט וואָס פארנעמען זיך יעדערנס עלטערן. אלערליי פּראָפעסיעס זיינען דאָ געווען!—סטאָלער, שוסטער, שניידער, שמידן, פאבריק-ארבעטער, לערער און צוויי פון פויערשע עלטערן. נאָכן צעטל האָבן מיר געזעען, אז אף ארבעט זיינען נאָר די טאטעס, און די מאמעס זיינען פארנומען אין שטוב. אויב עס איז ניטאָ קיין קליינע קינדער, ארבעטן ביידע: דער טאטע און די מאמע. בא כאימקען איז קיין טאטע ניטאָ — פאראן אן עלטערער ברודער. בא זאלמענען איז ניטאָ ניט קיין טאטע און ניט קיין מאמע. ער האָט צוויי שוועסטער, זיי ארבעטן אין א קאנצעליאריע.

מיר האָבן צונויפגערעכנט, וויפל קינדער זיינען פון עלטערן, וואָס ארבעטן אין פאבריקן, וויפל קינדער פון סטאָלער, פון שניידער, פון שוסטער. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין אונזער גרופּע זיינען מער קינדער פון פאבריק-ארבעטער.

איצטער זעט יעדערער, וועלכע פאמיליעס האָבן מיר. מיר זעען, מיט וואָס פארנעמען זיך אונזערע עלטערן, אונזערע ברידער און שוועסטער.



# וועמעס פאמיליע?

I

אפן גאס הודיעט דער הודאָק. עס איז נאָך פינסטער. דער פאטער שטייט אויף. ער גייט אין קיך שטעלן דעם סאמאָוואר. די מוטער גרייט צום טיש און וועקט אויף די עלטערע קינדער.

דער ברורער מיט דער שוועסטער הויבן זיך אויף פון די בעטן. זיי זיי גייען זיך וואשן. זיי לאכן און שטיפן גייענדיק.

די מוטער שיקט אוועק דעם אינגל אין קאָאָפעראטיוו נאָך ברויט.

דער פאָטער ברענגט דעם סאמאָוואר. אלע זעצן זיך טרינקען טיי. צו טיי עסט מען בייגל אָדער וויסברויט. דערנאָך הערט זיך דער צווייטער הודאָק. דער טאטע טוט אָן אף גיך זיין בלויע העמדל און א קארטוז און גייט אוועק אף דער ארבעט. די מוטער נעמט דעם יאָריקן קינד און טראָגט אוועק אין יאסלע. דאָס אינגעלע מיט דעם מיידל גייען אין שול. די שול געפינט זיך אף דער צווייטער גאס.

II

מע שטייט אויף, ווען ס׳איז נאָך פינסטער. דער טאטע מיטן עלטערן זון גייען א קוק טאָן צו די פערד און בעהיימעס, געבן זיי עסן. די מוטער גייט אוועק נאָך וואסער.

די באָבע הייצט דעם אויוון און באקט קאָרענע קיכלעך.

די קינדער שטייען אויף שפעטער: א אינגל, א מיידל און א צוויי־יאָריק יאטל. ער ליגט אין וויגל.

דער אינגל שפרינגט אַראָפּ פון אויוון און טוט זיך אָן. די באָבע גיט אים מילך מיט קיכלעך. ער עסט. דערנאָך נעמט ער א שטיק ברויט און לייגט אים אריין אין בוזעם. איצט גייט ער אוועק אין שול. ער איילט זיך. די שול איז זייער ווייט פון זיי, א דריי וויאָרסט. ער וועט דארפן אסאך גיין.

דאָס קינד איז אויפגעשטאנען און האָט זיך צעוויינט. דאָס מיידל לויפט צו אים צו. זי וויל אים איינשטילן. זי איז די ניאנקע פונם קינד. מיט דעם איז זי פארנומען. דערפאר קאָן זי ניט גיין אין שול זיך לערנען.

נאָכדעם עסט מען אָנבייסן. מע עסט שווארצן ברויט, קארטאָפל, מע טרינקט מילך.

נאָכן עסן נעמט זיך יעדערער צו זיין ארבעט. דער טאטע פאָרט אין וואלד נאָך האלץ. דער עלטערער זון פאריכט א כאָמעט. די באָבע קאָכט. די מאמע בייט וועש.

דאָס מיידל — גיט אכטונג אפן קינד.

III

דער זייגער קלינגט פונקט האַלב ניין. דאָס הייסט, אַז עס איז שוין צייט אויפשטיין. די מאַמע איז שוין אויפגעשטאַנען. זי קאָכט קאַווע אַפן פרימוס. נאָכדעם שטייט אויף דער טאַטע. ער נעמט זייף, אַ האַנטעך, אַ צאָן-בערשטל און גייט אין וואַנע-צימער זיך וואַשן.

אין דער צייט האָט די מאַמע שוין אויפגעוועקט דעם זון. ער רייבט די אויגן און לויפט זיך וואַשן. דער טאַטע קומט. ער טוט אָן אַ זשילעטקע, אַ רעקל און זעצט זיך צום טיש. די מאַמע גיט אים קאַווע מיט פוטער-ברויט. אַן אַנדערש מאָל נעמט ער דערביי דעם סטשאָט און קלאַפּט מיט די ביינדלעך עפּעס אַ כעשבן.

צו צען אַזייגער גייט אַוועק דער טאַטע אין אַנשטאַלט.

דאָס אינגל טרינקט אויס זיין קאַווע, עסט אָפּ, דערנאָך בינדט ער איין זיינע ביכער מיטן אָנבייסן און גייט אין שול. די מאַמע פאַרשליסט דעם צימער און גייט אַוועק מיט אים אינאיינעם. זי גייט אין מאַרק קויפן פּראָדוקטן צו וואַרעמעס און וועטשערע.

1. וועלכע מישפּאָכעס זיינען דאָ באַשריבן?
2. ווי גייט באַ אייך צו דער פרימאָרגן אינדערהיים?
3. פון וועמען באַשטייט אייער מישפּאָכע?

# קאַרטלעך אַף די טירן אין די דירעס

אין די גרויסע שטעט טרעפט זייער אָפט, אַז אין איין גרויסן הויז וואוינען העכער טויזנט מענטשן. קעדיי עס זאָל זיין גרינגער צו דערווּיסן זיך, וואו יעדער וואוינט, נעמען די איינוואוינער פון דעם הויז און קלאַפּן אָן קאַרטלעך אַף די טירן פון זייערע דירעס. אַף די קאַרטלעך איז אָנגעשריבן דער נאָמען און פאַמיליע פון דעם איינוואוינער.

ווער פון אייך האָט געזען אַזוינע קאַרטלעך? וואָס איז אַף זיי געווען אָנגעשריבן? מאַכט פון פּאַפּיר אַ קאַרטל. שרייבט אָן אַפן קאַרטל אייער נאָמען און פאַמיליע.
מאַכט אַזא קאַרטל, מע זאָל זי קאָנען צוקלאַפּן צו דער טיר פון אייער דירע.

# אויפגאַבן

שרײַבט אָן די ענטפערן:

1. איר האָט פאַרלאָרן דעם שליסל, איר דאַרפט באַשטעלן מאַכן אַן אַנדער שליסל. וואוהין וועט איר גיין?

2. ריווקע האָט געשטעלט דעם סאַמאָוואַר און האָט זיך פאַרגעסן אָנגיסן וואַסער. דער סאַמאָוואַר איז צעגאַנגען. וועמען דאַרף מען אָפּגעבן פאַריכטן דעם סאַמאָוואַר?

3. אַז מע דאַרף אונטערשמידן אַ פערד, וואוהין זאָל מען אים אַוועקפירן?

4. באַ אייך אין שטוב האָט זיך צעבראָכן אַ שויב. ווער וועט אַרײַנשטעלן אַ נײַע?

5. אייך טוט וויי אַ צאָן, וואוהין וועט איר גיין היילן דעם צאָן?

6. באַ אייך איז קראַנק געוואָרן אַ ברודער צי אַ שוועסטער. וואוהין וועט איר גיין רופן אַ דאָקטער?

7. די מאַמע האָט אייך געשיקט קויפן אַ קילא פלייש, אַ קילאָ רייז, אַ האַלב קילאָ ראָזינקעס, אַ שטיקל זייף און אַ שפּולקע פאָדים. וואוהין וועט איר גיין קויפן?

## די קוזניע

(אַ קינדערשע עקסקורסיע)

דער גרויסער אויוון אין קוזניע רופט זיך האָרנע. אין האָרנע זײַנען דאָ אַסאַך הייסע קוילן, און באַ דער זייט איז צוגעפּעסטיקט אַ גרויסער בלאָז-זאַק. דעם שמידס באַהעלפער בלאָזט אָף די קוילן מיטן בלאָז-זאַק, זיי זאָלן גלײַענדיקער ברענען.

דער שמיד נעמט אַ שטיק אײַזן און לייגט אַוועק אין דער האָרנע, דאָס אײַזן ברענט זיך אָן, ווערט רויט, דערנאָך ווײַס און צום סאָף ווײַך.

דער שמיד נעמט דאָס אײַזן פון האָרנע מיט אַ גרויסער צוואַנג, לייגט דאָס אַוועק אָף דער שטאָלענער קאָוואַדלע און הויבט אָן שמידן, אויסקלאַפּן מיט אַ שווערן האַמער וואָס מע דאַרף: אַ פּאָדקאָווע, אַ טשוואָק, אַ האַק, אַן אַקס, אַן אַקער, אַ קאָסע. דער שמיד טראָגט אַ לעדערנעם פאַרטעך, ווײַל פון אָנגעבערענטן אײַזן שיטן זיך פונקען.

א שווערע אַרבעט איז זיין אַ שמיד, — שווער אויפצוהייבן מיט אַ צוואַנג אַ גרויסן שטיק אָנגעברענטן אייזן, שווער צו קלאַפּן מיט אַ שווערן האַמער, עס טוען וויי די אויגן פון קוקן אַפן אָנגעברענטן אייזן, אַף דער האָרנע מיט פייער. אָנגעברענטע שטיקלעך אייזן פליען קעסיי-דער, בײַ יעדער קלאַפּ מיטן האמער; דערויף דאַרף מען גוט אַכטונג געבן, מע קאָן זיך אָפּבריען. עס זאָל אַזוינס אַריינפאַלן אין אויג — איז שלעכט.

איינמאָל האָבן מיר געזען, ווי א שמיד האָט אָנגעצויגן אַ רייף אַף א ראָד.

אַ רייף, אָנגעברענט ביז ווייס, איז פריי אַרויף אַף דער הילצערנער ראָד. דערנאָך האָט דער שמיד געשווינד אַ קייקל געטאָן די ראָד אין אַ קאָרעטע וואַסער, דאָס וואַסער האָט א קאָך געטאַן, און דער רייף האָט זיך אָפּגעקילט און איז שוואַרץ געוואָרן. דער רייף האָט איצט אַזוי שטאַרק ארומגעכאַפּט און צוזאַמענגעדריקט די הילצערנע ראָד, אַז דער-נאָך, ווען דער שמיד האָט זיך געפּרוּאווט אַף אים מיטן האַמער, האָט ער זיך אַפילע אַ ריר ניט געטאָן.

דא זיינען מיר דערגאַנגען, אַז אייזן ווערט ברייטער פון אָנוואַרימען, און ציט זיך איין פון אָפּקילן.

דער פויער האָט אָנגעטאָן די פאַריכטע ראָד און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים, שטאַרק קלאַפּנדיק מיט די רעדער.

## מיר זיינען שמידן

מיר זיינען שמידן,
דער האַמער — כאַוועך
ער קלאַפּט דאָס אייזן, קלאַפּט און קלאַפּט.
מיר זיינען שמידן,
ס'איז פריי די קוזניע,
די פונקען פליען הויך און שטאַרק.

טאָ קלאַפּ זשע שטאַרקער,
דו, האַמער-כאַוועך,
דו, בלאָז-זאַק, מאַך דעם פייער גרויס.
מיר זיינען שמידן,
ס'איז פריי די קוזניע,
די פונקען פליען הויך און שטאַרק.

# דער בלעכער

אונטער מיר—ניט קיין לייטער, קיין טרעפּ,
איבער מיר שטראַלט א זוניקע ראָד...
איך קלאַפּ אָן היינט דער שטיינערנער שטאָט
בלעכענע קעפּ...

אונטער זון, אונטער הימל און בלוי,
אונטער גרויקייט פון וואָלקן און רויך
גאנצע טעג כ׳אַרבעט הויך אינדערהויך —
אָט אזוי...



איז מיין האַנט, ווי א פויגעלע פלינק,
פליט מיין האַמערל אויף און אַראָפּ,
פליט און קלאַפּט איבער מויערשן קאָפּ—
און איך זינג...

זיץ איך אויבן אף גליטשיקן דאַך,
שמייכלט זון אף מיין היציקן קאפּ.
קוק איך אונטן, אף גאַסן אראָפּ
און איך לאַך...

# דער שמיד

פון דעם אייוון פליען פונקן,
בא דעם אייוון שטייט א שמיד,
פעסטע הענט. געזונטע לונגען.
ס׳גייט דער האַמער האַמער-טריט!

ס׳פליען פונקן, ס׳ברענען אויגן.
און דער האַמער גייט און גייט.
אייזן, אייזן ווערט געבויגן
און געקנאָטן און געדרייט.

## באַם שוסטער

— וואָס סטו זאָגן מיידעלע?

— אָט די מאַמע געבעטן אַרויפלייגן פּאָדמעטקעס אַף די שין. זי איז אַ דעלעגאַטקע, דאַרף זי גיין אַף אַ פאַרזאַמלונג.

בערל דער שוסטער האָט אַ קער געטאָן זיין באָרד צו דער מיידעלע, א דריי געטאָן די שיך מיטן קאָפּ אַראָפּ מיט די פיס אַרויף און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

—נו, פייוול, לעבעדיקער. אָט האָסטו דיר אַן עמעסע קאָמסאָמאָלישע אַרבעט—פאַריכטן די שיך פון אַ דעלעגאַטקע.

פייוול אַ זיבעצניאָריקער אינגל איז געזעסן אין דער זייט און געקאָוועט א שטיוול. דאָס העמערל האָט זיך לאַנגזאַם געהויבן אַרויף און אַראָפּ און שוואַך געקלאַפּט. די טשוועקלעך זיינען ניט געקראָכן אין דער געלעכערטער זויל. טייל צעברעכן זיך, טייל שפּרינגען אינגאַנצן אַוועק, גלייך ווי זיי וואָלטן געשפּילט מיטן יונגן מאַיסטער אין באַהעלטעניש.

פייוול איז נעכטן שפּעט געקומען פון קעמערל און דערנאָך געזעסן און געשריבן א באַריכט וועגן דער לאַגע פון די לערנאינגלעך באַ די שוסטער. איז ער היינט מיד און שלעפעריק.

נאָר דאָס מיידעלע מיט די דעלעגאַטקעס שיך האָבן אים ווי אויפגעוועקט פון שלאָף.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, וואו אף דער באַנק איז געשטאַנען אַן עמער מיט וואַסער. ער האָט דערפרישט מיט קאַלטע וואַסער דעם פּאַנים מיט די אויגן און אַ מונטערער זיך ווידער געזעצט אַפן דרייפיסיקן בענקל מיטן לעדערנעם געזעסל.

דער פאָטער האָט דערווייל צוגעפּאַסט די פּאָדמעטקעס און דערלאַנגט פייוולען:

— נא, אַרבעט.

פייוול האָט אָוועקגעלייגט אַ שיך אף ביידע קני און מיט אַ גלייכער אָל אַרום און אַרום אָנגעשטאָכן לעכלעך. אַרייננגעשאָטן אין מויל עטלעכע הילצערנע טשוועקלעך האָט ער אָנגעהויבן קאָוען. אַ כאַפּ פון מויל אַ טשוועקל און אַ קלאַפּ מיטן האַמער אין זויל אַריין. אַ כאַפּ און אַ קלאַפּ, אַ כאַפּ און אַ קלאַפּ. און דאָס מיידעלע שטייט מיט גרויסע אויגן און קוקט ווי פון אונטערן העמערל שיטן זיך לעבעדיקע קלעפּ איבער די קעפּ פון די ווייסע טשוועקלעך.

פּאַרטיק.

אַ שורש פון אַ בערשטל. הין-הער, הין-הער, פלינק, געשווינד, און די שיך גלאַנצן ווי נייע.

אַ גליקלעכע פון אזוי פיל נייס, וואָס זי האָט געזען באַ דער אַרבעט, איז דאָס מיידעלע מיט ביידע הענט אין ביידע שיך אַוועקגעלאָפן אַהיים.

## דער שוסטער

בין איך מיר אַ שוסטער-יונג,
ווער נישט קיינמאָל מיד.
זומער, ווינטער, פרילינג, האַרבסט,
ביי איך שיך און זינג אַ ליד.
ווער וועט טראָגן אָט די שיך?
אַ ברודער-אַרבעטער ווי איך.

# א שניידער און א פרעסער

מיין ברודער עליע און זיין כאַווער פּיני אַרבעטן אין צוויי באַזונדע־רע פאַבריקן. איינער איז אַ שניידער. דער אנדערער איז א פרעסער. א שניי־דער דאַרף ניט נייען מיט די הענט. ער שטעפּט באַ דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קענען. עס שטעפּט זיך ניט אַליין.

ווי אַזוי האָט זיך מיין ברודער עליע אויסגעלערנט שטעפּן?—מע האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען הין און צוריק עטלעכע מאָל און איז גע־וואָרן אַ שניידער. אַף מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט.

פּיניען האָט מען אויך אַוועקגעזעצט באַ דער מאַשין, ווי מיין ברודער עליע. מע האָט אים אויך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין הין און צוריק מיט דער מאַשין. טוט ער אָבער אַלץ כאַפּנדיק. האָט זיך געטראָפן מיט אים אַן אומגליק—ער האָט אין איילעניש פאַרטשעפּעט דעם פּידזשאַק און האָט צוגעשטעפּט דעם לינקן אַרבל צו דער מאַשין. א גליק כאָטש, וואָס ניט די האַנט. ווײַ-ווײַ, וואָס מ'האָט זיך אָנגעלאַכט פון אים!

גייט עס פּיני אַוועק אין אַן אנדער פאַבריק און באַשטעלט זיך דאָרט פאַר א פּרעסער. אַן אונטערפּרעסער דערוויל. אַז ער וועט זיך אויסלער־נען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער.

דערווייל ווערט נאָך פּיני גוט פאַרשוואַרצט. און אַלץ איבער זיין טע־ווע, וואָס ער האָט ליב אַלצדינג טאָן כאַפּנדיק. ער קומט אַלע טאָג אַהיים א צעבריטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ סקאַליעטשעטער נאָז. וואָס איז די מאַיסע? ער האָט זיך באַם פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסל צו זיין נאָז? לאָזט זיך אויס, אַז פּיני האָט גאָר געזוכט א שטיקל אַרבעט, האָט ער זיך אנגעבויגן הארט צום טיש און געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז אַפן אָנגעגליטן פּרעסל.

נאָר פּיני איז א מענטש וועס זאָרגט ניט. מיט דער צייט וועט ער זיך אויסלערנען און וועט גיין העכער און העכער.

# ווי אזוי שנייער איז געוואָרן א זייגערמאכער

אז שנייער איז נאָך געווען א אינגל, אַזוי דערציילט שנייער אליין, האָט ער געוואָלט דערגיין דעם סייכל פון א שלאָס. פאַרוואָס, אַז מע טוט א דריי רעכטס, עפנט עס זיך, און אז מע טוט א דריי לינקס, פאַרשליסט עס זיך? אָדער ווי אַזוי גייט א זייגער? פאַרוואָס שלאָגט ער אקוראַט דעמאָלט, ווען דער גרויסער ווייזער קומט צו צום צוועלף?

דאָס ערשטע מאָל, אז ער האָט דערזען א זייגער מיט א פויגל, איז ער שיר ניט אראָפּ פון זינען. אַלע שאָ, אַז דער זייגער האָט באַדאַרפט קלינגען, האָט זיך אויפגעעפנט א טירל, און ס'איז ארויס א פויגל מיט א קו-קו! דער פויגל איז געווען נאַטירלעך, ווי לעבעדיק. איר קאָנט פאַרשטיין, אז אפילו די קאַץ האָט געהאַט א טאָעס. אלע מאָל, ווען דער פויגל איז אַרויס מיט א קו-קו, פלעגט זיך די קאַץ אנ-בלאָזן און פלעגט אים וועלן כאַפּן.

שנייער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז ער מוז דער-גיין דעם סייכל פונם פויגל. איינמאָל, אַז קיינער איז ניט געווען אינדערהיים, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום זייגער. ער האָט אים אַראָפּגענומען פון וואנט, אָפּגעדרייט אַלע שרייפ-לעך און ארויסגענומען די געדערים. איז אָנגעקומען דער פאָטער און האָט אים געגעבן א כיילעק. שנייער האָט אָבער אויסגעפירט זיינס—ער איז געוואָרן א זייגערמאכער.

# אַ מעכאַניק פון אויוונס

העסל איז א מעכאניק פון אויוונס. ער מאכט אויוונס. אלע זאָגן אף אים, אז ער איז א קאָפּ-מענטש. ער האָט טאַ-קע א גרויסן שטערן. מע זאָל אים געווען, זאָגט ער, לערנען

א מעלאָכע, וואָלט ער זיין איינער אין דער וועלט. עס איז גאָר ניטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל עס ניט פאַרשטיין מיטן סייכל, אַזוי זאָגט ער אַליין אויף זיך. אַלצדינג כאַפּט ער מיטן קוק.

איוונס מאַכן האָט ער זיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין. ער האָט געזען אַ פּאָר מאָל, ווי איוואַן פּיטשקור מאַכט איוונס, האָט ער זיך געהאַלטן בא די זייטן פון געלעכטער. ער האָט געזאָגט, אַז איוואַן הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס הייסט אַן איוון. איז ער געקומען אַ היים און האָט צעוואָרפן דעם איוון און האָט אַוועקגעשטעלט טאַקע פון די זעלבע ציגל אַן אַנדער איוון. די ערשטע צייט האָט דער איוון געריכערט, מע האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן. האָט ער צעוואָרפן דעם איוון און געשטעלט אַ נייעם איוון. אַזוי עטלעכע מאָל, ביז ער איז געוואָרן דער בּאַרימטער מע-כאַניק.

## דער קליינער קוימענקערער

בערל קוימענקערער איז אַוועק אין גאַס זוכן אַרבעט. אינדערהיים איז געבליבן זיין זונעלע אַרעלע און מיט אים דער געלער קאָטער.

האָט אַרעלע זיך אָנגעטאָן, אין שטיבל צוגעקליבן און דעם קאָטער אַרומגעגלעט—שיין, ציכטיק. גענומען זיך אַ שטיקל ברויט, דעם קאָטער אַ שטיקל—און פאַרטיק.

דרייט ער זיך אויס צום קאָטער, וואָס שטייט אויף די הינטערשטע פיס-לעך, און זאָגט צו אים:

— נאַ, געלער, וואָס-זשע פאַרט זאָלן מיר טאָן?

באַלעקט זיך נאָכאַמאָל דער קאָטער, פינטלט מיט די אויגן און טוט אַ שפּרונג פונם באַנק און אַרויף אויפן פריפּעטשעק.

פאַלט אַרעלן איין:

— טאַקע, לאָם איך אויסרייניקן דעם קוימען. פאַרשפּאָרן דעם טאַטן און זיך אויסלערנען אַרבעטן.

באַלד טאַקע האָט ער אויסגעזוכט דעם בעזים און אים מיט אַ האַנ-טעך צו אַ לאַנגן שטעקן צוגעבונדן—האָפּ!—און גלייך שוין מיטן קאָטער אויפן פריפּעטשעק. זיי האָבן ביידע די קעפּ אויפגעהויבן און אַ ווײַלע אַריינ-

געקוקט אין שוואַרצער לאָך אַריין. דערנאָך האָט ארעלע אַרויפגעהויבן דעם לאַנגן בעזים אין קוימען-לאָך און מיטאַמאָל א ריב געטאָן, אויף און אָפּ,— אָך!—אַז ס׳האָט זיך אַלאָז געטאָן אַף זיי אַ שטראָם מיט סאַזשע-שטויב, אַף די קעפּ, אַף די פּענימער—אזש פינסטער געוואָרן!

דער קאָטער האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן, בארויגעז געפּירקעט מיטן מויל און נאָז:

— ברררר... פּרררר!...

מיט די לאַפּקעס די אויגן זיך געריבן, געדרייט זיך, געטרייסלט און אָפּטרייסלען געוואָלט פון זיך דעם שוואַרצן שטויב.

נאָר ארעלע איז ניט אַראָפּ פון פּריפּעטשעק. ער האָט זיך אַף די קני אַוועקגעשטעלט, מיט איין הענטל די אויגעלעך זיך געריבן און מיטן צווייטן אַלץ געפּירט מיטן בעזים איבער די שוואַרצע קוימען-זייטן, אויף און אָפּ, אויף און אָפּ, און די סאַזשע פאַלט און פאַלט און דעקט מיט שוואַרצקייט אַלץ.

ווען ארעלע איז פון פּריפּעטשעק אַראָפּ, האָט ער זיך פאַרוואונדערט:

— אוי, ווי שוואַרץ! — איך ווי אַ ריך, דער קאָטער ווי א טאַטער!

האָט זיך די טיר דערווייל אַן עפן אויף געטאָן און אַ מיידעלע איז אַריין. צום אָנהויב האָט זי פאַרמאַכט די אויגעלעך, דערנאָך געעפנט זיי, ארעלען דערזען און דערשראָקן זיך פאַר אים—אַזוי האָט ער אויסגעזען. פאַרשאַרטע אַרבעלעך, שוואַרצע הענט, דאָס היטל איבערגעקערט און פון פּאָנים נאָר צוויי ווייסע אויגן—פּיירלעך בליצן אַרויס.

אַז דאָס מיידעלע האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך, האָט זי זיך צעלאַכט:

— וואָס ביסטו אַזוי אויסגעשמירט?

— כ׳האָב אונזער קוימען אויסגערייניקט, גיי צו, וועסטו זעען.

— אוי, אוי, זעסטו שיין אויס! — זאָג, כ׳האָב קיין צייט נישט, וואו איז דיין טאַטע? מיין מאַמע האָט מיך געשיקט אים בעטן אויסצורייניקן אונזער קוימען. די סאַזשע קאָן זיך נאָך אָנצינדן.

— מיין טאַטע איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען. ווייסטו וואָס? — איך וועל גיין, איך קאָן שוין גוט די אַרבעט.

— מיין מאַמע זאָגט אָבער, אַז באַ אונז וועט מען פון דרויסן-זייט ריינקן, ניט אין שטוב.

— נו, אַ גרויסע זאַך! איך קאָן פון דרויסן-זייט אויך.

— אַזוי! וועסט נאָך פונם דאַך אַראָפּפאַלן, באַ אונז איז זייער הויך.

— נו, נו, מיין טאַטע קריכט אַף די העכסטע דעכער און איך קאָן שוין אויך.

און ארעלע האָט אַ נעם געטאָן דעם בעזים, אויפגעזוכט אַ געוויכטל מיט אַ שטריק און אַ זאָג געטאָן:

— נו, קומט!

דאָס מיידעלע איז אַרויס, נאָך איר ארעלע, נאָך ארעלען דער קאָטער.

דער טאָג איז אַ שיינער, אַ וואַרעמלעך-זוניקער, שיטן זיך אַלע אין דרויסן אַרויס: דערוואַקסענע און קינדער פון די הייזער. דערזעט מען ארעלען דעם מאַ סטער, ווי ער איילט אַזוי, מיט שטריק און געוויכטל, און דער אויסגעשמירטער קאָטער הינטער אים, שטעלט מען זיך אָפּ. כידעשט מען זיך, שמייכלט מען און מע גייט אים נאָך.

קעדיי צו זעען, וואָס וועט דאָ זיין?

קומען זיי דערווײַלע צו צום מיידעלעס הויז, ווייזט זי אים.

— זעסט, ווי הויך ס'איז? וועסט דען קאָנען?

— נו, נו, ענטפערט ארעלע און נעמט זיך אַרויפקריכן אפן הויכן לייטער.—קיצי, קיצי, קיצי—מאַכט ער, און דער קאָטער קריכט אים נאָך. אינמיטן הויבט ער אָן ציטערן. ער שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַרויף, אַראָפּ, איז עטוואָס צעטראָגן, און לאָזט דעם קאָטער אפריער.

דער געלער טוט מיטאַמאָל א פלי אַרויף, ארעלע קריכט העכער און העכער, א שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל, מיט הענטלעך, ווי מיט שטאָלענע צווייבגעלעך, כאַפּט ער זיך פאַר זיי—און אָפן דאַך אַרויף.

ער קוקט, קוקט זיך אַרום—דער קאָפּ פאַרדרייט זיך שיר: — דעכער און דעכער, נידעריק און העכער, פאַרביקע אַלע, פעלדער און וועלדער, גרינע און געלע, און שוואַרצע ווי סאַזשע. און וואַסערן פינקלען, און פויגלען, ווי פינטלעך, פרייען זיך, דרייען זיך, פליען, פאַרגייען זיך, און ווייט, און ברייט און פריי!

אים דאכט זיך, אָט הויבט ער אויף די הענט און ער צעפליט זיך: אַזוי הויך, אַזוי ווייט! — דער קאָפּ דרייט זיך.

קינדער און עלטערע האָבן זיך צענויפגעקליבן אַרום הויז, פאַרייסן די קעפּ אַרויף און באַקוקן און באַוואונדערן דעם קליינעם, שוואַרצן קוימענקערער, וואָס אָפן דאַך.

אַ אינגל שרייט אַרויף:

— אָ, אָ, האָסט זיך דערשראָקן? אָט פאַלסטו אַראָפּ, אָ!

אַ צווייטער שרייט:

— ארעלע, דיך גיין אַראָפּנעמען?

אַ דריטער פליעסקעט אים אַרויף:

— אַרעלע, באַרעלע, אַך, ביסטו אַ נאַרעלע.

נאָר אַרעלע האָט זיך אָנגענומען מיט קויעך, אַף אַלע פיר צום קוימען אַרויפגעקלעטערט, מיט אים דער קאָטער, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבעלעך האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט. און דער בעזים האָט פריילעך געטאַנצט אויף און אָפּ, אויף און אָפּ...

פּלוצלינג האָט אַרעלע דערפילט, ווי עמיצער האָט אים אַרומגענומען פון הינטן. דאָס איז געווען דער טאַטע זיינער.

— אָט אַזוי, אַ וואוילער זון ביסטו, — האָט דער טאַטע געזאָגט. — דו פאַרשפּאָרסט מיר שוין די אַרבעט, אַז דו וועסט אַ גרויסער אויסוואַקסן, וועסטו מיר אינגאַנצן פאַרשפּאָרן, און איך וועל גאָר רוען.

און דער טאַטע האָט אים געגלעט און אויך צו דער קאַץ גערעדט גוטע רייד.

# איך וועל זיין א מאַשיניסט

אין אונזער קינדער-הויז איז פאַראַן צענטראַלע וואַסער-באַהייצונג. אונטן אין קעלער איז פאַראַן אַ קעסל מיט אַן אויוועלע. ווען די וואַסער אין קעסל ווארימט זיך אָן, ווארימען זיך אויך אָן די רערן. וואָס ציען זיך פון קעסל איבער אַלע צימערן, און עס ווערט וואַרים.

דער פעטער שימען איז באַ אונז דער הייצער. איך האָב באַמערקט, אַז ער קריכט עפּעס אַלע טאָג אפן בוידעם. איין מאָל בין איך אַוועק מיט אים אפן בוידעם, און איך האָב דערזעען א גרויסן טשאַן מיט וואַסער און א פולע רערן. דער פעטער שימען האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אז ווען די וואַסער אין קעסל ווארימט זיך אָן — הויבט זי זיך אויף דורך די רערן און גיסט זיך אריין אין טשאַן, און פון דאָרטן גיסט זיך די וואַסער דורך אנדערע רערן איבער דער גאַנצער הויז.

ווען איך פלעג נאָכדעם ארויפגיין ווען עס איז אפן בוידעם, פלעג איך אליין הערן ווי די וואַסער גיסט זיך פון די רערן אין טשאַן. דארטן, וואו עס געפינט זיך דער קעסל, זיינען דאָ א פולע רערן און קראַנען. איך פלעג אלץ אויספרעגן באַ דעם פעטער שימען, און איצטער ווייס איך שוין צו וואָס דינט יעדער רער און איטלעכער קראַן.

אסאך צייט האָב איך זיך ארומגעדרייט ארום דעם קעסל.

די קינדער רופן מיך שלוימקע דער מאַשיניסט. איך בין גאָר ניט באַרויגעז דערפאַר, ווייל איך וויל טאקע ווערן א מאשיניסט, און איך וועל זיין א מאשיניסט.

# דער וואַסערפירער

קאַסריעל דער וואַסערפירער, אַ איד אַ ברייטביייניקער, מיט אַ באַ-וואַקסן פּאָנים פון זיבן ביז אַראָפּ, איז געווען אַליין דער וואַסערפירער און אַליין דאָס פערדל, דאָס הייסט, ער האָט זיך אַליין איינגעשפּאַנט אין פעסל און צעפירט איבער דער שטאָט דאָס וואַסער. אַז ער האָט געזען עמיצן פאָרן מיט אַפערד, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און לאַנג-לאַנג נאָכקוקן יענעם די טריט. זיין אייינציקער וואונש אַף דער וועלט איז געווען: ער זאָל קאָנען זיך צושלאָגן צו אַ פערד. נאָר וויפל ער האָט ניט געקליבן, האָט ער ניט געקאָנט דערשלאָגן זיך צו אַזאַ קאַפּיטאַל, וואָס ער זאָל דערויף קאָנען קויפן אַ פערדל. פונדעסטוועגן האָט ער ניט דורכגעלאָזט קיין איין יאַריד, ער זאָל זיך ניט דורכגיין צווישן די פערדלעך, גלאַט אַזוי אַ קוק טאָן, ווי זאָגט מען: אַ טאַפּ אין וואָגן.

דערזעען אַ דערשלאָגן פערדל שטיין אין מיטן יאַריד אָן אַ ציימל, ניט צוגעבונדן אין ערגעץ, האָט זיך קאַסריעל אָפּגעשטעלט. דאָס פערדל באַדאַרף זיין אַנגעמאסטן פאַר זיין געלט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט זיך לאַנג ניט באַדאַרפט דינ-גען,—קאַסריעל האָט גענומען דאָס פערדל און איז מיט אַ פריילעך האַרץ געלאָפן אַהיים. געקומען אַהיים, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דרויסן, איז אַרויסגעגאַנגען קאַסרילעכע אַ דערשראָקענע.

— וואָס איז דאָס?

— געקויפט, ווי איך בין אַ איד, געקויפט!

קאַסריעל און קאַסרילעכע האָבן ניט געוואוסט, וואו מע זאָל אַהינטאָן דאָס פערדל. זיי זאָלן זיך ניט שעמען פאַר די שכיינים, וואָלטן זיי דאָס אריינגעפירט אין שטוב אַריין. גיך איז באַשאַפן געוואָרן אַ ביסל שטרוי און היי, און קאַסריעל מיט קאַסרילעכען האָבן זיך אַוועקגעשטעלט, זיך גע-שפּיגלט אינם פערדל, זיך גאָר ניט געקאָנט אָנקוקן.

באַ קאַסריעל דעם וואַסערפירער איז דעם פערד געווען גוט אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל ניט. די אַרבעט איז עפּעס גאָר אַ גרינגערע און גענוג. שלעפּן אַ פעסל וואַסער און באַ יעדער שטוב אָפּשטעלן זיך—אויך מיר אַן אַרבעט, און דער באַלעבאָס איז עפּעס גאָר אַ דימענט. אַ מענטש זאָל זיך ניט צורירן, קיין הויכן געשריי ניט טאָן, האַלטן אַ בייטש פון יויצע וועגן! קומט באַנאַכט, בעט מען אים אויס אין הויף אַף אַ ביסל שטרוי, און עס גייט אַרויס אַלע מאָל אָדער קאַסריעל אָדער קאַסרילעכע געוואָר ווערן, צי מע האָט אים ניט אוועקגעגאַנוועט. גאַנץ פרי, איז שוין קאַסריעל באַם פערדל. ער שפּאַנט דאָס איין פּאַוואָליבקע אין פעסל, זעצט זיך אויף און פאָרט צום טייך נאָך וואַסער און זינגט בעשאַס מאיסע מיט אַ מעשונע-מאָדנעם ניגן:

„אַז וואויל איז דעם מענטשן, וואָס גייט ניט צופוס“...

# אין שטאָט נאָך סכוירע

דער פּעטער יאָשע מיט זיין ווייב האָבן געדאַרפט פאָרן אין שטאָט אַפן מאַרק. האָט דער פּעטער יאָשע איינגעשפּאַנט דעם פערדל, ארויפגעלייגט אַפן וואָגן צוויי זעקלעך קאַרטאָפל, דריי זעקלעך קאָרן, אַ זאַק רעטעכער און מערן, אַ טעפּל סמעטענע, אַ פּאָר הינער און אַ זעקל עפּל.

דער פּעטער יאָשע מיט זיין ווייב זיינען אַרויסגעפאָרן נאָך באַנאַכט— ווען זיי אינדערפרי זיין אין שטאָט אַפן מאַרק.

דאָרטן וועט דער פּעטער יאָשע פאַרקויפן זיין סכוירע, און קויפן וועט ער ציץ — דער טעכטערל אַף אַ קלייד. ער וועט קויפן טשוועקעס, זייף, פּאָדים, קעראָסין און אַ ביכל פאַר זיין אינגל.

## דער וועג

ביז דער שטאָט איז געווען 35 וויאָרסט. דער וועג איז אַ זאַמדיקער, דעם פערדל איז שווער, שטעלט מען זיך אָפּ אין אַ קרעטשמע—דער פערד זאָל אָפּרוען. דער פּעטער יאָשע האָט אים צוגעשאָטן האָבער, און אַליין האָט ער זיך געזעצט מיט דער ווייב טרינקען טיי.

אַפן מאַרק

## אפן מאַרק

פאַרטאָג זיינען זיי געקומען אין שטאָט און זיינען פאַרפאָרן אַפן מאַרק. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די איבעריקע וועגענער, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע דערפער. יענע האָבן געבראַכט אייער, פוטער, כריין, מעל, האָניק, דאָרפישן ברויט, פלייש.

דער פעטער יאָשע האָט זיך אָנגעפרעגט, ווי האַלטן די מעקאָכים, — וועט ער וויסן, וויפל געלט צו בעטן פאַר זיינע פּראָדוקטן.

מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן צו קויפן.

מע האָט געקויפט צו דריי פונט, אַנדערע האָבן געקויפט גאַנצע זעקלעך.

פריער פון אַלץ האָט מען פאַרקויפט די טמעטענע, די קאַרטאָפל און די עפל. די רעטעכער און די מערן האָט מען פאַרקויפט ערשט צו האַלבן טאָג.

דעם פעטער יאָשעס ווייב איז געגאַנגען אָנקוקן ציץ און פאָדים, דער פעטער יאָשע איז דערווייל געשטאַנען נעבן וואָגן.

## געקויפט

דער פעטער יאָשע האָט שוין פאַרקויפט דאָס לעצטע ביסל מערן. האָט ער איבערגעציילט דאָס געלט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז ער קאָן קויפן אי ציץ, אי טשוועקעס, אי אַ ביכל—אַלץ, וואָס ער האָט גערעכנט צו קויפן. ער האָט נאָך געקאָנט קויפן צוקער און בייגל פאַר די קינדער.

דער פעטער יאָשע האָט זיך געאיילט, עס זאָל ניט ווערן שפּעט.

## אַ היים

דעם פערדל איז גרינגער געוואָרן, ער איז געלאָפן שנעל. מיטן פעטער יאָשען זיינען געפאָרן נאָך פינף פורן. איינעם איז פריילעכער.



מע האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט אין דער קרעטשמע, מע האָט גע-טרונקען טיי און גערעדט וועגן דעם מאַרק.

אין פֿויערטע האָט געוויזן אירע נייע שיך, וואָס זי האָט געקויפֿט אין שטאָט. די צווייטע האָט געוויזן אַ נייע וואַרימע טוך, די דריטע האָט גע-וויזן א ניי-מאַשין.

די פּויערים האָבן באַוויזן זייערע סכוירעס.

### אינדערהיים

עס איז שוין געוואָרן פֿינסטער. דער פעטער יאָשע מיט זיין ווייב זיי-נען צוגעפֿאָרן צו זייער שטוב. די קינדער און די אַלטע באָבע האָבן דער-הערט דעם קלאַפּ אין טיר, זיינען זיי אַרויסגעלאָפֿן אַנטקעגן. זיי האָבן זיך זייער דערפֿרייט. מע האָט געהאָלפֿן אַריבערטראָגן די זאַכן. מע האָט גע-שטעלט דעם סאַמאָוואַר, געטרונקען טיי און געגעסן שטאָטישע קיכלעך און בייגל. עס איז געווען זייער פֿריילעך.

## אַרבעטער און פּויער

איך מיט דיר—געטרייע ברידער,
איך באַם האמער, דו—באַם סערפּ.
איך וועל שמידן דיר אן אקער.
דו וועסט אקערן דעם פעלד,
ביידע גלייך וועלן מיר שפּאַנען
צו א נייער פרייער וועלט

## דער טאַם פון פּאָרן

איינמאָל קומט צו אונז פּיני און רופט אַרויס מיין ברו-דער עליע אף א סאַד. וויבאַלד א סאַד מוז איך וויסן. פּיני רעדט און מיין ברודער עליע רעדט. איך גיב אייך איבער זייערעביידנס ווערטער:

פּיני: וואָס וועלן מיר דאָ אויסזיצן?

עליע: איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

פיני: טאָ לאָמיר זיך אויפהויבן און לאָמיר פאָרן.
עליע: נו, און מאָטל? (דאָס הייסט, איך).
פיני: מאָטל אויך.

פאר גרויס פרייד, לאָז איך אַרויס א קוויטש, און לאָז זיך לויפן. שפרינג אונטער און פּאַטש מיטביידע הענט אין די ליטקעס פון די פיס. א קלייניקייט — איך פאָר! וואוהין, אשטייגער פאָרן מיר? איך וויל גאָרניט וויסן וואוהין. וואָס גייט עס מיך אָן וואוהין? איך פאָר—און גענוג! איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? אז מיר זאָלן זיך וועלן גוט אויס-רעכענען, בין איך דאָך נאָך קיינמאָל אף מיין לעבן אין ער-גען ניט געפאָרן. איך ווייס אפילע ניט דעם טאַם, וואָס הייסט דאָס פאָרן? אביסל האָב איך יאָ פארזוכט דעם טאַם.

איך בין אמאָל זיך דורכגעפאָרן אף אונזער שאָכנס ציג. האָט דאָס מיר געקאָסט טייער. אכוץ וואָס איך בין געפאלן און צעבלוטיקט די נאָז, האָב איך נאָך געכאפּט א פּאָר פּעטש אויך. דערפאַר רעכן איך דאָס ניט פאר א פאָרן.

# אין וואגאָן

פאָרן מיט דער באַן איז אַ פאַרגעניגן: מיט דער פור איז אויך ניט שלעכט. נאר סע טרייסלט און די זייטן טוען באכדעם וויי. לייזערס פערד פליען טאקע ווי די אדלערס, פונדעסטוועגן האבן מיר זיך גענוג געשלעפּט, ביז מיר זיי-נען געקומען צו דער סטאנציע.

אז מיר זיינען געקומען צו דער סטאַנציע, איז לייזער, אונזער באַלעגאלע, אַוועק זוכן פאַרשוינען אף צוריק און מיר זיינען מיט די פעקלעך אַריין אין וואגאן.

אין וואגאן איז אזוי ענג, אז מע קאן דערשטיקט ווערן. אכוץ אונז, פאָרן נאך אסאך פארשוינען. און מע שלאגט זיך פאר די ערטער. מיר האבן קאם באזעצט זיך מיט די פעק-

לעך אױף דער ערד. די מאַמע אין איין זײַט װאָגאָן און מײַן שװעגערין אין דער אַנדערער זײַט װאָגאָן. אַז זײ װילן רעדן, מוזן זײ שרײַען הױך איבערן גאַנצן װאָגאָן. לאַכט מען פֿון זײ. מײַן ברודער עליע און אונזער כאַװער פּיני זײַנען געבליבן הענגען, װי אין דער לופֿטן, ניט אַהין, ניט אַהער. פּיני איז קורזיכטיק, כאַפּט ער אַלע מאָל אַ קלאַפּ אין שטערן. און איך? פֿאַר מיר זאָרגט אײַך ניט, מיר איז גוט. מיר איז אױסגעצײכנט. מע קװעטשט מיך טאַקע פֿון אַלע זײַטן. איך שטײ אָבער בײַ אַ פֿענסטער. דאָס, װאָס איך זע, האָט איר געװיס קײנמאָל ניט געזען. פֿאַר מײַנע אױגן פֿליִען שטײַבער, װיאָרסטען, בײמער, מענטשן, פֿעלדער, װעלדער—ס׳איז ניט צו באַשרײַבן! און װי אַזױ פֿליט די באַן! און װי אַזױ קלאַפּן די רעדער! װי אַזױ טראַסקעט דאָס! װי אַזױ פּײַפֿט דאָס! װי אַזױ קװיטשעט דאָס!

מיט זיך פֿירן מיר פֿון אַלדאָסגוטס: רעטעך און ציבעלעס, און קנאָבל, און גרינע אוגערקעס און האַרטע אײער. אױף יעדן אײַנציקן אַן אײ. איך האָב שױן לאַנג ניט אַזאַ האַבאַ געהאַט פֿונם עסן.



## דער באַן

דער באַן איז אַ לאַנגער,
אַ לאַנגער אַזאַ.
עס זינגען די רעדער
טאַ, טאַ, טאַ, טאַ, טאַ.

וועלדער און פעלדער
לויפן פאַרביי,
מיר פאָרן, מיר פאָרן —
דער וועג איז נאָך ווייט.

אט איז א סטאנציע—
נאָר ס'קלינגט שוין דער גלאָק —
מיר פאָרן שוין ווידער
באנאכט און באטאָג.

מיר פארן, מיר פארן,
דער וועג איז נאך לאַנג.
עס בויגט זיך פון ווייטן
דער וועג ווי א שלאנג.

## וואָס רעדט דער באַן

עס הערט זיך שוין דער דריטער קלונג. דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין א פייף געטאָן, אָט טוט ער זיך פאַמעלעך אַ ריר און הויבט אָן סאָפּענדיק צו ריידן מיט די וואַגאָנעס:

— אָך, ווי שווער, אָך, ווי שווער, אָך, ווי שווער.

און די וואַגאָנעס ענטפערן אים:

— נו, איז וואָס? נו, איז וואָס? נו, איז וואָס?

דער לאָקאָמאָטיוו הויבט שוין אָן צו גיין גיכער. ער האָט זיך פאַ-נאַנדערגעברענט און האָט שוין אָנגעהויבן פריילעכער צו ריידן מיט די וואַגאָנעס:

— אָך, הייס געוואָרן! אָך, הייס געוואָרן! אָך, הייס געוואָרן!

נאָר די וואַגאָנעס קלאַפּן בייז:

— אונז איז ניט קיין דאַיגע! אונז איז ניט קיין דאַיגע! אונז איז ניט קיין דאיגע!

דער לאָקאָמאָטיוו איז אַרויפגעגאַנגען אַף אַ בריק—האָט ער זיך זייער דערשראָקן און האָט אָנגעהויבן צו קרעכצן:

— אוי, ווי שרעקלעך! אוי, ווי שרעקלעך! אוי, ווי שרעקלעך!

און אַז ער איז שוין דעם בריק אַריבערגעגאַנגען—האָט ער זיך שוין באַרואיקט און האָט אָנגעהויבן שטיל צו שעפּטשען:

— איצט איז גוט! איצט איז גוט! איצט איז גוט!

# פאַרוואָר לאָזטע

מיר האָבן ניט געהאַט קיין היים,
מיר האָבן ניט קיין מאַמעס און טאַטעס,
מיר פּלעגן זיך וואַלגערן אין די גאַסן אַליין,
אַרומגעוויקלט אין שמאַטעס.

פּלעגט זומער גיסן אַ רעגן,
פּלעגט ווינטער שנייען שיטן —
קרענק, קעלט און הונגער
האָבן מיר, קינדער, געליטן.

באַנאַכט אויפן גאַס מיר שלאָפן
און אויבן אַ הימל מיט שטערן,

קאַלט און אַ פראָסט און מיר ווייִנען,
נאָר דער ווינט פאַרפרירט די טרערן.

זייַנען מיר אַלע געקומען
צו אייַך, קינדער, צו אייַך —
מיר ווילן זיך לערנען און אַרבעטן
מיט אַלע קינדער גלייַך.

## יאַשקע דער גאַסן-אינגל

*

דער 8-יאָריקער יאַשקע איז געזעסן באַם פענסטער און געקוקט אין דרויסן. שוין דער דריטער טאָג, אַז ער זיצט אַזוי און וואַרט אַלץ אַף זייַן מומען פעדאָרע. ווען ער איז 6 וואָכן אַלט געווען, האָט מען אים אונטער-געוואָרפן צו דער מומע פעדאָרען, וועלכע האָט אים אויפגעהאָדעוועט. זייַנע עלטערן האָט יאַשקע ניט געקענט.

די מומע פעדאָרע, אַן אַלמאָנע אָן קינדער, האָט געוואוינט אַפן עק שטאָט אין אַ קעלער. באַטאָג האָט זי אַפן וואָקזאַל די פּאָדלאָגעס געוואַשן און באַנאַכט האָט זי גרעט געוואַשן. און פון די ביידע פּאַרנאָסעס האָט אַף ברויט ניט געסטאַיעט. פונדעסטוועגן האָט זי דעם קליינעם אַרייַנגענומען אין שטוב, פאַנאַנדערגעוויקלט אים און געזאָגט:

— אַ דאַיגע, זאָל ער זייַן. ניִשקאָשע, ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער זייַן אַ שפּייזער, נאָך בעסער פון אַן אייגענעם.

און די אַלטע האָט דעם אינגל אויסגעהאָדעוועט, „אַף סקאָרינקעס פון ברויט‟, זיך מיט אים דעם ביסן געטיילט.

שווערע צייַטן זייַנען געווען. ס'איז אויסגעקומען צו פאָרן מיטן באַן נאָך מעל און קאַרטאָפל. „ווי שווער ס'איז צו פירן עסנוואַרג‟, — פלעגט דערציילן די מומע, — „אין וואַגאָן לאָזט מען ניט אַריין. — הענגסט אַף די טרעפ אָדער אַף די בופערן, וואו די וואַגאָנעס טשעפּען זיך צו איינער צום אַנדערן. קאַלט און שרעקלעך. פּרוּווּ נאָר כאַפּן אַ דרעמל, קייקלסטו זיך אַראָפּ צווישן די רעדער און פאַרטיק‟...

די מומע פעדאָרע פלעגט אַלץ אַרומגיין און טראַכטן אַפן קאָל:

— „ניִשקאָשע, יאַשקע, איך וועל דיך אָפּגעבן אין שול און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ מענטשן‟...

*

— וואו איז דאָס, די מאַמינקע. אַוועקגעפאָרן שוין דריי טעג און ניטאָ...

יאַשקע איז געזעסן אינם ניט באַהייצטן קעלער און אַלץ געטראַכט וועגן דער מאַמען, עסנדיק אַביסל קאַלטע קאַשע.

אַפֿן פערטן טאָג איז אָנגעקומען אַ ידיעה: די מומע פעדאָרע איז געפאָרן אַפֿן פּלאַטפאָרמע פון וואַגאָן און דערפראָרן געוואָרן. אין קעשענע האָט מען באַ איר אַ פּאַפּירל געפונען און מע האָט געגעבן אַהער אַפֿן קוואַרטיר צו וויסן.

יאַשקע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, געלעגן דעם פאַרפראָרענעם פענסטער און איז אַוועק צו דער שכנע, דעם מוליערס ווייב.

— נעם מיך צו צו זיך, מומינקע. מיין מאַמע, די מומע פעדאָרע, איז פאַרפראָרן געוואָרן. אָנגעקומען אַ פּאַפּיר. איך האָב ניט וואוהין צו גיין.

די שכנע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ס'איז דאָ אייגענע פינף, ניטאָ וואָס צו עסן. באַך נעמען אַ פרעמדן אַף קעסט.

אין קעלער פון דער פאַרשטאָרבענער פעדאָרען האָט זיך אַריינגעקליבן אַ נאַכט-וועכטער פון אייזנבאַן, דער אַלטער זאַכאַר. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער ליגן אַן איינגעדרייטער אין טולופּ און שלאָפן באַנאַכט האָט ער דעם וואָקזאַל געהיט. יאַשקע איז צו אים קיינמאָל ניט אונטערגעגאַנגען: זאַכאַר פלעגט זיך שטענדיק זידלען און האָט ניט געקאָנט ליידן קיין קינדער.

יאַשקע איז אַוועק אַפֿן וואָקזאַל, וואו זיין מאַמע האָט די פּאָדלאָגעס געוואַשן.

אַפֿן וואָקזאַל וואלגערן זיך פּויערים און פּויערטעס. דאָס זיינען אַלץ אָנגעפאָרענע פון די הונגעריקע גובערניעס. זיי זיצן, ליגן און שלאָפן אונטער די טישן און בענק.

יאשקע האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן זיי, אויסשטרעקנדיק די האַנט, און געבעטן:

— גיט א שטיקל ברויט... איך וויל עסן...

זעלטן ווער ס'האָט אים ארויסגעווארפן א שטיקל ברויט. ער איז געווען ניט איינער, און יאַשקע פלעגט אַנטשלאָפן ווערן אין א ווינקל א הונגעריקער, צוזאַמען מיט די פּויערים און פּויערטעס...

איינמאָל האָט זיך יאַשקען פאַרוואלט אַזוי עסן, אז ער האָט שלאָפן ניט געקאָנט. איז ער געזעסן אין א ווינקל און געוויינט. פּלוצלינג האָט ער דערזעען, ניט ווייט אַפֿן באַנק ליגט א מענטש און שלאָפט. באַ דעם מענטשן איז געווען א טאָרבע און פון דער טאָרבע האָט געשטאַרטשעט א שטיק ברויט, יאַשקע האָט פּאַוואָלינקע צוגעפּויזשעט צום שלאָפנדיקן, אַריינגערוקט די האַנט אין טאָרבע און האָט מיט די פינגער דאָרט אָנגעטאַפּט א טייסטער מיט געלט. יאַשקע האָט צוגעלאַכנט דאָס ברויט מיטן טייסטער.

ער איז אנטלאָפן אין א פינסטערן ווינקל, אײַפגעגעסן דאָס ברויט, געקוועטשט דעם טייסטער און געטראַכט:

— צי וואָס האָב איך עס געגומען?

אים האָט זיך ניט געוואָלט גאַנוועגען דאָס געלט, ער איז שוין זאַט געוואָרן. נאָר אָפּטראָגן צוריק איז געווען אַ מוירע.

אינדערפרי האָט ער שוין אף יענער באנק דעם מענטשן ניט געפונען, און ער איז אוועקגעגאנגען פון וואקזאל.

אפן פלאץ האָט ער דערזעען אינגלעך האנדלען מיט פאפיראָסן. ער האָט באטראכט זיינע געלט און פארפירט א שמועס מיט די אינגלעך, וואו זיי נעמען די סכוירע און ווי זיי האנדלען.

צוזאמען מיט יענע האָט ער אָנגעהויבן האנדלען מיט פאַפּיראָסן, געשטאנען אפן בולוואר און נאָכגעטאָן זיינע כאוויירים:

— אַהער, אהער, גוטע פאַפּיראָסן. „טאַרי-באַרי", „שורי-מורי", ערשטער סאָרט! אַהער!

און אליין האָט ער געוואוסט, אז די פאַפּיראָסן זיינען נאָך ווייט פון ערשטן סאָרט, אז דער טאבאק איז א געמישטער און אז די פאפיראָסן זיינען שוואַך אָנגעשטאָפּט.

באלד האָט ער שוין געהאט באקאנטשאפט. געכאווערט זיך מיט אלע גאסן-קינדער, אויסגעלערנט זיך זידלען און שפּילן אין קאָרטן, און געמיינט, אז וואָס בעסער ער וועט זיך קאנען זידלען, אלץ מער „יאט" וועט ער זיין.

— הער זיך איין, יאשקע, — זאָגט צו אים איין מאל זיינער א כאווער פון די פאַפּיראָסניקעס, — מירן גיין היינט עפּעס פאַקן.

— וואָס?

— קעראָסין. דו וועסט שטיין און היטן, אז קיינער זאָל ניט אָנגיין, און מיר וועלן „ארבעטן". גוט?

— גוט.

באנאכט. דער וואָקזאל איז טונקל באלויכטן. אפן גאס נעבן וואנט שטייען האלב-שלאָפנדיקע פיגורן. דאָס זיינען די, וועלכע דארפן מאָרגן באר טאָג אוועקפאָרן, זיי ווארטן אף אן אָטשערעד אין קאסע. אפן באנק ליגט דער שוימער און שלאָפט. שטיל... זעקס אינגלעך, צווישן זיי יאשקע, גאנוועגען זיך צום פינסטערן ווינקל, הינטער די פעק, וואו די קעראָסין שטייט.

זיי האָבן גאָרניט כוישעד געווען, אַז דער שוימער זאכאר שלאָפט ניט. ער האט זיי שוין פון לאנג באמערקט און ער שפּירט זיי נאָך...

יאשקע האָט באמערקט, ווי עס רוקט זיך די שווארצע פיגור פון דעם אלטן אינם צעריסענעם פעלצל.

— אך, פארכאפּט זאָלסטו ווערן... — האָט ער מיט ציטער א שעפּטשע געטאָן, — דער זיידע זאַכאַר...

ער האָט א פייף געטאָן און געלאָזט זיך לויפן. נאָך אים די איבעריקע פּאַפּיראָסניקעס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך די פלעשלעך פון דעם קעראָסין.

נאָר עס איז שוין צו שפּעט געווען.

זאַכאַר האָט שוין יאַשקען פאַרן קאָלנער געהאַלטן.

— שטיי, וועסט ניט אַנטלויפן, דו, יונגאַטש, אַריינגעכאַפּט זיך. דאָס ביסטו — יאַשקע. יאָ, האָסט זיך פאַר דער צייט אַ פולע אויסגעלערנט. נו, גאָרניט צו מאכן, וועסט גיין אין מיליציע.

פאַר דער צייט, וואָס דער אַלטער האָט זיך דאָ אומגעפירט מיט יאַשקען, זיינען זיך דערווייל די איבעריקע גאַנאָווים צעלאָפן. יאַשקען האָט איבערגענומען אַ מיליציאָנער, וואָס איז אָנגעלאָפן אויף דעם אַלטנס קוילעס.

3

— נו, גיי, גיי, ניטאָ וואָס צו קוקן אין דער זייט. מיר קאָנען דיך— קלייבסט זיך אַנטלויפן, — האָט געזאָגט דער מיליציאָנער, פירנדיק אויף מאָרגן יאַשקען פון מיליציע אין קינדער־הויז.

— אַ נייאינקער, אַ נייאינקער,—זיינען אונטערגעלאָפן צו אים די קינדער פון קינדער־הויז.

יאַשקע איז געשטאַנען פאַר זיי אין אַ שמוציק העמדל אָן אַ פּאַס און אין צעריסענע שטיוול.

— ווער ביסטו?

— פון וואַנען?

— ווער האָט דיך אַהער געבראַכט?

— וואו ביסטו פריער געווען?

יאַשקע האָט אפריער געשוויגן, דערנאָך האָט ער אַ בליק געטאָן מיט די אויגן אויף די קינדער און מיט אַ קאַעס געענטפערט:

— איך בין יאַשקע. איך לעב אַליין פאַר זיך. נאָך וואָס האָט מען מיך אַהער געבראַכט, שיידים ווייסן אייך.

די קינדער האָבן פאַרוואונדערט זיך איבערגעקוקט. איינער האָט ניט זיכער א שעפּטשע געטאָן:

— און לייענען קענסטו? ציילן קענסטו? ביז וויפל?

— לייענען קען איך ניט, און געלט קען איך בעסער ציילן פון אייך! נאַראָנים, גיט נאָר וואָס מער!

— ביסט אַליין אַ נאַר,—האָט געזאָגט א אינגל באַליידיקט. דו מיינסט, אז איך וועל דיר שווייגן, איך בין אויך א נייער!..

—איך האָב אוואַדע מוירע פאַר דיר, גייט אַלע צום טייוול—וואָס האָט איר זיך צו מיר צוגעטשעפּעט?

אפילע דער פאַרוואַלטער האָט בעשום אויפן ניט געקאַנט דערגיין זיין פאַמיליע און האָט פאַרשריבן יאַקאָוו און גאָר.

ס'איז אַוועק אַ כוידעש, און יאַשקע האָט זיך נאָך אלץ ניט אויסגעבעסערט. געריסן זיך מיט אַלע קינדער, זיך געקריגט מיט די אַנפירער און גאָרניט ניט געוואָלט טאָן.

איין מאל האָט ער זיך צעשלאָגן מיט די קינדער. האָבן זיי באַשלאָסן ניט צו ריידן מיט אים און ניט לייגן אף אים קיין אויפמערקזאַמקייט.

יאַשקען האָט עס זייער פאַרדראָסן און שטארק באַנג געטאָן, נאָך ערגער ווי די קלעפּ, וואָס ער האָט געכאַפּט פון די עלטערע קינדער. אין גאַס איז ער געוואוינט געווען, אז זיינע כאַוויירים זאָלן זיך מיט אים רעכענען.

איינמאָל האָבן די קינדער אפן הויף געשפּילט. יאשקען האָט זיך זייער געוואָלט שפּילן. ער איז געזעסן נעבן פאַרק און געוויינט.

סאָפּקאָלסאָף האט ער זיך ניט געקאָנט איינהאלטן, צוגעלאָפן צו די קינדער און געבעטן זיך:

— לאָזט מיך שפּילן, איך וויל אויך שפּילן. די קינדער האָבן אים ניט אוועקגעטריבן, זיי האבן אים אַריינגענומען אין שפּיל און געשפּילט ווייטער.

אף מאָרגן האָט שוין יאַשקע געטאָן אלץ, וואס אלע קינדער טוען.

מע זאגט, אז יאשקע איז געוואָרן זייער א גוטער כאַווער אין קינדער-הויז.

## פון וואנען האבן זיך גענומען פאַרוואָרלאָזטע קינדער

אין 1914 יאָר איז געווען א גרויסע מילכאָמע. אסאַך ארבעטער און פּויערים, וואָס זיינען אַוועק אף דער מילכאָמע, זיינען דערהארגעט געוואָרן. אינדערהיים זיינען געבליבן זייערע קליינע קינדער. קיינער האָט פאר זיי ניט געזאָרגט, זיינען זיי געווארן פאַרווארלאזטע. נאָכדעם איז אין 1921 יאָר געוואָרן א גרויסער הונגער אין וואָלגער קאַנט. פאַרוואָרלאזטע איז געוואָרן נאָך מערער.

ניט אַלע פאַרווארלאזטע קאָן מען איינאָרדענען אין די קינדער-הייזער. זייער אסאַך וואַלגערן זיך נאָך ביז איצט אין די גאַסן.

## אונזער עקסקורסיע אין נאַכטהויז

מיר זיינען געגאנגען אף אַן עקסקורסיע אין דעם הויז, וואו עס געפינען זיך די פאַרוואָרלאָזטע. ווי מיר זיינען אהין אַריין, האָבן מיר שוין גלייך פארשטאנען זייער לאַגע.

מיר האבן געזעען אסאַך קליינע קינדער, קראנקע, הונגעריקע. על-
טערע מענטשן זיינען דארט אויך געווען. זיי האבן אונז דערציילט, אז זיי
זיינען געקומען פון וואָלגער קאַנט, ווייל דארטן איז געווען א הונגער.
אַסאַך קינדער האבן זיי פארלארן אַפן וועג און אסאַך זיינען געשטארבן
פון הונגער. אז זיי זיינען געקומען אין אונזער שטאט, האבן זיי ניט גע-
האַט צו וואס זיך צו נעמען. וואַלגערן זיי זיך אט אין דעם נאכטהויז. עס
איז שרעקלעך זיך פארצושטעלן זייער לאגע.

מיר מוזן זיי העלפן!

## אין דער געזעלשאַפט „קינדער-פריינט“

### מ ע ל ד ו נ ג

מיר, דער צווייטער קלאס פון דער 27-טער שול, זיינען געגאנגען אף
אַן עקסקורסיע אין נאכטהויז אויספאָרשן די לאַגע פון די פאַרוואָרלאזטע
קינדער.—

די לאַגע זייערע איז אַ שרעקלעכע; זיי וואַלגערן זיך אין ענגשאַפט,
שמוץ. הונגעריקע און אַרומגעריסענע זיינען זיי. מיר בעטן אַייך אריינע-
מען אַ פאר קינדער אין דעם קינדער-היים, וואס איר האט געעפנט
פאַר די פאַרווארלאזטע.

2-טער קלאַס פון דער 27-טער שול. מינסק.

# אונזער אָוונט

מיר האבן געטראַכט: „מיט וואס וואלט מען געקאנט העלפן די פאַר-ווארלאזטע?״ האבן מיר געשריבן אין צייטונג אַן אַרטיקל, אין וועלכן מיר האבן דערציילט, ווי עס לעבן די פאַרווארלאָזטע קינדער, און געבעטן אַלעמען העלפן זיי. מיר האבן אויך אנגעגעבן אַ מעלדונג אין דער גע-זעלשאַפט „קינדער-פריינט״, זיי זאלן ארייננעמען אין דעם קינדער-הויז, וואס זיי האבן געעפנט פאַר פארווארלאָזטע קינדער, א קינד פון נאַכטהויז. מיר האבן געמאַכט פאפקעס פאַר אַ מאַטאנעו די קינדער פון קינדערהויז. אבער די גרעסטע אַרבעט איז געווען דער אוונט, וואס מיר האבן געמאַכט לעטויוועס די פארווארלאזטע קינדער. אַ גאַנצע וואך האבן מיר גערעפעטירט, געווען אין שול יעדן טאג ביז שפעט אין אָוונט, אָפט-מאָל ניט געגעסן. דערפאַר אָבער איז דער אָוונט געווען אַ גוטער.

אַפן אָוונט האָבן מיר פארשפרייט בלעטלעך, מע זאָל העלפן די פאַר-וואָרלאָזטע, פארקויפט צייכנס און לאָטלעך.

אַפן אָוונט זיינען געווען זייער אַסאַך עלטערן. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער אָוונט איז זייער א שיינער.

פאַר די בילעטן האָבן מיר אויסגעלייזט מער ווי 33 רובל. די געלט האָבן מיר אפגעגעבן אין דער געזעלשאַפט „קינדער-פריינט״.

# ערעוו פרילינג

כ׳שטיי אויף פרי, דער דאך געזילבערט,
און א בעלמע אַף די שויבן;
דאָך אין דרויסן פליען העכער
צו דעם הימל ווייסע טויבן.

און די צעפלעך אייז, ווי ליכטלעך,
אָנגעצונדן מיט א העלן
שטראל, צעשמעלצן זיך און טריפן, —
צי זיי וויינען, צי זיי קוועלן?

מיר געפעלט דער ערעוו פרילינג
דאפקע ווי ער שטייט און גייט,
אָנגעטאָן אין שמאטעס וואָלקן,
מיט א גאָלדענעם שטראל באנייט.

איך האָב ליב זיין קאלטן ווינט,
וואָס ער פאטשט אין האלז און נאקן,
ווען פון פאָרנט קושן, הלובען
זיסע ווינטלעך מיינע באקן.

## אײז-צעפּלעך און שנײ

אין פרילינג, ווען עס ווערט ווארעמער, צעגייען זיך די אייז-צעפּלעך און דער שניי. עס ווערט פון זיי וואסער. פון דער וואסער ווערן טשקע-לעך, וואס טראָגן זיך אין די רינוועס אַראָפּ. א טייל וואסער זאפּט איי אין זיך די ערד, אַ טייל דערלויפט ביז צו אַ טייך, און א טייל ווערט דורך דער ווארעמער זון פאַרוואַנדלט אין פּאַרע און פליט אוועק אין דער לופטן הויך...

פון דער פארע ווערן וואָלקנדלעך, דער ווינט יאָגט זיי ארום הין און צוריק איבערן הימל. דאָרט אבער, אויבן, איז קעלטער, ווי בּאַ אונז אַף דער ערד, דעריבער ווערט פון דער פּאַרע ווידער וואַסער-טראָפּנס. די טראָפּנס זיינען שווערער פון פּאַרע, פאלן זיי אַראָפּ אונטן, אַף דער ערד. דערפון זיינען די רעגנס.

## פ ר י ל י נ ג

האָט די ערד שוין שוואַרצע קעפּלעך
אויסגעשטעקט פון אונטער שנייען,
שעפּט מען וואַסער מיט די טעפּלעך
וואו אין דרייען, וואו אין צווייען.

ווייסט ניט שניי זיך וואו אַהינטאָן,
טראָגט אין רווישיקע זיך וויטן;
גלייך מע לויפט אים נאָך פון הינטן
און פאַרלייגט אַף אַלע זייטן.

רינט און שווימט פון די ריוועטשאַקעס —
באַרג אַראָפּ און באַרג אַרונטער,
אַלע מאָל גיט זיך אַ האַק אויס
אַ שטיק האַרץ פון קאַלטן ווינטער.

## אײַזגאַנג

עס איז אָנגעקומען דער פרילינג. ריטשקעלעך האָבן זיך צעגאָסן אי־בער די גאַסן, און פון דער ערד איז געגאַנגען אַ פּאַרע.

ליאָווע, סאָרע און נאָך קינדער האָבן געלאָזן איבערן גאַס שיפעלעך. אינמיטן איז געקומען צו לויפן פון ערגעץ וועלוול, דער מאַנטל זײַנער איז אינגאַנצן דורכגענעצט געווען, די שיך און די היטל—נאַס און פאַרשפּריצט מיט בלאָטע. ער איז געווען צעטראָגן און האָט געפּאָכעט מיט אַ שטעקן.

— כעווורע, אוי, וואו איך בין געווען — האָט ער אויסגעשריען נאָך פון דער ווײַטן.

— וואו? וואו?

וועלוול האָט פלינק אַרײַנגעשטעקט זײַן שטעקן אין נאַסן שניי, אַראָפּגענומען די היטל און אויסגעווישט דעם שווייס.

— אוי, קינדער, האָב איך זיך דאָס פאַרמאַטערט! דאָס איז אַן אַרבעט געווען!

— זאָג שוין, וואו ביסטו געווען? וואָס פאַר אַן אַרבעט?

— באַם טײַך געווען. דער אײַז גייט, אַ שרעק. דעם בריק נעבן מאַרק האָט עס אַראָפּגעטראָגן. מיר האָבן די ברעטער געשלעפּט פון וואַ־סער, איך האָב אַרויסגעשלעפּט אַזאַ קלאָץ, אַז... אַז...

באַ די אינגלעך האָט דעם אָטעם פאַרכאַפּט.

— ס'אַ ליגן! עמעס?

— גייט טוט אַ קוק וועט איר זען צי אַן עמעס צי אַ ליגן. דער גאַנצער טײַך גייט. עס רודערט און עס קנאַקט, אַ שרעק.

כעווורע האָבן אַוועקגעוואָרפן די שיפעלעך און זיך געלאָזט לויפן צום אַראָפּגעטראָגענעם בריק.

* * *

דאָרט אויף דעם טײַך, דעם רוישיק בלויען
האָט מיט געזאַנג געפּלאַצט דער אײַז,
און פון דעם פאַרקאַן שרײַען קראָען
אין אַ געדיכטן שוואַרצן קרײַז.

# אף וואס אכטונג געבן אין פרילינג

## I. טייך

1. פאַרשרייבט, ווען עס זיינען געוואָרן שפּאַלטן אפן אייז פון טייך;
2. ווען האָבן אָנגעהויבן רוישן ריטשקעס אַף די וועגן;
3. ווען האָט זיך אָנגעהויבן דער אַייזגאַנג און וואָס טראָגן אף זיך די קריעס; מאָלט אָפּ דעם אייזגאַנג.

## II. פויגלען

1. וועלכע פויגלען זיינען געקומען פריער פון אלע? מאָלט זיי אָפּ באַ זיך אין טאָג-ביכל.
2. פאַרשרייבט, ווען זיינען זיי געקומען צו פליען.
3. גיט אַכטונג און פאַרשרייבט באַ זיך אין טאָג-ביכל, ווען עס זיינען געקומען די איבעריקע פויגלען: שוואַלבן, בושעלעס.

## III. געוויקסן און אינסעקטן

1. וואו איז פריער ווי אומעטום צעגאַנגען דער שניי, און וואָס האָט איר געזען אונטערן שניי?
2. זוכט אויף קעצעלעך אף דער ווערבע און פאַרשרייבט בא זיך אין טאָג-ביכל, ווען האָט איר זיי געפונען.
3. קוקט זיך צו, וועלכע אינסעקטן פליען אַרום דער ווערבע.
4. פאַרשרייבט, ווען האָט זיך באַוויזן אַף דער ווערבע די ערשטע בלעטעלעך.
5. זוכט אויף די ערשטע פרילינג-בלומען און מאָלט זיי אויף; שטעלט צונויף אַ קאָלעקציע.
6. פאַרשרייבט, ווען האָט איר דאָס ערשטע מאָל דערזען: א) אַ בין, ב) אַ באַבעלע, ג) אַ מאַי-זשוק, ד) אַ מיסט-זשוק; מאָלט זיי אויף.
7) שרייבט אָן, ווען האָט איר דאָס ערשטע מאָל באַמערקט אַ לופטל.



# פון טאָג-ביכל

היינט איז באַ אונז געווען די ערשטע פרילינג-פאַרזאמלונג. מע האט גערעדט וועגן דעם, ווי מע דארף פירן אַ טאָג-בוך פון באַאָבאכטונגען אין פרילינג; אַף וואס לייגן אַכט און ווי נאָכפאָרשן אַלץ, וואס עס קומט פאָר אין דער נאטור.

מיר האבן באשלאָסן:

1. אָנמערקן דאָס אָרט און די צייט, ווען עס ווייזן זיך די ערשטע שטיקער ערד אָן שניי.
2. באמערקן, ווי די קנאָספּן ווערן אָנגעשוואָלן, ווי עס ווייזן זיך די ווייסע „קע-צעלעך" אַף דער ווערבע, דאָס ערשטע גרינס און די ערשטע בלומען.
3. באַמערקן, ווי עס ווייזן זיך די ערשטע אינסעקטן.
4. אָנמערקן, ווי פירן זיך אין מאַרט די קראָען, האַלקעס, טויבן, מיסט-פויגעלעך. צי ווערט אין זייער אויפירונג ניט זיין עפּעס נייס.
5. אָנמערקן, ווי עס ווייזן זיך די גראַיערס, די גרויס פון זייערע טשאַטעס, זייערע געשרייען, מיט וועלכע זיי פארהילכן די לופט.
6. אָנמערקן, ווען עס ווייזן זיך די ערשטע קענטיקע ענדערונגען און שפאלטן אין אייז אַפן טייך.
7. אָנמערקן די באַאָבאכטונגען איבער דעם דורכוואקסן פון זוימען.
8. צוקוקן זיך צום לעבן פון די וואַסער-באלעכאיעם; דערוואכונג פון ווינטער-שלאָף; אויסמאָלן און איינאָרדענען דאס אין ווינקל „לעבעדיקע נאַטור".
9. צוקוקן זיך צו דער פארמערונג פון באלעכאיעם (רויג באַ די פרעש).
10. אויפמאָלן די בלומען פון אונזער סאָד, אויסטריקענען זיי.
11. נאָכפאָרשן די אַנטוויקלונג פון דער לאַרווע *).
12. נאָכפאָרשן די מאַשכיסים פון אונזער סאָד און אַכטונג געבן אַף די פויגלען, וואס פארניכטן זיי.
13. נאָכפאָרשן די אַרבעט פון די פויגלען, ווי זיי בויען נעסטן.
14. באמערקן, ווען מע האט ארויסגעטריבן די בעהיימעס אַף פאַשע.
15. באשרייבן די סטאדע, וואס מע האט אַרויסגעטריבן דאָס ערשטע מאָל אין פעלד.
16. אָנמערקן די באאָבאכטונגען איבער די ערשטע ארבעטן אין גאָרטן און אין פעלד.

---

איז געווען באַ אייך א פארזאמלונג וועגן דער פרילינג-ארבעט? וואס האט איר באשלאסן דורכצוארבעטן?

# פון קינדערשן טאָג-ביכל

4/II. איך האב פארזעצט עטלעכע קרויט-זוימען אין שאָלעכץ פון אַן איי. ניט באַגאָסן זיי.

5/II. ס'איז גאָרניט אַרויס, האָב איך באַגאָסן.

6/II. יאָ. ס'ווייזט זיך עפּעס א ברוינלעכס.

7/II. פאַראַן שוין אַ קליין שפּראָצעלע פון אויבן.

8/II. שוין צוויי שפּראָצעלעך.

9/II. פול די שאָלעכץ מיט שפּראצעלעך.

---

*) לארווע — гусеница

10/II. עס וואקסט. די ערד איז פייכט, באַגיס איך ניט.

11/II. אויסגעקערעוועט דאָס געוויקסל צו דער שיין.

12/II. באַדאַרפט שוין אַריבערזעצן די קרויט אין א בלעכל. ארומגעוויקלט מיט דינעם פּאַפּיר, ווייל עס האָט זיך שוין אזוי צעלאָזט, אַז די איי-שאָלעכץ איז פאַר דעם ענג געוואָרן.

15/II. אָנגעשניטן צווייגלעך פון ווערבע און אָלכע. געשטעלט זיי אין אַ פלאַש וואַסער.

רעטעניש׳ן: 1) אַ לאַטע אַף א לאַטע און קיין נאָט איז ניטאָ.
2) שטייט אפן פעלד, וויקלט זיך און וויקלט זיך,
און וויקלט זיך קיינמאָל ניט אויף.

## פון קינדערשן טאָג-ביכל

12/III. אַז איך בין אַרויס אין דרויסן, האָט שוין געקאַפּעט פון אַלע דעכער. דער שניי צעגייט, ס׳ווערן שטראָמעלעך, וואָס גיסן זיך צונויף און לויפן אין די גאַסן.

עס בלאָזט אַ קיל ווינטל, אין דער לופטן טראָגן זיך אום קראָען און האַלקעס. מיסטפויגעלעך צוויטשערן אַרום די פענסטער.

מע שיט אָפּ דעם שניי. מע גראָבט גראָבנדלעך, איבער וועלכע עס רינט אָפּ די וואַסער.

אינגעלעך לאָזן באַם ראָג שיפעלעך און מילכלעך אפן וואַסער, און הילכיק קלינגט זייער געשמאַקער געלעכטער.

באַ א הויפן שניי האָב איך מיטאַמאָל דערזעען אַ גרייער *), וואָס איז געווען פאַרטאָן אין פּיקן עפּעס. לעכאַטכילע האָט מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ קראָ. אָדער אַ האַלקע; נאָר ניין — ס׳איז געווען אַ גרייער. אַ נאָז ווי באַ אַ שטערלינג **), נאָר אַביסל גרעסער. דאָס רוקנדל גלאַנצט, ווי מעטאַל.

עס איז אָנהויב פריילינג.

## בושעלעס

ווען דער שניי איז צעגאַנגען, האָבן זיך די בושעלעס אָנגעהויבן אומקערן פון די וואַרעמע לענדער אין אונזערע קאַנטן. אונזער שטוב איז געשטאַנען צום סאָף שטעטל, פלעג איך אַלע טאָג זעען, ווי מאַכנעסווייז פלעגן זיי פליען הויך אונטערן סאַמע הימל, לאַנג אויסגעצויגן די העלזער אף פאָרנט און די פיס אף הינטן. די קינדער פון גאַס פלעגן פאַרייסן די

*) גרייער — грач
**) שטערלינג — скворец

קעפּלעך און שרייען: „בושעל, בושעל, דיינע קינדער ברענען!" מיר האָבן געמיינט, אַז ווען מיר שרייען אַזוי, פליען די בושעלעס געשווינדער. נאָר די בושעלעס פלעגן אָן אונזערע געשרייען אויך פליען גאַנץ געשווינד. בלי-שטשענדיק אין דער הויך, גלייך ווי זילבערנע, פלעגן זיי דורכשניידן די לופט און באַהאַלטן זיך ערגעץ אין דער בלויער ווייטקייט, מיסטאָמע דאָרטן, וואו זיי האָבן געהאַט זייערע נעסטן. אָפט פלעגט זיך טרעפן, אַז אַ פּאָר בושעלעס פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אַף די הויכע טאָפּאָל-בוימער, וואָס זיינען געוואַקסן אַרום אונזער שטוב און ווידער אַוועקפליען.

איך האָב געוואוסט, אַז ווען מע זאָל אַף אַ בוים אַוועקלייגן אַ ראָד אָדער אַ בראָנע, וואָלטן זיך די בושעלעס דאָ אויסבויען אַ נעסט און פאַר-בלייבן. איך האָב דאָס געזאָגט דעם טאַטן. דער טאַטע האָט אַרויפגעלייגט אַף דעם טאָפּאָל-בוים, אַן אַלטע ראָד פון אַ וואָגן.

אַ פּאָר בושעלעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אַף דער ראָד, האָבן זיך אַרומ-געקוקט און ווייטער אַוועקגעפלויגן.

מיר מיטן טאַטן האָט דאָס זייער פאַרדראָסן.

— סטייטש, אַלעמאַי געפעלט זיי דאָ ניט? — האָט דער טאַטע געטאַינעט.

און ער איז אַרויף אַפן בוים באַקוקן, וואָס איז די סיבה.

— ע, — האָט ער געזאָגט פון בוים, — זיי זיינען דאָך גערעכט. די ראָד האַלט זיך שוואַך, דער ערשטער שטורעמווינט וואָלט זי אַראָפּגעריסן צו-זאַמען מיטן נעסט. קלוגע אויפעס, זיי האָבן דאָס גלייך באַמערקט.

און ער האָט זיך גענומען צופעסטיקן די ראָד.

— איצט וועלן זיי שוין ניט אַוועקפליען, — האָט דער טאַטע געזאָגט, ווען ער איז אַראָפּגעקראָכן אַף דער ערד — איצט האַלט זיך די ראָד אַזוי, אַז קיין ווינט וועט זי ניט נעמען.

און אַזוי איז טאַקע געווען. אין אַ טאָג צוויי, דריי אַרום האָט זיך אָן אַנדער פּאָר בושעלעס אַראָפּגעלאָזן אַפן ראָד, און די זיינען שוין דאָ פאַרבליבן.

זיי האָבן זיך טייקעף גענומען פאַר דער אַרבעט: געשלעפּט דאָרע צווייגלעך און באַלייגט דערמיט די ראָד. אַף די צווייגן אָנגעשפּרייט וואָרצלען פון גראָז צוזאַמען מיט ערד. אַרומגעפלאָכטן דעם נעסט מיט דינע ריטעלעך, און אין מיטן אויסגעבעט מיט טרוקענע בלעטער, גראָז, שמאַטקעס, וואָס זיי האָבן געפונען אין פעלד. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי געאַרבעט, ביז דער נעסט איז פאַרטיק געוואָרן.

מיר האָט זייער האַנאָע געטאָן, וואָס די בושעלעס האָבן זיך באַזעצט באַ אונז אַפן הויף. איך האָב ליב געהאַט צו קוקן אַף זייערע זילבער-וויי-סע פעדערן, וואָס האָבן אויסגעוויזן נאָך שענער און ווייסער צוליב די טונקעלע פליגלען. כוץ דעם זיינען זיי מיר געפעלן געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי זיינען אַזעלכע הויכע, קאָנען אַזוי וואויל שטיין אַף איין פוס פליען אַזוי פיין און געשווינד.

אַלע פרימאָרגן פלעגן זיי ארויספליען זוכן עסן און אַרום האַלבן טאג צוריקומען, און צוריקומענדיק פלעגן זיי קנאַקן מיט די שנאבלען גיך-גיך, ווי מיט טרובענע שטעקעלעך.

ווען איך בין נאר געווען פריי, פלעג איך אכטונג געבן, וואס טוט זיך אין נעסט. איך האב געזען, ווי אַמאל די בושלעכע, אַמאל דער בושעל זיצט אף די אייער. איך האב דער ערשטער געזען די קליינע בושעלעך, וואס זיינען ארויס פון די אייער. די גרויסע האבן זיי געהיט, געשפייזט, באַשיצט מיטן אייגענעם קערפער פון רעגן, קעלט און היץ און געקנאַקט פאַר זיי מיטן שנאבל.

דאס איז אלץ געווען אזוי אינטערעסאַנט, אז איך און מיינע כאַוויי-רים זיינען געווען גרייט גאַנצענע טעג שטיין און קוקן אף דעם נעסט פון די בושעלעס. מיר האבן זיי שוין מער קיינמאל ניט געשראקן: „בושעל, דיינע קינדער ברענען!"

---

האט איר אמאָל געזען, ווי בושעלעס פליען?
מאָלט עס אָן.
וואָס עסט דער בושעל?

# פ ר י ל י נ ג - פ ו י ג ל ע ן

שוואַלבן

## גיט אכטונג אף די צוריקומענדיקע פויגלען

צעטיילט זיך אף גרופּן, און יעדע גרופּע זאָל באָאַבאַכטן איין מין פויגל.

אייערע באָאַבאַכטונגען פאַרשרייבט אין אַ טאַבעלע אַזוי:

1) נאָמען פון פויגל.
2) ווען געקומען צו פליען?
3) אין וועלכע ערטער האָט ער זיך באַזעצט?
4) וואָס עסט ער?
5) אין וויפל טעג נאָכן קומען צו פליען האָט ער אָנגעהויבן בויען דעם נעסט?
6) וואו בויט ער דעם נעסט (אונטערן דאַך, אף א בוים) און פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל?
7) ווען האָט די „זי" אָפּגעלייגט אייעלעך און וויפל?
8) ווער זיצט אף די אייער, די „זי" אָדער דער „ער" אויך?
9) ווען האָבן זיך פון די אייעלעך אַרויסגעפּיקט פויגעלעך?
10) מיט וואָס האָדעוועט מען זיי?
11) ווען זיינען די יונגע פויגעלעך צום ערשטן מאָל אַרויסגעפלויגן פון דעם נעסט?
12) ווער פון די פויגלען און כאַיעס זיינען פיינט פון דעם מין פויגל?
13) וואָס פאַר א נוצן אָדער שאָדן ברענגט דער מין פויגל?
14) מאָלט אָן דעם פויגל.

## א קריג

בערל האָט געזאָגט:

— צו פרילינג ווערן די נעכט קירצער.

האָט אים פּייוול געענטפערט:

— פאַרקערט, צו פרילינג ווערן די טעג לענגער.

מאַכט בערל:

— נישט עמעס, אין פרילינג זיינען די נעכט קירצער.

שרייט פּייוול:

— ס'אַ ליגן. אין פרילינג זיינען די טעג לענגער.

— דו זאָגסט אַליין א ליגן!
זײַנען זיי אַוועקגעלאָפֿן צו דער עלטערער שוועסטער:
— סאָרע, עמעס, פֿרילינג זײַנען די נעכט קירצער?
— עמעס, פֿרילינג זײַנען די טעג לענגער?
רופֿט זיך אָפּ די שוועסטער:
— שרייט ניט. באַטראַכט נאָר אַליין וואָס איר רעדט.
זיי האָבן א טראַכט געטאָן און האָבן זיך צעלאַכט.
פֿאַרוואָס?

## טאָג און נאַכט

(א שפּיל)

די לערערן ראָכל האָט אונז פֿאָרגעלייגט, מיר זאָלן נאָכפֿאָרשן וואָס איז לענגער: דער טאָג צי די נאַכט. עטלעכע קינדער האָבן זייגערס אין־דערהיים. זיי האָבן יעדן טאָג פֿאַרשריבן, וויפֿל געדויערט דער טאָג און וויפֿל—די נאַכט. דערנאָך האָבן זיי דערציילט וועגן דעם אין קלאַס, און מיר האָבן געמאַכט אַ טאַבעלע. איצט ווייסן מיר שוין: זומער איז דער טאָג לענגער, און ווינטער איז די נאַכט לענגער. אין פֿרילינג און אין האַרבסט איז דער טאָג קימאַט גלייך צו דער נאַכט.

איינמאָל אַף אַ האַפּסאָקע האָט די לערערן ראָכל אונז באַוויזן אַ שפּיל „טאָג און נאַכט”.

די קינדער צעטיילן זיך אַף צוויי גלייכע גרופּעס. איין גרופּע — טאָג, די צווייטע—נאַכט. איינער בלייבט א פֿירער. אין צוויי עקן פֿונם הויף (אָדער פֿון אַ גרויסן צימער) צוימט מען אָפּ 2 שטעט—אַ שטאָט פֿאַר דעם „טאָג” און א שטאָט פֿאַר דער „נאַכט”. פּונקט אין מיטן, צווישן ביידע שטעט, מאַכט מען אַ גלייכע ליניע. דער „טאָג” שטעלט זיך אויס אין א שורע פֿון איין זייט ליניע און די „נאַכט”—פֿון דער צווייטער זייט, מיט די רוקנס איינער צום צווייטן און אַביסל אָפּגעטראָטן, אָט ווי ס'איז אָנגעוויזן אַף דער צייכענונג:



אַלע קינדער, סײַ פֿון „טאָג”, סײַ פֿון „נאַכט”, שטעקן אַריין טיכע־לעך אין די קעלנער (אָדער שטריקלעך, אָדער פּאַפּיר־סטענגעס).

ווען אַלע זיינען שוין פּאַרטיק און אויסגעשטעלט אין די שורעס, רופט דער פירער אויס „זומער!‟ אָדער „ווינטער!‟, „פרילינג!‟ אָדער „האַרבסט!‟—וואָס אים ווילט זיך. אויב ער האָט אויסגעשריען „זומער‟, (ווען דער טאָג איז לענגער פאַר דער נאַכט), דאַרף די „נאַכט‟ אַנטלויפן צו זיך אין „שטאָט‟ אַריין. דער „טאָג‟ דרייט זיך אַף גיך אום און יאָגט נאָך די „נאַכט‟. באַ די געכאַפּטע שלעפּט מען ארויס די טיכלעך, (שטריק-לעך, סטענגעס) און זיי מוזן ארויס פון דער שפּיל. מע שטעלט זיך ווידער אויס באַ דער ליניע אין מיטן, און דער פירער רופט ווידער אויס. אויב דער פירער רופט אויס: „ווינטער!‟ (ווען די נאַכט איז לענגער), דאַרף דער „טאָג‟ אַנטלויפן. אויב—„פרילינג!‟ אָדער „האַרבסט!‟, דאַרפן אלע בלייבן שטיין אַף די ערטער.

מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געשפּילט אין „טאָג און נאַכט‟. די שפּיל איז אונז זייער געפעלן.

# עפנט טירן!

עפנט טירן, קומט אין דרויסן,
רייסט די פענסטער, ברעכט זיי אויס,
נעמט אַריין דעם גאַסט, דעם גרויסן,—
קומט אַנטקעגן אים אַרויס!

ס'איז היינט יאָנטעוו אין די גערטנער,
אַף די גאסן, אומעטום,
ס'איז היינט ליכטיק, זעט נאָר, הערט נאָר,
ווי עס טאנצן ווינטן אום.

הערט נאָר, ווי די צווייגן טרעשטשען,
און דער טייך ווי שרייט און ברומט;
הערט נאָר פייפן, הערט נאר סווישטשען—
קומט אין דרויסן, גיכער קומט!

# אַרויס אַף דער פרישער לופט!

די רעכטע מיט פון פרילינג. העל שיינט די זון. פריילעך רוישן די טייכלעך. די נאַטור כאַפּט זיך אויף. אַרויס, געשווינד, פון די שטיינערנע ווענט, פון די ענגע צימערן, אַף דער פרישער לופט! א לויף טאָן. א שפּיל טאָן!

שטעלט אונטער אייער קערפּער אנטקעגן די זון-שטראַלן; זאָל ער אטעמען פריי. בא א פּיאָנער איז אן אָפענע ברוסט, הוילע קני, פּאַרקאַשערטע ארבל, לייכטע קליידער. ער פאַרהאַרטעוועט זיך און פאַרשטאַרקט זיין קערפּער.

אויב עס איז דאָ א מעגלעכקייט, דאַרף מען ניט נאָר שפּילן, נאָר אויך אַרבעטן און שלאָפן אַף דער פרישער לופט.

קעדיי מע זאָל זיין געזונט, פלינק, שטאַרק, דאַרף מען אַף דער פרישער לופט שפּילן, לויפן, קלעטערן, שפּרינגען און רוען. די לונגען אַרבעטן דערביי שטאַרקער, דאָס בלוט אין די אָדערן פליִצט געשווינדער; דער אַפּעטיט ווערט בעסער; דער קערפּער ווערט אָפּגעפרישט, זאַמלט אָן קויכעס. אַ פּיאָנער דאַרף זיין געזונט און שטאַרק.



# קינדער

פריילעך האָבן זיך די קינדער צוזאַמענגעטראָפן אפן טראָטואַר.

— היי, סיאָמע! האָט נאָך פון ווייטן געשריען דער מורזעוואַטער, אויסגעשמירטער קיווע. ער איז שוין געווען זומערדיק אָנגעטאָן און געפּאַכעט מיט אַ ביקסל.

סיאָמע, מיט רויטע בעקלעך אין ווינטערדיקע קליידער, האָט דערזען קיווען זומערדיק אָנגעטאָן און זיך געוואונדערט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער, באַווייז דאָס ביקסל.

— אָט איז שימיק אויך—האָבן זיך ביידע אַ כאַפּ געטאָן.

— שימיק, קום אַהער!

שימיק—אַ געלער, אינגאַנצן אין זומערשפּרענקלעך מיט אַ פּאַריסן נעזל, מיט פינקעלעך אין די העלע אויגן—איז זיך געגאַנגען פּאַמעלעך, די הענט אין די הויזן-קעשעניעס, דעם קאָפּ איינגעצויגן אין די אַקסלען, ווי ס'וואָלט אים קאַלט געווען.

— גיכער, גיכער, קום אַהער! — האָט סיאָמע גערופן.

— לילי גייט! קוק, לילי גייט! איז אונטערגעשפּרונגען קיווע.

באַלד איז אויך צוגעקומען אָקטאַ מיט אַ שפּרינג-שטריק אין האַנט. און נאָך... און נאָך, פון אַלע זייטן זיינען זיך צונויפגעקומען קינדער.

דער פּיריאָריקער הערשעלע, אין גרויסע קאַמאַשן, אין אַ גרויסער היטל, אין אַ פאַרשמאָדערט מאַנטעלע, איז אויך געקראָכן פון קעלער-שטוב. די היטל, די גרויסע טשאַפּורע, האָט זיך אים אַראָפּגערוקט איבערן נעזל. האָט ער שווער געסאָפּעט. ניט פאַרשטאַנען זי אויפצוהייבן. און בלינד אָף אַלע פיר זיך געדראַפּעט אף די טרעפּ פון קעלער אַרויס.

באַלד איז דער טראָטואַר צעקעסטלט געוואָרן פון ווייסן קרייט. די מיידלעך טאַנצן, שפּרינגען אויס פיגורן. די אינגלעך שפּילן באַל, לויפן מיט אַ טומל פון איין טראָטואַר אַפן צווייטן.

דער קליינער הערשעלע שטייט מיט פאַרקוקטע אויגן. שטייט צוגעשפּאַרט צום אייזערנעם צוים פון קעלער. גיט זיך קיין ריר ניט, נאָר וואַרעמט זיך אף דער זון און קוקט נאָך נאָך יעדער באַוועגונג פון די קינדער.

— הייַנט איז וואַרעם—זאָגט סיאָמע אַ פאַרשוויצטער פון באַל.

— לאָמיר גיין אין פּאַרק—כאַפּט זיך אַרויס קיווע.

— טאַקע אין פּאַרק—כאַפּט אונטער סיאָמע.

— אין פּאַרק, אין פּאַרק! — ווערט אַ גערודער צווישן די קינדער.

— ניין. ס'איז נאָך קאַלט, די מאַמעס וועלן ניט לאָזן — רופט זיך אָפּ אַ מיידעלע מיט אַ שאַל אַפן האַלז.

— וואָס איז דיין דאיגע?—שפּרינגט צו קיווע אַ צעקאָכטער.

סיאמע דרייט זיך דערווייל צווישן דער גאַנצער כעוורע אינגלעך. יעדערן שטורכעט ער מיטן פינגער אין ברוסט.

— דו וועסט גיין! דו וועסט גיין!

יעדער אינגל נעמט צו דעם שטורך ערנסט, שווייגנדיק. אַלע פאַריכטן נאָר די היטלען און קוקן מיט אַ מינע, ווי זיי וואָלטן געווען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער.

דער קליינער הערשעלע האָט זיך דערווײלע צוגעשאַרט מיט די גרויסע קאַמאַשן און זיך צוגעשטעלט צו אַלע אינגלעך. זעענדיק, אַז סיאַמע שטורכעט אים ניט אין האַרצן, האָט ער פאַריסן דעם קאָפּ צו סיאַמקען, אַף זיך אַליין געטייטלט מיטן פינגער און גערופן—מיך אויך, מיך אויך!

---

לילי איז צוגעשפּרונגען אַ פאַרפּלאָמטע:

— מיר, מיידלעך, גייען אויך.

— גוט—האָט סיאַמע געזאָגט.

— ניין,—האָט שימיק צונויפגעזשמורעט אין שמאָלע פּאַסעקלעך זיינע העלע אויגן,—זייערע מאַמעס וועלן שרייען, און מירן זיין שולדיק.

— ניין, מע דאַרף ניט—האָבן די אינגלעך אויפגעהויבן אַ געשריי.

— ניין, מירן יאָ גיין!—האָבן געשריען די מיידלעך און אויסגעמישט זיך צווישן די אינגלעך.

— ניין, איר וועט ניט גיין!

— ניין, מירן יאָ גיין!

די אינגלעך האָבן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן לויפן צום פאַרק, און דער קליינער הערשעלע פון הינטן נאָך זיי.

---

אין פאַרק זיינען דורך נאַכט גרין געוואָרן גאַנצע שטיקער פון די לאָנקעס.

אַף די אַקאַציע-בוימלעך האָבן זיך שוין אויסגעשאָטן יונגיקע העלגרינע קנאָספּעלעך. נאָר ערטערווייז האָבן נאָך געגעלט שטיקער ערד און דערמאַנט אַן פאַרלאָפענעם האַרבסט און ווינטער.

פון דער צעפלאַצטער אָנגעוואַרעמטער ערד האָבן זיך גלייך פון באַגינען אַ לאָז געטאָן אַן אַ צאָל רעגן-ווערעם און פאַרפלייצט די נאַסע שטעגלעך, די פייכטע אַלייעס.

ווי אַ מאַכנע שפּערלעך, האָבן זיך די קינדער אַ לאָז געטאָן מיט אַ פלאַפּלעריי. איבער לאָנקע און שטעג, דורך אַלייעס און קוסטעס.

ס'שלאָגן קוואַלן. ס'שנירלען זיך גאָלד-געלע ליימיקע רינעלעך. ס'פּלייצט איבער די רינעלעך אַ קלאָר וואַסערל, קאַטשענדיק זיך איבער שטיינדלעך און וואָרצלען.

קיווע שפּרינגט, לויפט איבער די שטאַמען פון די אויסגעהאַקטע בוימער, וואָס ליגן אָן א זייט און וואָס מע האָט נאָך ניט באַוויזן אַוועקצונעמען.

סיאָמע לויפט זוכן אַ ברעט אף א הוידע, און שימיק רייסט א צווייגל פון אַ נוסבוים, כאָטש ער ווייסט, אַז מע טאָר ניט.

די קינדער שפּרינגען אַף די קלעצער, זעצן זיך רייטנדיק. נעמען לייס און בויען פאַרצאַמונגען און האַלטן אָפּ דאָס וואַסערל. קומט אָן דאָס וואַסער הויך-הויך, בויען זיי נאָך העכער. הויבט זיך עס אַלץ. און מיט אמאָל גיט עס א ריס דורך.

ווערט א פרייד, אַ געשריי, צעגלאַנצן זיך די אויגן, און מע לויפט ווידער נאָך לייס.

נאָר הערשעלע האַלט זיך פון דערווייטן. ער איז זיך אַ מענטש פאַר זיך.

די ערשטע זאַך איז ער אַריין מיט די גרויסע קאַמאַשן אין ריטשקעלע און זיך דורכגעשפּאַצירט אין וואַסער הין און צוריק. געזעען, אַז דאָס וואַסער ווערט אַזוי שיין, גאָלדיק-געל, איז ער אַרויס מיט פולע שיך מיט וואַסער. געפונען אַ פּאַפּירן צעריסן קעסטעלע און מיט די הייפלעך געשעפּט דאָס געלע וואַסער און געגאָסן אין פּאַפּירענעם קעסטעלע און געוואונדערט זיך, פאַרוואָס עס ווערט ניט פול.

— מיר האָבן אַ ברעט!—האָט סיאָמע און נאָך א פּאָר אינגלעך געשריען שלעפּנדיק א ברעט. שימיק, קיווע, קומט זיך הוידען!

---

הוידען זיך קינדער אַרויף און אַראָפּ. סיאָמע פון איין זייט, שימיק פון דער צווייטער זייט, און קיווע אינמיטן—א פוס אַהער, א פוס אַהין. און די הוידע פליט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

— די מיידלעך גייען — הויבט זיך פּלוצלינג אויף אַ געשריי. מיט אַ טראַך פאַלט די ברעט צו דער ערד.

— לאָמיר זיי פאַרטרייבן — האָט זיך אויפגעקאָכט קיווע, און די אינגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אף די מיידלעך. יענע האָבן אויפגעהויבן א געשריי.

קיווע האָט א כאַפּ געטאָן אָקטען. שימיק האָט געוואָלט א כאַפּ טאָן אַן אַנדערע און זיך אויסגעגליטשט אין נאַסן לייס. באַ די מיידלעך איז געוואָרן א געלעכטער. אָקטא האָט זיך אַרויסגעריסן פון קיוועס הענט און אים אַליין אַ שליידער געטאָן אף דער ערד.

ס'איז דיין פּאַרק? ס'איז אייער פּאַרק? האָט אָקטא געשריען.

עטלעכע מיידלעך האָבן אַ כאַפּ געטאָן סיאָמען און אים באַפאַלן.

די מיידלעך האָבן געזיגט.

צו ערשט האָט מען זיך נאָך געשפּילט באַזונדער. נאָר באַלד האָט

מען זיך שוין געשפּילט צוזאַמען. און די הוידע האָט זיך געהוידעט איבערן קלאָץ אַרויף און אַראָפּ.

אַף איין עק ברעט זיינען שוין געזעסן לילי מיט אָקטען, און אַף דעם צווייטן עק—סיאָמע מיט שימיקן. קיווע איז געשטאַנען אינמיטן און גע-וויגט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. און די הוידע—דאָ הויבט זי זיך אַזוי הויך-הויך. אַז עס ווערט אַזש קיל אין האַרצן, און אָט פאַלט מען, דאַכט זיך, נאָר צו געשעדיקט ווערן.

# פרילינג

כ'קום צו אייך פון ברייטע פעלדער
מיט די פריינטלעכע גערוסן;
און די ליבע זון פון פרילינג
האָט געשיקט אייך הייסע קושן.

און דער וואלד—א סאסנע-רייעך,
און די לאָנקע—פרישע בלומען,
און דער פרילינג האָט פארבעטן:
איר זאָלט קומען, איר זאלט קומען.

## אַ פּ ר ע ל

(פון טאָג-ביכל)

היינט האָט מען איינגעאָרדנט א פאַרזאַמלונג צו באַשטימען אַ ספּע-ציעלן טאָג אַף אַרבעט: שוין צייט צו ברענגען אונזער סאַד אין אָרדענונג.

מע האָט אָנגעמערקט וואָס צו טאָן:

1. אָפּרייניקן די סטעזשקעס פון פאַראַיאָריקע גראָזן און בלעטער.
2. צוזאַמענשאַרן דאָס אלץ אין א קופּע ערגעץ אַרום שטאַל.
3. אַרומשניידן די צעבראָכענע צווייגן פון די ביימער און קוסטעס.
4. אַרומגראָבן די ערד אונטער די ביימער.

כעווורע האָבן ניט קיין געדולד; גלייך נאָך דער פאַרזאַמלונג לויפט מען צו דער אַרבעט.

דער אויסגעקליבענער עלטסטער דערקלערט, פאַרוואָס מע דאַרף צונויפשאַרן די בלעטער אין אַ קופּע (ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיטן

זיידן אין גרויסן גאָרטן, האָט אים דער זיידע אַסאַך דערציילט): די בלעטער וועלן איבערפוילן, וועט זיין דערנאָך מיט וואָס צו באַמיסטיקן די ערד.

— פאָרזיכטיק, כעוורע! ווען איר גראָבט אַרום די בוימער, שניידט ניט איבער די וואָרצלען.

— מיר ווייסן שוין.

אונזער סאָד האָט אויפגעלעבט.

## פון טאָג-ביכל

8/IV. די קנאָספּן פון קאַשטאַן זיינען קלעפּיק. די אָסינע האָט זיך איינגאַנצן פאַנאַנדערגעעפנט.

11/IV. דער קאַשטאַן האָט זיך געעפנט.

20/IV. אַף די טאָפּאָלן האָבן זיך געוויזן בלעטלעך.

## די שקאַפע מיט איר לאָשעקל

בא דער שקאַפע איז געבוירן געוואָרן א לאָשעקל. שטייט זי אזוי, די שקאַפע, אין שטאַל און דאָס לאשעקל ליגט. עס שלאָפט.

די שקאַפע טרעט מיט די פיס זייער פאָרזיכטיק זי זאָל עס ניט אָנרירן. נאָר אָט האָט דאָס לאָשעקל זיך אויפגעכאַפּט, זיך אויפגעהויבן, אוועקגעשטעלט זיך אַף די שוואַכע דינע פיסלעך. אַף די שוואַכע דינע פיסלעך צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און שטויסט זי מיטן מאָרדעלע אין זייט—עס וויל זויגן, נאָר עס קאָן ניט געפינען די ברוסט.

שטייט זי, די שקאַפע, טוט זיך קיין ריר ניט, קייט היי און קוקט אַפן לאָשעקל; אָט האָט עס שוין געפונען די ברוסט, א טשמאָקע געטאָן און אנגעהויבן זויגן. און די מאַמע לעקט עס, לאשטשעט עס.

דעם קוטשער קען זי און לאָזט אים דעריבער צוגיין צום לאָשעקל. זאָל אָבער קומען עמיצער אן אומבאַקאַנטער מענטש, שטעלט זי זיך פון פאָרנט, פאַרשטעלט דאָס לאשעקל און לאָזט בעשום אויפן ניט צו צו דעם.

## די קו און די האלקע

אפן הויף שטייט אונזער רויטע קו און קייט היי. אפן רוקן בא איר האָט זיך אַוועקגעשטעלט א האַלקע און פּיקט זי. מיינט איר דאָך אַוואַדע, אַז עס טוט ווי דער קו? א נעכטיקער טאָג.—זי שטייט זיך רואיק און קייט געשמאַק דאָס שמעקעדיקע היי, און די האַלקע פּיקט און פּיקט.

וואָס איז די מאַיסע? אָט וואָס: איצט איז פרילינג, די אַלטע האָר אַף דער קו קריכן אויס און עס וואַקסן אָן נייע. די האַלקעס בויען זיך אין

דער צייט נעסטן, דארפן זיי האָר אף אויסצובעטן דעם נעסט, די אייעלעך זאָלן ליגן אין דער וואַרעם. דעריבער רייסט די האַלקע די אלטע האָר פון דער קו. דער קו איז דאָס אנגענעם, ווייל אין דער צייט בייסט דער קו די פעל; צוליב דעם רייבט זי זיך אָן די פלויטן, די אַלטע האָר זאָלן גיכער אויסקריכן.

אָט איז די האַלקע אוועקגעפלויגן. אין שנאָבל האַלט זי האָר. זי טראָגט זיי אין נעסט אַריין. די אייעלעך אין נעסט וועט זיין וואַרעם צו ליגן אין זיי. ווייך און וואַרעם וועט זיין אין די האָר די יונגינקע פויגע-לעך, די קליינינקע האַלקעלעך. ווען זיי וועלן זיך אויספיקן פון די אייער.

רעטעניש: אָן הענט, אָן א האק אויסגעבויט א שטיבעלע.

## די הון מיט די הינדעלעך

באַ אונז זיינען געווען אַסאַך הינער. ווינטער האָבן די הינער גע-וואוינט אין הינער-שטייג. דער הינער-שטייג איז געווען אָפגעטיילט פון שטאַל; דאָרט איז געווען וואַרעם.

צוויי מאָל אין טאָג פלעגן מיר גיין זיי שפּייזן און געבן וואַסער. דער טאַטע פלעגט יעדן טאָג רייניקן דעם הינער-שטייג און אויסשפּרייטן אים מיט שטרוי, און מיר פלעגן אים אויסשיטן מיט זאַמד; ווען עס פלעגט זיין וואַרים, פלעגט מען זיי אַרויסלאָזן אין דרויסן שפּאַצירן.

אין פרילינג האָבן די הינער אָנגעהויבן לייגן אייער. פלעגט א הון לייגן אן איי—פלעגט זי אָנהויבן הויך קוואָקען; מיר פלעגן דאָס דערהערן, פלעגן עפענען די טיר פון הינער-שטייג, אַרויסלאָזן די הון און דאָס איי אוועקטראָגן אַהיים צו דער מאַמען.

ווען עס איז געוואָרן גוט וואַרעם, האָט די געשפּרייבקלטע הון אָנגע-הויבן זיצן גאַנצענע טעג אף אן אָרט אין איר נעסט, מע האָט זי בעשום אויפן ניט געקאָנט פאַרטרייבן פון דאָרטן.

— זי וויל אויסזיצן הינדעלעך,—האָט די מאַמע געזאָגט.

זיינען מיר אוועק אין שפּיזאַרנע, אָפּגעקליבן די גרעסערע אייער. די פרישסטע, און אוועקגעלייגט אין נעסט, וואו די הון איז געזעסן.

זי האָט זיך באַלד אף זיי אוועקגעזעצט און איינגעדעקט מיטן גאַנצן קערפּער. אַזוי פלעגט זי אָפּזיצן גאַנצע טעג און נעכט, געוואַרעמט די אייער. זי איז געוואָרן מאָגער. די פעדערן אפן ברוסט זיינען אויסגעקראָכן באַ איר.

עס זיינען אריבער דריי וואָכן. די מאַמע איז אוועק צום הינער-שטייג און מיר מיט איר. דאָרט האָט די מאַמע אַראָפּגעטריבן די הון פון דעם נעסט, גענומען אן איי. צוגעהערט זיך און אונז געגעבן זיך צוהערן. הערן מיר, ווי אין דעם איי קלאַפּט עמיצער זייער שטיל: טוק-טוק.

— מאַמע, וואָס איז דאָס?

— דאָס איז א הינדעלע, עס האָט אַ האַרט שנעבעלע, אפן שנעבעלע א שפּיציקל, — קלאַפּט עס זיך אויס מיט דעם א לעכל, עס וויל ארויס-קריכן.

אין אָונט, ווען מיר זיינען געקומען צום הינער-שטייג, האָבן מיר גע-טראָפן פּישטשענדיק א הינדעלע בא דער הון אפן נעסט. די מאַמע האָט דאָס צוגענומען, אַוועקגעלייגט אין א קויש אף א ווייך שמאַטקעלע און אוועקגעטראָגן אַהיים. ס'איז אינגאַנצן נאָס געווען, די פעדערלעך אף דעם זיינען געווען צוגעקלעפּט.

אַף מאָרגן אינדערפרי זיינען שוין געווען 5 הינדעלעך. די מאַמע האָט אָנגעבראָקט קלייניקע שטיקעלעך איי אַפן טיש און א קלאַפּ געטאָן אפן טיש מיט די נעגל, האָבן די הינדעלעך אויך אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די שנעבעלעך איבערן טיש. פלעגן טרעפן אף א ברעקעלע, פלעגן זיי דאָס איינשלינגען.

אַז אלע הינדעלעך האָבן זיך אויסגעפּיקט, האָט די מאַמע געבראַכט די הון אין קיך אריין און צוגעלאָזן צו איר די הינדעלעך.

מיר האָבן זיי אנגעהויבן שפּייזן יעדן טאָג: פלעגן אָנשיטן גרויפּן און א רוף טאָן: ציפּ, ציפּ, ציפּ. די הון פלעגט צולויפן, אָנהויבן קלאַפּן מיטן שנאָבל, פּיקן די גרויפּן, און קוקן אַף די הינדעלעך. די הינדעלעך, קוקנ-דיק אף דער הון, פלעגן אויך אָנהויבן פּיקן.

זיי פלעגן אָפּעסן און לויפן טרינקען: פלעגן זיך שטעלן אפן ראַנד פון דער קיילע מיט וואַסער, זיך אָנבויגן, אָנעמען וואסער אין שנאָבל, אויפהויבן הויך דאָס קעפּל און אַראָפּשלינגען.

נאָכן אָנטרינקען און אָנעסן זיך, פלעגן זיי זיך פאַרקלייבן צו זייער מאַמען אונטער די פליגל און אנטשלאָפן ווערן.



שפּאַצירט זיך אַרום די הון מיט די הינדעלעך אי-בערן הויף. געפינט זי אַ קערנדל אָדער א ברעקעלע, עסט זי דאָס ניט אַליין, נאָר גיט דאָס אָפּ איר קליינוואַרג. זי ציטערט זייער איבער זיי, גיט אַכטונג, צי פליט ניט אָן א שפּאַרבער, צי שפּרינגט ניט אַרויס פון ערגעץ א קאַץ; זי היט, עס זאָל קיינער ניט טשעפּען אירע הינדעלעך. קוים באַמערקט זי אַ שפּאַרבער פון ווייטן הויבט זי אָן קאָ-קאָ-קאָ-דאָקען, רופן די הינדעלעך, פאַרבאַהאלט זיי אונטער אירע פליגל; זי וועט גיכער אַליין אומקומען, נאָר די קינדער וועט זי ניט לאָזן טשעפּען.

# זשאַבעס

— מענדל, קום מירן גיין געשווינדער צו דער סאַזשעלקע,—האָבן געשריען די כאַוויירים.

מענדל האָט אוועקגעלייגט דאָס ביכל, וואָס ער האָט געלייענט, און איז אוועק מיט די קינדער אין גאָרטן צו דער קליינער סאַזשעלקע. אין וואַסער, באַם ברעג, זיינען אַרומגעשוואומען אַסאַך קאָפּעקלעך*).

— הער, מענדל,—האָבן די קינדער געזאָגט—וועלוול זאָגט, אַז דאָס זיינען קליינינקע זשאַבעלעך. נו, זאָג, זיינען די שווארצינקע קיילעכלעך מיט עקלעך ענלעך צו זשאַבעס?

— וועלוול זאָגט עמעס — האָט מענדל געענטפערט — ברענגט נאָר אַהערצו א סלאָי, מירן כאַפּן עטלעכע קאָפּעקלעך און איר וועט אליין זעען, ווי זיי זיינען ענלעך אף זשאַבעס.

די קינדער האָבן אזוי געטאָן. א סלאָי מיט וואַסער און קאָפּעקלעך האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין שאָטן, און יעדער טאָג געביטן דאָס וואַסער; אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי באַמערקט, ווי בא די קאָפּעקלעך האָבן זיך באַוויזן הינטערשטע פיסעלעך און דערנאָך אויך פאָדערשטע.



— פונדעסטוועגן זיינען דאָס ניט קיין זשאַבעס,—האָט זיך געאַקשנט דער קליינער כאַיעם: בא זיי איז פאַראַנען אַן עק, און באַ די זשאַבעס איז קיין עק ניטאָ.

נאָר אָט האָט דער עק אָנגעהויבן ווערן קירצער, און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך געביטן דער קאָליר פון די קליינע באַשעפענישלעך.

— יאָ, דאָס זיינען עמעסע זשאַבעס—האָבן אַלע קינדער מאַסקים געווען צום סאָף.

*) קאָפּעקל — головастик

ווען די זשאַבעס זײַנען אויסגעוואַקסן, האָבן די קינדער זיי אָפּגעלאָזן צוריק אין סאַזשעלקע. נאָר די זשאַבעס זײַנען לאַנג ניט געווען אין סאַזשעלקע. זיי זײַנען אַרויסגעשפּרונגען אויפֿן ברעג און האָבן זיך באַזעצט אין הויכן גראָז.

---

זומער אויף פֿרילינג-צײַט אין סאַזשעלקע רויק פֿון זשאַבעס, לייגט אים אוועק אין א סלאָי מיט וואַסער. גיט אַכטונג אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער זשאַבע און פֿאַרצייכנט אַלץ בײַ זיך אין טאָג-ביכל. פֿאַרגעסט ניט צו פֿאַרשרײַבן דעם טאָג און די דאַטע.

## באַם טײַך

סימכע דער פֿישער איז געשטאַנען באַם טײַך מיט זײַנע דרײַ עלטערע זין מיט פֿאַרשאַרצטע הויזן איבער די קני און געשמירט מיט קעז גרויסע עמערס. די עמערס האָבן זיי אַרײַנגעשטעלט אין וואַסער און אָנגעלייגט אין זיי שטיינער, דער שטראָם זאָל זיי ניט פֿאַרטראָגן. און אַז אַן עמער איז פֿול געוואָרן מיט פֿיש, האָבן זיי גיך אַנגעצונדן שטיקער קין, די פֿיש זאָלן ניט זען, וואו צו אַנטלויפֿן, און האָבן דעם עמער אַרויסגעשלעפּט. די צאַפּל-דיקע פֿיש האָט מען אַרײַנגעלאָזט אין די געשטריקטע שאַטקעס און זיי אַנגעהאַנגען אַן א פּליט, וואָס איז געשוואומען אין וואַסער.

אויפֿן פּליט איז געזעסן סימכעס מיזיניקל, זעליק, א אינגל פֿון א יאָר צען, און געוואָרפֿן ברעקלעך אין אַ פֿלאַש מיט וואַסער, וואו א גאָלדן פֿישל איז אַרומגעשוואומען.

זעליק האָט געטראַכט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער ניט כאַפּן קיין פֿיש מיט עמערס. ער וועט זיך קויפֿן אַ פּאָר גומענע שטיוול מיט לאַנגע כאָלעוועס, וואָס פֿאַרבינדן זיך אַזש אונטערן בויך, און א לעדערן רעקל און וועט אַרומפֿאַרן אין די וואַסערן אין אַן עמעסן פֿישער-שיפֿל און כאַפּן פֿיש מיט סיטשן.

און טאָמער גאָר אוועקשענקען דאָס גאָלדן פֿישעלע ראַכעלען? זי איז דאָך מיט אים שוין באַרויגעז דעם צווייטן טאָג! ער האָט איר שוואַר-צע קאַץ גוט אַנגעשלאָגן. א מיצווע אויף איר. אַז די פֿיש וואַרפֿן דעם רויג, דאַרף זי זיך ניט פֿאַרגאַנווענען און אויפֿעסן זיי.

יאָ, דאָס פֿישל וועט ער אוועקשענקען ראַכעלען.

---

אויף דער וועראַנדע איז געזעסן ראַכל און זיך אויסגעטאַינעט מיט דער שוואַרצער קאַץ און זי געגלעט.

— מײַן אָרעם קעצל, ס'טוט דיר ווײַ? נו, וויין ניט. ס'וועט זיך פֿאַרהיילן.

— ראכל, זעסט, כ׳האָב אַ גאָלדן פישל. ווילסט עס?
ראכל האָט זיך אויסגעדרייט און אַראָפּגעלאָזט אַ ליפּ:
— כ׳בין ברוגז!
— פאַרוואָס ביסטו ברוגז?
— ווייל ביסט אַ גאַזלען.
— טאָ זאָל זי ניט עסן די פיש, אַז זיי וואַרפן דעם רויג.
אַ ווײַלע זײַנען זיי געזעסן שטיל, און זעליק האָט אָנגעהויבן.
איך ווייס וואו די גאָלדענע פישלעך וואוינען. אַז איך וועל עלטער ווערן, וועל איך אַוועקגיין אַהין, צו די גאָלדענע פישלעך.
— און מיך וועסטו אויך מיטנעמען?
— דיך? אַז ביסט ברוגז!
— אַוודאי בין איך ברוגז!
— וועל איך דיך ניט מיטנעמען!
— טאָ נעם ניט!
— טאָ גיב מיר אָפּ ס׳גאָלדן פישל!
— ס׳גאָלדן פישל? טאָ פאַרוואָס ביסטו אַזאַ שלעכטער, נעמסט מיין קעצל און...
— אויף מיין וואָרט, כ׳וועל מער ניט שלאָגן.
— ראכל, וואו ביסטו? ס׳עסן ווערט קאַלט — האָט די מאַמע גערופן.
— כ׳גיי שוין — האָט ראכל געענטפערט, און זיך אויפגעשטעלט.
— קום מאָרגן צו אונז, ראכל, בושעלעס זײַנען שוין געקומען צו פליען. וועסט קומען?
— כ׳וועל קומען.
ראכל איז אַריין אין שטוב.

## נויעך און מאַרינקע

באַלד ווי נויעך און מאַרינקע זײַנען שכיינים געוואָרן האָבן זיי צווישן זיך געשלאָסן כאַווער׳שאַפט.

מאַרינקע איז געווען אַ יעסוימע און האָט זיך אויפגעהאַלטן באַ איר מומען.

פרילינג צייט, ווען עס קאָכט די אַרבעט אָפּן באַשטאַן און אָפּן גאָרטן, פלעגט די מומע גאַנץ פרי, באַלד ווי די זון גייט אויף, אַוועקלויפן אין באַשטאַן און קומען צוריק שטאָק-נאַכט, ווען דער הימל איז שוין געווען אויסגעשטערנט. אַוועקגייענדיק, פלעגט זי אָפּ מאַרינקען דעם גאַנצן הויף איבערלאָזן, און פאַרזאָגן איר מיטן האַרבן וואָרט „זי זאָל זיך ניט דער-וועגן אָפּטרעטן פון הויף אַף קיין מינוט ניט". גאַנצע טעג פלעגט זי זיצן

פאַרשפּאַרט צווישן די פיר ווענט און היטן דעם הויף. נאָך גוט, וואָס דאָס קליינע הינטל, שקוריפּין, האָט זיך גראַד דעמאָלט צו איר צוגעשאַרט און זי ליב געקראַגן—אַז ניט, וואָלט זי די גודנעקייט ניט אויסגעהאַלטן.

איינמאל האָט עפּעס אין שכייניש הויף, אָף יענער זייט פּלויט, זיך גענומען רודערן.

מאַרינקע איז צוגעלאָפן צום פּלויט, זיך געשטעלט אָף די קני און צו־געדריקט דעם קאָפּ צו אַ לענגלעך און קיילעכדיק לעכל פון אַ סוק, און זעט:

איבערן הויף פאָרן פורלעך. מע וואַרפט ברעטער אַרויף און אַראָפּ: טר־ראַך, טאַ־ראַ־ראַך. אָף דער ערד ליגן אָנגעוואָרפן קלעצער, ברעטער, שינדלען, גאַנצע בערג. עפּעס אַ שוואַרצכיינעוודיק אינגל קלעטערט אַרויף און אַראָפּ, שפּרינגט איבער קלעצער, איבער ברעטער, מאַכט זיך פאַר אַ באַלעגאָלע קלוימערשט אָף דער קעלניע און שמייסט דעם פערד מיט דער בייטש אין דער לופטן: „הײַ, הײַ!‟

— אַ לעבעדיק אינגל—טראַכט מאַרינקע.

אין עטלעכע טעג אַרום, באַלד ווי די מומע איז אַוועק, שטייט שוין מאַרינקע ווידער באַם פּלויט. צווישן פּלויט און דעם שאָכנס שטוב, זעט זי, סאַמע אונטער די ברעגעס פון דאַך ציט זיך אַ שוואַרץ־פאַסעקל פריש צעגראָבענע ערד. דאָס פאַסעקל שטעלט פאָר אַ גאַנצע שורע פון פּיצינקע ביטעלעך, און אין מיטן שטעקט אַ גראָבאַייזן. זען זעט מען קיינעם ניט. „ווער קאָן עס דאָ זיין?‟—וואונדערט זיך מאַרינקע.

„שאַ, מע גייט‟. שקוריפּין גיט זיך אַ כאַפּ־אויף, גרייט אָנצוהויבן בילן.

„טס!‟ פאַרכאַפּט מאַרינקע און שטילט איין דעם הונט, דערנאָך הערט זי זיך ווייטער צו. ניט מע גייט, נאָר מע שפּרינגט. עמעצער שפּרינגט פון יענער זייט: האָפּ־האָפּ!—ווי אַ לאָשעקל, אַלץ נאָענטער אַהער, אַהער...

און באַלד איז אין היטערגעסעלע, צווישן פּלויט און שטוב, געקו־מען צו שפּרינגען דאָס שוואַרצכיינעוודיק, געקרייזלט אינגל. „ס'איז ער!‟— דערקענט אים מאַרינקע און האַלט איין דעם אָטעם.

דאָס אינגל האָט געלויכטן פאַר גרויס פרייד און גליק, הויבט די פּולע הויפּנס אין דער הויך, כאַפּט אַ טענצל אונטער און זינגט: „סאי דאַ, סאי דאַ‟. פון די פאַרמאַכטע הענט שיטן זיך באַ אים אַלע מאָל דורך די צונויפגע־דריקטע פינגער אָף דער ערד אַרויס קערנדלעך פון אַרבעס, אַרבוז־יאָ־דערן און פאַסאָליעס:

— „מעשוגע‟—טראַכט מאַרינקע, און אַ שטיל געלעכטערל קיצלט איר אין האַלז, נאָר זי האַלט זיך איין. מיט איין האַנט פאַרשטעלט זי זיך דאָס מויל, מיט דער צווייטער—שקוריפּינען. זי דערקענט אין זיין פלאַטערן, אַז ער קאָן זיך אויך ניט איינהאַלטן, אָט־אָט שיסט ער אויס.

— וואָס איז דאָ—האָט זיך באַ איר אַרויסגעכאַפּט ניטווילנדיק פון מויל אין לעכל אַריין, און באַלד האָט זי כאַראָטע געקראָגן.

דאָס אינגל האָט לייכט אַ ציטער געטאָן און אומגעקוקט זיך אַ גע-פּלעפּטער. אַף גיך האָט ער אין קעשענע די קערנדלעך פאַרבאַהאַלטן. דער-זעען דאָס לעכל, האָט ער זיך שטילערהייט אַף די קני געשטעלט און מיט לייכט דערשראָקענע אויגן אַהין אַ קוק געטאָן. פון דאָרט האָט אים אַנט-קעגן אַ שמייכל געטאָן אַן אויג, אַ קלוגס, אַ ליכטיקס...

אַ ווײַלע זײַנען זיי שטיל און פאַרלעגן אַזוי געשטאַנען.

— ווער ביסטו?—האָט ער ענדלעך אַ פרעג געטאָן דאָס אויג.

— איך... מאַרינקע!..

— און איך בין נויעך!..

זיי זײַנען אַ ווײַלע שטיל געבליבן. מאַרינקע האָט זיך אַביסל פון לעכל אָפּגערוקט. נויעך האָט זי אַ ווײַלע באַטראַכט און זיך אָנגערופן, ווי מיט פאַריבל:

— וואָס קוקסטו אַהער? דו?

— גאָרנישט, כ'וויל זעען וואָס טוסטו דאָ?

— איך... כ'זיי דאָ...

— כי-כי-כי—האָט מאַרינקע זיך צעלאַכט און פאַרגראָבן זיך מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען.

— וואָס לאַכסטו, דו?—האָט זיך נויעך אָפּגערופן מיט פאַרדראָס אַ ביסל באַליידיקט.

נאָר דאָ האָט דער הונט אַ ביל געטאָן. נויעך האָט זיך באַלד געלאָזט איבערבעטן און פאַרפירט מיט איר אַ שמועס מעקויעך דעם הונט. ער פרעגט, זי ענטפערט. און אַזוי איז עס אַוועק, ביז ער האָט איר געגומען אײַנריידן, זי זאָל מיטן הונט אַריבער צו אים, אין היגטערגעסעלע.

— איך, זעסט,—האָט נויעך מיט איר אײַנגעטאַיגעט—אַ גערטנדל זיי איך. קום, וועלן מיר זײַען ביידע. כ'האָב אַלצדינג: פאַסאָליעס, און אַרבעס, און יאַדערן—דערבײַ האָט ער פון קעשענע געגומען שלעפּן נאָכאַנאַנד די קערנדלעך.—נו, מאַרינקע, ווילסט?

מאַרינקע שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין!

— פאַרוואָס?—פרעגט נויעך געפאַלן באַ זיך.

— אַזוי, אין היגטערגעסעלע ניטאָ די זון.

— איז וואָס?—האָט נויעך זיך פאַרוואונדערט און דערשראָקן.

— וועט וואַקסן „אין סטויפּ אַריין”, אומזיסט דיין אַרבעט.

— אַי, ס'אַ ליגן—האָט נויעך זיך ווידער באַליידיקט און שיר ניט אָנ-געהויבן צו וויינען.—ס'וועט וואַקסן, וואַקסן, אַסאַך, אַסאַך אויסוואַקסן. פאַר-באַכט דערלאַנגט די זון. איך ווייס בעסער.

מאַרינקע האָט גאָרניט ניט געענטפערט. זי האָט גענומען דעם הונט צו זיך אַף די הענט, גלעט אים ווייך איבערן קאָפּ און בלאָזט אים קיל אונטערן אויער. נויעך האָט איר געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָט זיך איבערן הויף געלאָזט הערן אַ ווייבערש קאָל פון שטוב אַרויס:

— נויעך! נויעך!

נויעך האט א שפּרונג געטאָן און באַלד פון געסעלע פאַרשוואונדן.

---

פון יענעם טאָג אָן זיינען ביידע קינדער געוואָרן גוטע פריינט.

## פריער, איצט און דערנאָך

אין קלאַס איז היינט לעבעדיק: די קינדער אָרדענען איין אַף די פענסטער קעסטעלעך מיט ערד און מע זעצט, און מע זייט.

אין קלאַס איז אַ טומל פון דער אַרבעט.

— טרייסלט אויף די ערד.

— וואו זיינען די זוימען? ניט צעמישט?

— וואו זיינען ערגעץ די פּעקלעך מיט די אויפשריפטן? קלאָר אָנגעשריבן?

— ווי לאַנג ליגן די בעבלעך און דער באָב אין פייכטן שמאַטקעלע?

— שוין דריי טאָג.

— הייסט עס, אַז מע קאָן שוין זעצן?

— אוי, ס'אַראַ קליינע זוימעלעך פון מאָן!

— דעם באָב זאל מען זעצן ווייטער אַביסל איינעם פון צווייטן.

— און ווי זאָל מען זייען דעם מאָן?

און די קינדער האָבן גענומען זוימען, פאָרזיכטיק געזעצט אָדער געזייט אין דער ווייכער ערד, פאַרשאַרט, אַריינגעשטעקט פלעקלעך מיט אויפשריפטן און דערנאָך באַגאָסן מיט אַ שפּריץ-עמער, ווי מיט אַ רעגן.

אין טאָג-בוך האָבן זיי פאַרשריבן:

דעם 11-טן מאַרט. געזעצט און געזייט בעבלעך, באָב, ציבעלע, ריבעלעך און בלומען.

אַף מאָרגן, ווי מע איז נאָר געקומען אין קלאַס, זיינען אַלע גלייך געלאָפן קוקן, צי איז עפּעס ניט אויפגעגאַנגען שוין. און אַזוי איז מען ניט אַוועק, ביזן סאַמע קלונג אַף דער לעקציע.

— וואַרט אונטער א טאָג דריי, פיר אָדער פינף, דעמאָלט וועט איר דערזעען די ערשטע שפּראָצונגען; איצטער ווערן די זוימען אָנגעשוואָלן — האָט די לערערין געזאָגט.

— און וואָס וועט אַרויסקריכן פריער פון אַלץ פון דער ערד? — האָבן די קינדער געפרעגט.
— איר וועט שוין אַליין זעען — האָט געענטפערט* די לערערין.
עס זיינען אַריבער פינף טעג און עס האָבן זיך באַוויזן געוויקסלעך, וואָס האָבן געהאַט צו צוויי קליינינקע גרינע בלעטלעך... די קינדער זיינען געשפרונגען פאַר סימכע און האָבן פאַרשריבן וואָס און אַרום וועלכן פלעקעלע עס האָט זיך באַוויזן.
עס זיינען אַריבער נאָך אַ טאָג צען, און אַלע קעסטעלעך האָבן זיך באַדעקט מיט גרינס. מע האָט קוים באַוויזן צו פאַרשרייבן... ערטערווייז זיינען אויסגעוואַקסן ווילדע גראָזן, זיי האָט מען אויסגעוואָרצלט. עס זיינען אַריבער וואָכן, און מע האָט צעשטעלט שטעקלעך — אונטערשפּאַרערס, און אַרום זיי האָבן זיך געוויקלט דער באָב און די בעבלעך.
שטייען די קינדער, קוקן זיך צו און קוועלן זיך. גיט אַ זאָג מענדל: „פריער זיינען געווען טרוקענע זוימען, און איצט זיינען שוין פאַראַן בלומען, וואָס וועט זיין דערנאָך?"
— איר וועט שוין אַליין זעען, וואָס עס וועט זיין — האָט ווידעראַמאָל געענטפערט די לערערין.

---

און וואָס איז טאַקע געווען דערנאָך? ענטפערט.

# אונזערע בייטלעך

לאַנג האָבן מיר געוואַרט, עס זאָל זיך שוין דורכטריקענען די ערד, און מיר זאָלן זיך שוין קאָנען פאַרנעמען מיט אונזער גערטנדל און סאָד. מיר האָבן שוין לאַנג צוגעגרייט גראָב-אייזנס, גראַבלעס, שפּיץ-העק, פלעקלעך און שטריק אַף אויסצומעסטן און צעטיילן דאָס גערטנדל אַף בייטלעך.
היינט איז אַ העלער, זוניקער טאָג: עס ווילט זיך אַזוי ניט זיצן אין קלאַס און די לערערין האָט דאָס, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען.
— נעמט די גראָב-אייזנס מיט די גראַבלעס, מיר וועלן גיין היינט אין סאָד אויסקלייבן אַ גוט אָרט פאַרן גאָרטן, אויסמעסטן אים און אָפּטיילן בייטלעך.
מיר זיינען אַלע אויפגעשפרונגען פון די ערטער, גענומען לעבעדיק די גראָב-אייזנס, גראַבלעס, פלעקלעך און שטריקלעך אין די הענט, און זיך געלאָזן לויפן אין געוועט, ווער וועט פריער פאַרנעמען אַן אָרט פאַר זיין בייטל.
די קליינינקע סאָניע האָט דאַפקע געוואָלט מאַכן איר בייטל אונטערן טאָפּאָל נעבן הויז.
— דאָ איז נאָענט, איך וועל לויפן אָפּט אַראָפּטרייבן די פויגעלעך פון בייט, זיי זאָלן ניט אויספּיקן די זוימען.

קוים מיט צאָרעס האָבן מיר זי איבערגערעדט, אַז אונטערן בוים טאָר מען ניט מאַכן קיין בײטל, עס איז דאָרט װינציק זון. די געװיקסלעך װעלן זײַן אױסגעצױגענע, שװאַכע פון דעם, װאָס זײ װעלן זיך ציִען צו דער זון. זײ װעלן ניט אױסװאַקסן, װי געהעריק, און װעלן ניט געבן קיין פּרוכט.

מיר האָבן אױסגעקליבן זוניקע ערטער, אָפּגענע. אױסגעמאָסטן, אַרײַנגעקלאַפּט פּלעקלעך אין דער ערד, און געגראָבן גלײַכע בײטן, נאָכן שטריקל.

אָט איז אַ פרײלעכע אַרבעט!... מאָרגן װעלן מיר זײען און דערנאָכדעם װעלן מיר יעדן טאָג באַגיסן מיט װאַסער די בײטלעך.

# פאַרזײט מערן

אָ, זון פון מײַן בײט!
כ'האָב אין װײך-ערד פאַרזײט
הײַנט מערן.
און מיט ערד-פּוך באַדעקט...
— א שיצער פון קעלט
זאָלסט װערן.

אָ, זוניקע שטראַלן!
מיט העל-װאַרעם פאַלן
זאַלט איר אף פּוכיק-געקרײזלטער בײט.
אָ, גלעט-רעגנס, גיסט!
אף בײט מײַנער פליסט,
װאו שװײס האט די מערן פאַרזײט.

גיך שױן װאַקסט אױס
געראַטן און גרױס,
און רױט...
הענט װעלן אײַך רײַסן
און ציין װײַסע בײַסן
מיט פרײד.

# דאָס זייען

קימאַט אַף יעדער פעלד אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַן אויסגעשפּאַנטער וואָגן מיט האָבער. אין דער זייט, אַביסל פון ווייטן, האָבן זיך געזעען די אַקערער. פאָרויס איז געגאַנגען שטענדיק דער זייער. דאָס איז געווען, צומייניסטן, אַן עלטערער מענטש, אַ טאַטע אָדער אַ זיידע. אַפן אַקסל בּאַ אים אַף אַ שטריקל איז געהאַנגען פון פאָרנט אַ קאָרב פול מיט קערנער. גייענדיק פאָרויס מיט אַ רואיקן, איינגעהאַלטענעם טראָט, פלעגט דער אַלטער אַלעמאָל אַריינשטעקן די האַנט אין קאָרב, אָנעמען אַ הויפן קערנער, פאַרמעסטן זיך מיט דער האַנט און געבּן אַ שאָט אויס, צעשפּרייטנדיק די קערנער אין אַ האַלבּן קרייז. אַזוי פלעגט ער גיין און שיטן, גיין און שיטן. הינטער אים איז געגאַנגען אַ זון זיינער, אָדער אַן אייניקל מיט אַ בּראָנע, וועלכע האָט פאַרשאָטן די קערנער מיט ערד. די בּראָנע איז געשפּרונגען. צו אירע ציין האָבן זיך צוגעטשעפּעט אויסגעריסענע גראָזן און וואָרצלען.

נאָר מיט דעם האָט זיך נאָך אַלץ ניט געענדיקט. הינטער דער בּראָנע איז געפלויגן אַ סטאַדע פויגעלעך,—אָט פלעגן זיי צופאַלן צו דער ערד, און אָט פלעגן זיי אויפשפּרינגען אין דער לופטן, רייסנדיק זיך פאַר אַ ווערעמל. זיי פלעגן גאָר ניט מוירע האָבן פאַר די געשרייען און פייפערייען פון די אַקערער. דאָס גאַנצע פעלד האָבן זיי בּאַדעקט.

# ווי איך האָב געבּראָנעוועט

איך מיט מישקען האָבן געבּראָנעוועט: ער—אַף צוויי פערד, איך—אַף איינעם. דער זיידע איז געגאַנגען און געזייט. איך האָב צעבּרעקלט די ערד, און מישקע האָט אויסגעגלייכט. בּראָנעווע איך אַזוי, און מאַלישקע (אַזוי האָט מען גערופן דעם פערד) פוילט זיך אונטער צו גיין. גיב איך אים מיט דער בּייטש, העלפט דאָס ניט. האָב איך געכאַפּט אַ שטיקל ערד און אַ וואָרף געטאָן אין פערד. קום איך צו פאָרן צום בּרעג פעלד, זאָגט צו מיר דער זיידע:

— וואָס וואָרפסטו דעם פערד מיט אַ שטיין?

ענטפער איך:

— ניט מיט קיין שטיין, נאָר מיט אַ קאָם ערד.

רייסט אַרויס דער זיידע בּאַ מיר די בּייטש און זאָגט: אין שטוב אַריין, מירן שוין אָן דיר בּראָנעווען. אַהיים!

האָב איך זיך פאַרשעמט, וואָס מע שיקט מיך אַוועק פון דער אַרבּעט אַהיים, און איך האָב זיך צעוויינט, גענומען די לייצעס און אַוועק בּראָנעווען. פון דעמאָלט אָן שלאָג איך שוין מער ניט קיין פערד.

## סאָנים און פריינט פון סעדער און גערטנער

דער זיידע האָט אַוועקגעשטעלט אין גאָרטן אַ גרויסע פודעלע, קעדיי די מיסט-פויגעלעך און אַנדערע פויגלען זאָלן ניט אויספּיקן די זוימען, וואָס מע האָט פאַרזייט אַף די בייטן.

פון הינער און בעהיימעס פאַרהיט דעם גאָרטן אַ געדיכט-געפלאָכטע-נער פּלויט, און קעדיי די פויגלען זאָלן ניט פּיקן קיין קאַרשן און מאַלינעס, הענגט אויף דער זיידע אַף די בוימער קאַלעקאָטקעס: ווי עס טוט נאָר א בלאָז אַ ווינטל—קלאַפּט עס.

אַסאַך שווערער איז איינצוהיטן דעם סאָד און דעם גאָרטן פון אַנ-דערע סאָנים, פאַרשיידענע ווערעם און זשוקעס. אין אַ פּייכטן, וואַרעמען זומער זיינען זיי פאַראַן זייער אַסאַך. שרעקלעכע צאָרעס האָט מען פון זיי. מע קאָן זיך פון זיי נִשט אָפּטרייבן.

אָבער דער מענטש האָט אויך גוטע פריינט צווישן פויגלען און פליגן, באַזונדערס די שוואַלבן, — זיי עסן אויף אַסאַך שעדלעכע ווערעם און זשו-קעס. דערפאַר לאָזט מען זיי בויען זייערע נעסטן אונטער די דעכער פון די הייזער.

## רו, מיין פערד!

רו, מיין פערד, זיך אויס אין שטאַל,
וואַלגער זיך אַף וואַרעם היי,
עס פון קאָרעטע געשמאַק,
כ׳גיב דיר עסן הייַנט פאַר צוויי...

וואָלט ניט נאָס געוועזן אַצינד,
וואָלט איך אָנגעזאָטלט דיך,
אָן אַ לייץ און אָן אַ צוים,
טראָג זיך, יאָג זיך גיכער, גיך...

און געטיאָכקעט וואָלט מיין האַרץ,
טיאָך און טיאָך, פון גרויסער פרייד,
בוימער האָב איך שוין געפלאַנצט,
פעלדער האָב איך שוין פאַרזייט...

# אן עקסקורסיע הינטערן שטאט

## צוגרייטונג

אונזער גאנצע גרופע האָט זיך געגרייט צו דער עקסקורסיע צוויי טעג. מע האט באַהאַנדלט, אַף וואָס מע זאָל לייגן אַכט, ווי און וואָס צו קלייבן, און וואָס איז נויטיק צו נעמען מיט זיך. דער פּלאַן איז געווען אַזאַ:

צוזאַמענקייבן זיך אין שול 8 אַזייגער אינדערפרי.

נעמען מיט זיך נעצן, סלאָיען, פּושקעס.

נעמען מיט זיך וואָס מער עסן.

אַף דער עקסקורסיע:

1. באַקענען זיך מיט די פרילינג-אַרבעטן פון די פויערים.
2. געפינען רויג פון זשאַבעס, שווימערס און נאָך אינסעקטן, וואָס לעבן אין וואַסער
3. אויסגראָבן עטלעכע פריאיקע פרילינג-בלומען.
4. אָפּשניידן אַ 5-6 ריטלעך פון קוסטעס און בוימער.

## די עקסקורסיע

עס איז נאָך קיין 8 אַזייגער ניט געווען, און אַלע האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט. איבערן שטאָט זיינען מיר געגאַנגען אין ארדענונג, נאר ווי מע איז ארויס הינטערן שטאָט, זיינען זיך אַלע באַלד צעלאָפן איבערן פעלד; מע האָט זיך געקייקלט אַף דער ערד, וואָס איז קוים-קוים באַדעקט געווען מיט יונגע, גרינע גרעזלעך; מע האָט געזונגען, געשריען.

ווען מיר האָבן זיך באַרואיקט, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן און האָבן דערזען צעאקערטע פעלדער. דאָס זיינען געווען גערטנער, מע האָט צוגעגרייט לאַנגע בייטן אַף קרויט.

מיר זיינען געגאַנגען ווייטער און האָבן געזען, ווי אַף אַ פעלד האָט אַ פויער געאַקערט.

ווען דער פויער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד אפּרוען, האבן מיר געפרעגט אַף וואס אַקערט ער דאָס איצט.

ער האָט אונז דערציילט, אז דאס אקערט ער אַף זומער-טוואוע, אַף גערשטן. ער האָט געזאָגט, אַז די ערד האָט ער געמיסטיקט און ער רעכנט, אז עס וועט זיין א גערע-טעניש.

ווייטער האָט ער דערציילט, אז ער אַרבעט גאַנצע מעסלעסן, לאָזט נאָר אפּרוען דאס פערדל צוויי מאָל אין טאג צו צוויי שאָ. מע דאַרף זיך צואיילן...

אין די סאַזשעלקעס האָבן מיר אנגעכאַפּט וואס איר ווילט נאָר אַליין. מיר האָבן אויפגעגעסן אונזער פּראָוויאַנט און אַרום 5 אַזייגער האבן מיר זיך אומגעקערט אהיים.

אין טאָג-ביכל האבן מיר פאַרשריבן:

די ערשטע פרילינג-אַרבעטן אַף די פעלדער—מע אַקערט און מע בראָנעוועט.

---

דערציילט, וואס וועט טאָן דער פויער, ווען ער וועט שוין צוגרייטן דאס פעלד.

# דעמאָנסטראַציע

איינס, צוויי, דריי, פיר,
לויפט אַ ווינט פון טיר צו טיר,
פליט אַ ווינט פון דאַך צו דאַך,
רופט די קינדער אפן שליאַך.
שפּאַנען קינדער אַפן שליאַך —
איינס, צוויי, דריי, פיר;
איינס, צוויי, דריי, פיר.
שפּאַנט די זון פון שוועל צו שוועל
אין אַ גאָלדענעם שינעל.
שפּאַנט אַף שליאַך און פרישט, און בריט.
פעסטער, פיס! און גיכער, טריט!
ס'איז ניטאָ קיין קאָמאַנדיר?
זון וועט זיין אַ קאָמאַנדיר.
איינס, צוויי, דריי, פיר.

איינס, צוויי, דריי, פיר.
עס צעגייט דער לעצטער שניי.
גייט די פריילעכע אַרמיי —
ווינט און קינדער, זון אַפריער.
איינס, צוויי, דריי, פיר.

איינס, צוויי, דריי, פיר.
אומעטום און אומעטום,
דייטשלאַנד, אינדיע און קיטאַי,
פעלדער, קינדער, זון און מאַי.
גאַסן, פאָנען, מאַי און מיר.
איינס, צוויי, דריי, פיר.

# ווי אַזוי מיר האָבן געפייערט דעם 1-טן מאַי

(פון טאָג-ביכל)

א גאַנצע וואָך האָבן מיר זיך געגרייט צום גרויסן יאָנטעוו — דעם ערשטן מאַי. מיר האָבן אויסגעלערנט רעוואָלוציאָנערע לידער, געמאָלט פּלאַקאַטן און באַפּוצט אונזער שול. פון דרויסן אױף דער טיר האָבן מיר אויפגעהאָנגען א גרויסן פּלאַקאַט. אױף אים איז געווען אויסגעמאָלט אַן אַרבעטער און א פּויער: דער אַרבעטער בײַ א ראָד, דער פּויער בײַ אַן אַקער, און אונטער זיי האָבן מיר מיט גרויסע אויסיעס אָנגעשריבן:

ערשטער מאַי — איז דער גרויסער יאָנטעוו פון אַלע אַרבעטנדיקע!

דעם ערשטן מאַי זײַנען מיר אוועק מיט רויטע פאָנען, צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער, אױפן פּלאַץ. אַלע זײַנען געגאַנגען אין רייען, צו זעקס מענטשן אין א ריי, און געזונגען... מע איז געגאַנגען גלײַך אַלע אין פוס. אױפן פּלאַץ זײַנען געווען אַזוי פיל מענטשן, אַז עס איז גאָרניט מעגלעך געווען איבערצוציילן, און אַלע מיט רויטע פאָנען. עס איז זייער שיין געווען. אױף דער זון האָבן די פאָנען אויסגעזעען העלער, ווי מאָן-בלומען. מיר זײַנען געגאַנגען דריי שעה און האָבן זיך אומגעקערט צוריק זייער פריילעכע.

---

שרײַבט אָן אַן אַרבעט: „ווי מיר האָבן געפייערט דעם ערשטן מאַי".

# מאָסקווע האָט זיך אויסגעפּוצט

צום ערשטן מאַי האָט זיך מאָסקווע — די הויפּטשטאָט פון דער סאָוועטן-רעפּובליק, אויסגעפּוצט יאָנטעוודיק.

אױפן רויטן פּלאַץ האָט מען אויפגעשטעלט א טריבונע. פון איר וועלן די פירער פון דער רעוואָלוציע באַגריסן די יונגע פּיאָנערן. די געבײַדע פון מאָסקווער סאָוועט איז שיין צוגעקליבן מיט גירליאַנדעס פון גרינס און רויטע פאָנען.

דער דענקמאָל פון פרייהייט אױפן פּלאַץ איז אויך אַרומגעוויקלט מיט גרינע גירליאַנדעס.

דאָס פאַריינען-הויז איז באַפּוצט מיט צייכנס, פאָנען און פּלאַקאַטן מיט אַזעלכע אויפשריפטן:

א געגרוס אַלע אַרבעטער און אַלע אונטערגעדריקטע פעלקער!

# ערשטער מאַי

געהערט האָסטו, פריינט,
פּיאָנערן-שאַל היינט,
אין רויטן באַגין
געשפּילט אַזוי פריי,
געזונגען,
געקלונגען:
„העי, קינדער,
היינט דרייסטער
און פרייער!
איר ווייסט דאָך
ס'איז היינטיקער טאָג ערשטער מאַי!"

# מיט לעגינעו פּאַרויס

## 1-טער מאַי אין מאָסקווע 1919 יאָר

די אַלטע גלעקער פון קרעמל-טורעם האָבן אויסגעקלונגען 10 אַזייגער. די וואַרעמע פרילינג-זון באַשיינט דעם רויטן פּלאַץ און די קוואָרים באַ דער רויטער קרעמל-וואַנט.

אַ רויטער רייטער איז אָנגעקומען און האָט אָנגעזאָגט:

— די דעמאָנסטראַציע גייט, מיט לעגינען פּאָרויס.

געזאַנג און מוזיק צעטראָגן זיך איבער די גאַסן, טויזנטער מענטשן. אַ גאַנצער יאַם מיט קעפּ.

אָט גייט די דעמאָנסטראַציע.

צו ערשט גייען די גרעסטע העלדן אין דער וועלט, די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער. פאָנען און אויפשריפטן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן. דאָס גייט דער קאָמינטערן. נאָכן קאָמאינטערן גייען אין געשלאָסענע רייען אַלע אַרבעטער פון מאָסקווע.

לענין פירט די דעמאָנסטראַציע צום רויטן פּלאַץ.

אַן אַ סאָף ציט זיך די פּראָצעסיע. מע גייט און מע גייט.

אָט איז מען צוגעגאַנגען צו די קוואָרים באַ דער קרעמל-וואַנט. די פאָנען בויגן זיך איין. געזאַנג און מוזיק פאַרגייען זיך אין טרויער.

באַ דעם פרישן קייווער פון כאַווער סווערדלאָוו שטייט אַ ניי-אויסגעבויטע טריבונע. אַף דער טריבונע שטייען די פירער פון דער רעוואָלוציע.

צווישן זיי—לענין.

פון דער טריבונע באַגריסט מען די דעמאָנסטראַנטן. און יעדער קאָלאָנע, וואָס גייט פאַרביי, שרייט אויס אַן ענטפער:

— זאָל לעבן אונזער פירער!

— זאָל לעבן דער פירער פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע—דער כאַווער לענין!

דער קרעמל-זייגער שלאָגט 12. פון טורעם צעגיסן זיך איבער מאָסקווע די טענער פון אינטערנאַציאָנאַל.

באַלד וועט ריידן לענין.

טויזנטער מענטשן ווילן אים הערן. אַרבעטער, סאָלדאַטן.

אין דער לופטן האָבן זיך פאַרקליבן אַעראָפּלאַנען. זיי מאַכן דאָרטן קונצן. מע וואַרפט בלעטלעך אַראָפּ. די בלעטלעך פליען, ווי שניי-עלעך. מענטשן ווילן זיי כאַפּן, נאָר א ווינטל קומט אָן און פאַריאָגט זיי ווייטער. מענטשן לאַכן פון פאַרדראָס.

און קינדער זייִנען אויסגעפּוצט לעקאָוועד יאָנטעוו. מע זינגט נייע לידער און מע שרייט:

— זאָל לעבן דער כאַווער לענין!

אָט קומען אָן די אַרטיסטן. אַף גרויסע אווטאָמאָבילן פירט מען די סצענע. מע שפּילט. מע ווייזט, ווי די אַרבעטער קעמפן פאַר זייער פריי-הייט.

**דער ערשטער מאַי איז דער יאָנטעוו פון די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט.**

# ברויזט אַ יאַם מיט רויטע פאָנען

ברויזט אַ יאַם מיט רויטע פאָנען,
ס'רוישן אײַזערנע קאָלאָנען
און עס טרעטן שטאַרקע טריט,
און עס דונערן אָרקעסטערס,

העכער, פרייער, שטאַרקער פעסטער,
ס'איז די שטאָט מיט רויט צעבליט.
העל צעפלאַמט און ברייט און פריי
איז דער יאָנטעוו ערשטער מאַי.

ס'איז דער טאָג פון זון און גליק,
ס'זינגט די שטאָט איר ליד פון שטאָל,
עס צעטראָגט זיך ווייט איר קאָל:
נאָר פאָרויס און ניט צוריק!

בלי און וואַקס, יונגער דאָר,
דײַן וועג איז ברייט און גייט פאָרויס

# אַ מאַטאָנע צום ערשטן מאַי

1

דאָס איז געווען ערעוו דעם 1-טן מאַי 1919 יאָר. די רויטע אַרמיי האָט זיך געשלאָגן מיט די טשעכן. די רויטע אַרמיי האָט געדאַרפט פאַרנעמען די סטאַנציע קאַבאַנאָווקע. מע האָט זי געמוזט פאַרנעמען, ווייל אויב ניט, וועט מען ניט קאָנען גיין אף סיביר און מאַכן אין סיביר א סאָוועטן-אָרדענונג.

באַנאַכט, ערעוו ערשטן מאַי, האָבן די רויטע אָנגעהויבן אַ שיסעריי און צעקלאַפּט די טשעכן. מע האָט זיי פאַרטריבן ווייט, ווייט אין סטעפּ.

נאָר פאַרטאָג האָט מען אָנגעזאָגט, אַז די טשעכן האָבן ווייטער אָנגעקליבן קויכעס און גייען ווידער אַף די רויטע.

די רויטאַרמייער זיינען אין קאַעס געוואָרן.

— מיר וועלן זיי שוין געבן! דעם ערשטן מאַי לאָזן זיי אונז גאָר ניט פייערן! דערלאַנגט, כעוורע!

די רויטע האָבן זיך צוגעגרייט.

2

אין דעם שטאַב פון דער רויטער אַרמיי איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון שטאָט, אַז מע גרייט פאַר די רויטאַרמייער יאָנטעווודיקע מאַטאָנעס לעקאָוועד דעם ערשטן מאַי.

דער קאָמאַנדיר לוקאָוו האָט געקוקט אין בינאָקל. ער האָט געוואָלט זען, צי עס קומען שוין אָן די טשעכן. לוקאָוו האָט זיך דערמאָנט אָן דער היים. דאָרטן, אינדערהיים, אין שטאָט, האָט ער אַ ווייב און אַ זון. דער זון מוז שוין זיין אַ גרויס אינגל. לוקאָוו האָט געוואוסט, אַז אין שטאָט וועט מען פייערן דעם ערשטן מאַי. אָבער די שטאָטישע אַרבעטער געדענקען גוט די רויטאַרמייער, מע פאַרגעסט זיי ניט, מע שיקט מאַטאָנעס.

לוקאָוו ווייסט, אַז אַלע דאַרפן קעמפן פאַר דער סאָוועטן-מאַכט. מע דאַרף אין דער גאַנצער וועלט איינשטעלן די מאַכט פון סאָוועטן. די רויטאַרמייער שלאָגן זיך אַפן פראָנט, און די אַרבעטער אין שטאָט נייען פאַר זיי קליידער, שינעלן.

3

דערווייל זיינען אונטערגעגאַנגען די טשעכן. ווי די רויטע האָבן דערזעען דעם סוינע, האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקער געשלעג פאַר דער סטאַנציע קאַבאַנאָווקע.

— הוראַ! — האָבן געשריען די רויטע — מיר וועלן ניט אָפּגעבן קאַבאַנאָווקע! קאַבאַנאָווקע מוז זיין א סאָוועטישע! הוראַ!

לוקאָוו האָט געשריען:

— כאַוויירים! מיר וועלן שענקען דעם פּראָלעטאַריאַט אַ מאַטאַנע — די סטאַנציע קאַבאַנאָווקע!

— הוראַ! האָבן געענטפערט די רויטאַרמייער און האָבן אָנגעהויבן שטאַרקער שיסן.

די רויטע וועלן ניט אָפּגעבן די סטאַנציע קאַבאַנאָווקע. דורך קאַבאַנאָווקע וועט מען גיין אַף סיביר און דאָרטן אויפהויבן די פאָן פון סאָוועטן-מאַכט.

4

און אין שטאָט האָט מען צוגעגרייט קאַסטנס מיט מאַטאָנעס פאַר די רויטאַרמייער. מע דאַרף אַוועקשיקן אַפן פראָנט.

ווי זשע קומט מען צו צום פראָנט, אַז דער וועג איז צעשטערט, די ליניע צעבראָכן? ווי זשע קומט מען צו צו קאַבאַנאָווקע?

האָט מען באַשטימט אָנלאָדן די קאַסטנס אַף קעמלען און פירן. מע האָט אויסגעטיילט כאַוויירים און געשיקט אַפן פראָנט, אָפּגעבן די מאַטאָנע פון די אַרבעטער.

לוקאָווס זון, מישקע, האָט אַ געשריי געטאָן:

— איך וויל אויך גיין! דאָרטן איז מיין טאַטע אַ קאָמאַנדיר. איך וויל אויך פאָרן אַפן פראָנט, צו קאַבאַנאָווקע, צום טאַטן.

מישקע האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז ער וויל פאָרן צום טאַטן. די מאַמע האָט אים אָפּגעלאָזן.

מישקען האָט מען געגעבן אַ נאַגאַן, טאָמער וועט אויסקומען צו שיסן.

דער וועג איז אַ שרעקלעכער. פון צווישן די בוימער קאָנען באַך ארויסלויפן די ווייסגוואַרדייער. אַכט קעמלען, באַלאָדענע מיט קאַסטנס, זיינען געגאַנגען. הינטער זיי, אַף פורן, זיינען געפאָרן 10 יונגע אַרבעטער מיט ביקסן און אַ קוילנוואַרפער. צווישן זיי איז אויך געפאָרן מישקע מיט אַ נאַגאַן אין די הענט.

5

דער קאַראַוואַן איז געגאַנגען פאָרויס. דער 12-יאָריקער מישקע האָט שוין דערהערט פון וויטן אַ שיסעריי און די געשרייען „הוראַ".

סאַי די רויטע, סאַי די ווייסע האָבן באַמערקט דעם קאַראַוואַן. האָט מען זיך געלאָזן לויפן. די שיסעריי האָט זיך פאַרשטאַרקט. מע האָט ניט געקאָנט וויסן, ווער עס זיגט.

מישקע האָט אויך געשאָסן פון זיין נאַגאַן.

האָט דער קאָמאַנדיר לוקאָוו געגעבן אַ באַפעל, מע זאָל אָנהויבן שיסן פון קוילנוואַרפער.

— טאַ-טאַ-טאַ-טאַ-טאַ — האָט דער קוילנוואָרפער געפּלאַפּלט. די טשעכן זײַנען געפאַלן, ווי די פליגן. די רויטע האָבן געזיגט.

די רויטאַרמייער האָבן אויסגעשריען:

— די סטאַנציע קאַבאַנאָווקע שענקען מיר אוועק דעם אַרבעטער-קלאַס א מאַטאָנע לעקאָוועד דעם 1-טן מאַי!

און איינער פון די אַרבעטער איז אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט:

— אין נאָמען פון די שטאָטישע אַרבעטער גיבן מיר אייך איבער מאַ-טאָנעס לעקאָוועד דעם 1-טן מאַי.

לוקאָוו האָט דערזעען זײַן זון מישקען. ס'איז געוואָרן א פרייד.

די רויטאַרמייער זײַנען געווען צופרידן מיט די מאַטאָנעס.

לוקאָוו האָט אויפגעהויבן מישקען אינדערהויך און האָט אויסגע-שריען:

— כאַווײַרים, רויטאַרמייער! אָט דאָס איז מײַן זון. איך שענק אים דער רויטער אַרמיי א מאַטאָנע לעקאָוועד דעם ערשטן מאַי. ער וועט זײַן א גוטער רויטאַרמייער, כאָטש אים איז אינגאַנצן צוועלף יאָר.

די רויטאַרמייער האָבן אויסגעהויבן א גרויסן „הורא".

דער צוועלף-יאָריקער מישקע האָט אויפגעהויבן זײַן נאַגאַן אינדער-הויך און האָט אויסגעשריען:

— לעבן זאָל דער ערשטער מאַי, דער יאָנטעוו פון אַרבעט!

— הורא!..

## דער יאָנטעוו ערשטער מאַי

### ווי האָט געלעבט אַן אַרבעטער?

דאָס איז געווען לאַנג, מיט פיר צענדליק יאָר צוריק. די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט האָבן שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם שווערן יאָך. זיי פלעגן אַרבעטן צו זעכצן שאָ א טאָג און מערער. די בורזשויען האָבן געלעבט זייער רייך און האָבן זיך געלאָזט וואוילטאָן אַף דעם אַרבעטערס פּראַצע.

אַ שמוציקער, פייכטער קעלער איז אַ דירע, האַרטע בענק מיט שטרוי-זעקלעך זײַנען בעטן. אַף דעם שלאָפט מען מיט די קליינע בלאַסע קינדער. פאַרטאָג, עס איז נאָך ניט גוט ליכטיק — הערט זיך אַ פייף פון פאַבריק, מע רופט צו דער אַרבעט. דער אַרבעטער שטייט אויף, און גייט צו דער אַרבעט. איבערן גאָס גייען טויזנטער אַרבעטער. אַלע זײַנען הונ-געריק און ניט אויסגעשלאָפן. נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט גייט מען צוריק אין קעלער. מע טוט זיך אַ וואָרף אַפן געלעגער און מע שלאָפט אײַן מיט אַ שווערן שלאָף.

ניין! אַזוי לעבן ווייטער קאָן מען ניט! מע דאַרף קעמפן פאַר אַ בע-סערן לעבן. ווער עס אַרבעט—זאָל לעבן גליקלעך. מע דאַרף קעמפן מיט דער בורזשואַזיע.

## צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער אין פּאַריז

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק האָבן זיך אין פּאַריז צונויפ-געקליבן פאָרשטייער פון גאָר דער וועלט.

זיי זיינען געקומען אין פּאַריז צונויפריידן זיך, ווי אַזוי אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזיע.

און זיי האבן באַשטימט, אַז דער ערשטער מאַי זאָל זיין אַ טאָג, ווען אַלע אַרבעטער אף דער גאַנצער וועלט גייען אַרויס אף די גאַסן און פאָ-דערן בא דער בורזשואַזיע פרייהייט, רעכט, און אַן אכטשאָעדיקן אר-בעטסטאָג.

אין דעם טאָג דאַרף מען ארויס מיט רויטע פאָנען און דערקלערן דער וועלט, אז אַרבעטער זיינען אויך מענטשן, אז די אַרבעטער זיינען דער קויעך פון דער וועלט. ווען די ארבעטער הערן אויף צו ארבעטן—שטעלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון דער וועלט.

## די בורזשואַזיע שטערט צו פּייערן דעם 1-טן מאַי

די בורזשואזיע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט לאזן, מע זאָל פּייערן דעם טאָג. די בורזשואזיע האָט מוירע געהאט, אז די אַרבעטער וועלן זי טאקע אראָפּוואַרפן און וועלן אליין ווערן באַלעבאַטים איבער אַלץ. האָט די בורזשואזיע גערופן פּאָליציי און מיליטער, מע זאָל שיסן אין די ארבעטער, אויב זיי וועלן ארויס אף די גאסן.

נאָר אז עס איז געקומען דער טאָג, זיינען אַלע פאבריקן געבליבן שטיין. קיין רויך פון די קוימענס גייט ניט, אלץ איז אָפּגעשטאָרבן. און פון אלע עקן שטאָט הויבן זיך אָן שיטן אַרבעטער מיט פאָנען און געזאַנגען. די פּאָליציי און מיליטער באפאלן די ארבעטער. מע שיסט, מע ארעס-טירט אסאך פון זיי. מע פאַרזעצט אין די טפיסעס, מע פאַרשיקט אף קא-טאָרגע.

נאָר עס העלפט ניט.

## ארבעטער שרעקן זיך ניט

איז אָט פון דעמאָלט אָן פּייערן די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט—פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד, רוסלאַנד, שפּאַניע, כינע, אַמעריקע—אין איין טאָג דעם יאָנטעוו פון אַרבעט, דעם ערשטן מאַי.

זאָל די בורזשואַזיע שיסן, הענגען. די אַרבעטער ווייסן, אַז קומען וועט אַ טאָג, ווען זיי וועלן ווערן די באַלעבאַטים איבער דער גאַנצער וועלט.

און אין רוסלאַנד איז טאַקע אַזוי געווען.

אין רוסלאַנד האָבן די אַרבעטער פאַרכאַפּט די מאכט אין זייערע הענט. זיי האָבן געטאָן, ווי דער גרויסער לערער — כאַווער לענין — האָט זיי געלערנט.

## 1-טער מאַי — יאָנטעוו פון אַרבעטער-אייניקייט

דערפאַר איז אין רוסלאַנד דער יאָנטעוו פון 1-טן מאַי אַזאַ גרויסער, שיינער יאָנטעוו פון פרייד און אַרבעט.

אָבער אין די איבעריקע לענדער פון דער וועלט הערשט די בורזשואַזיע. לאָזט זי ניט, מע זאָל פייערן דעם 1-טן מאַי. און מיר, אַרבעטער פון רוסלאַנד, שיקן אַ הייסן, ברודערלעכן גערוס די כאַווייריִם, וואָס געפינען זיך אין די בורזשואַזע לענדער.

קעמפט, כאַווייריִם, דאַן וועט קומען דער טאָג, ווען די בורזשואַזיע וועט פאַלן, און די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט וועלן פייערן אינאיינעם דעם גרויסן מאַי!

# א פארזאמלונג אין וואלד

זומער, שאַבעס נאָכמיטאָג. די זון ברענט. נאָך פון נעכטן האָט מען אָנגעזאָגט איבער די ווארשטאטן וועגן דער „מאסאָווקע”, וואָס דארף פאָרקומען אין וואלד. איינציקווייז, פּאָרווייז ציען זיך שוין די ארבעטער דורך די גאסן צו דער פאָרשטאָט אפן וועג צום וואלד. יעדערער גייט מיט זיין מארשרוט, קעדיי ניט דערוועקן קיין כשאד. יעדער ארבעטער ווייס שוין, ווי אזוי ער דארף גיין, ווען ער דארף באגעגענען. ער ווייס דעם „פּאַראָל”, א סימען, וואָס אז ער וועט אים זאָגן, וועט מען אים דורכלאָזן און ווייזן דעם וועג און דאס אָרט. ניט אַלע וויסן, נאָר די אייגענע, אָדער אַפילע אזעלכע, וואָס זיינען ניט אין דער אָרגאניזאציע, נאָר מע קאָן זיי געטרויען, מע גלויבט זייער ערלעכקייט און מיטגעפיל.

מע גייט ערנסט, שטיל, אָפּגעהיט. יעדערער ווייס, אז טאָמער וועט ער זיין ניט פארזיכטיק, קאן דורכפאַלן די גאַנצע פארזאמלונג, קאן קומען פּאָליציי און שלאָגן און ארעסטירן.

דורך באזונדערע וועגעלעך און שטעגעלעך קומען זיך ביסלעכווייז צונויף די צעזייטע ארבעטער אפן געוויסן אָפּגערעדטן אָרט, ערגעץ אין א פארוואקסענער טיפעניש אין וואלד, אין אַ טאָל, באהאלטן פון אויג. איבערן גאנצן וואלד זיינען צעשטעלט פּאטרולן, שאָמרים פון די געטרייסטע כאוויירים. זיי גיבן אכטונג, צי רוקט זיך ניט קיין פרעמדער אריין אין דער מאכנע, זיי וואָרענען אין פאל פון א סאקאָנע.

אף א שטיק אָפּגעהאקטן בוים שטייט דער רעדנער. ער רעדט וועגן די ליידן און פיין פון די ארבעטער, און רופט צום קאמף פאר באפרייאונג.

געענדיקט די פארזאמלונג. דער אוילעם פילט זיך פרייער. יונגע שטימען, פול מוט און האפענונג, פארהילכן דעם וואלד מיט די ווערטער פון שוואוע און אָנזאָג.

* * *

ס'גרינען בוימער שוין און גראָזן,
ס'איז דער הימל העל און ביי,
ס'פאַלן שטראַלן אף רויטע פאָנען,
וואָס באַפּוצן דעם יאָנטעוו מאַי.

יאָנטעווט בלומען, יאָנטעווט גראָזן,
יאָנטעווט אונזער ערשטן מאַי;
פליט זיך פויגעלעך, בליט אייך בלומען —
ס'איז דער ערשטער מאַי געקומען!

## וויינפּערלעך

אז דער זומער הויבט זיך אָן און די בוימער הויבן אָן צו בליען, זיך באַדעקן מיט ווייסע פעדערלעך, קאָנט איר האָפן, אז ניט היינט, איז מאָרגן—וועלן זיך באַווייזן אין די קורצע שטעכלדיקע בוימעלעך גרינע אגרעסן. דאָס איז די ערשטע פיירע, וואָס עס גלוסט זיך אייך פאַרזוכן. פאַראַן מענטשן, וואָס וואַרטן ביז די אגרעסן ווערן רויט. נאַראַנים! גרינערהייט זיינען זיי אסאך מער געשמאַק. איר וועט זאָגן, זיי זיינען זויער, עס ווערט פון זיי הייליק די ציין? נו, וואָס-זשע איז? א זויערס קוויקט דאָס האַרץ, און צו הייליקע ציין איז דאָ א סגולע: זאַלץ. מע שיט אַרויף זאַלץ אַף די ציין און מע האַלט אָפן דאָס מויל אַקעגן א האַלבע שאָ, קאָן מען נאָכדעם עסן ווידער אמאָל דיזעלבע אגרעסן.

נאָך די אגרעסן קומען אויף די וויינפּערלעך. רויטינקע, מיט שוואַרצע פּיסקעלעך, מיט געלע קערלעך און צענדליקער-צענדליקער אַף איין צווייגעלע. איין צווייגעלע, אז איר פירט דורך צווישן די ליפּן, באַקומט איר א פולע מויל מיט וויינפּערלעך, וויניקע, שמעקנדיקע, א מעכאַיע.

אז זיי קומען אויף, קויפט מיר די מאַמע פאַר א פּאָר גראָשן א קווערטעלע וויינפּערלעך—עס איך זיי מיט ברויט.

## וויינשל

וויינשל האַלטן זיך ניט לאַנג גרין. וויינשל ווערן גיך פאַרטיק. איך אליין האָב באַמערקט, עטלעכע וויינשעלעך זיינען אינדערפרי געווען גרין אַזוי ווי גראָז. באַטאָג האָבן זיי באַקומען פון דער זון רויטע בעקעלעך. דעם זעלביקן טאָג פאַרנאַכט זיינען זיי שוין געווען רויט, ווי פייער.

וויינשל האָבן אַ טעווע, זיי האַלטן זיך שטאַרק אַף די ריטלעך. זעלטן-זעלטן ווען עס פאַלט אַראָפּ אַ וויינשל אַף דער ערד. ער מוז שוין זיין איבערצייטיק—שוואַרץ, ווי אַ פלוים.

וויינשל פלעגט מיר די מאַמע ברענגען. אָבער וויפל וויינשל? פינף שטיק אַף א פאָדעם. וואָס טוט מען מיט פינף וויינשל? מע שפּילט זיך מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז מע ווייסט ניט, וואו זיי זיינען אַהינגעקומען...

# קארשן

גרינע גאָרטנס—אָפּגעשיטע,
ליגט די בלאָטע טרוקן, דאַר שוין,
און ווי פּייערלעך צעגליטע,
רופן, רייצן זיך די קאַרשן...

קום, איך וועל דיך אונטערשטופּן,
גאָר ניט הויך איז צו דערלאַנגען.
וואָס מיר טשוועקעס, וואָס מיר קניפּן,
בעסער וועלן זיי אונז איינגיין.

נו, געקלעטערט, נו, געריסן,
שפּעטער וועלן מיר זיי ציילן;
וויפל ס׳איז ניט—מיטן ביסן
וועלן מיר זיך גלייך צעטיילן.

## קאַלענדאַר פון דער נאַטור

### אָנהויב זומער

1. באַמערקט דעם טאָג, ווען עס האָבן פאַרוועלקט די לעצטע בעז-בלומען. דאָס רעכנט זיך פאַרן סאָף פרילינג און אָנהויב פון זומער.

2. קלייבט צונויף בלעטער פון פאַרשיידענע ביימער און קוסטעס. פון יעדער בלאַט נעמט אַראָפּ א ריכטיק געמעל אָף אַ באַזונדער בלעטל פאַ-פּיר. קעדיי דאָס צו מאַכן, זאָלט איר די בלאַט אַוועקלייגן אַפן פּאַפּיר און מיטן בלייפעדער אַרומפירן די קאַנטן פון בלאַט. פאַרפאַרבט די בלאַט וואָס ריכטיקער. שרייבט אונטער דעם נאָמען פון בוים און די דאַטע, ווען דער געמעל איז געמאַכט געוואָרן.

3. פאַרשרייבט, ווען עס האָבן אָנגעהויבן בליען: ווילדע רויזן, בוזינע, ליפּע, קאָרן, פלאַקס, גריקע, אַרבעס, קאַרטאָפל, קלעווער, סאָנען, לאַנדיש, גלעקעלעך, נעגעלעך.

4. וועלכע אינסעקטן קומען צו דער ליפּע?

5. אין אַ שלעכטן וועטער זעט מען די אינסעקטן קימאַט גאָרניט. וואו זיינען זיי? זוכט זיי אויס אינעווייניק אין פאַרשיידענע בלומען. פאַר-וואָס פאַרקריכן זיי אַהין?

6. ווען האָט זיך אָנגעהויבן דער היי-שניט?

7. ווען האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יאַגעדעס און אויבס? פאַרמאָלט זיי מיט פאַרבן.

## אַ שרעקלעכע כאַיע

— כעוורע! וועלכע כאַיע איז די שרעקלעכסטע?

— אַ וואָלף!

— אַ בער!

— אַ לעמפערט!

— אַ לייב!

— ניין, איך ווייס פון אַ כאַיע, וואָס איז נאָך שרעקלעכער פאַר אַ לייב און פאַר אַ בער!—זאָגט פייוועקע.

— נאָך שרעקלעכער! מיר קאָנען שוין ניט צוטראַכטן. און דו האָסט געזען אַזאַ כאַיע?

אוואַדע, אָט וועל איך אייך אויך ווייזן. נעמט אייערע נעצלעך מיט זיך, נעמט עטלעכע סלאָיען אף שטריקעלעך און לאָמיר גיין צו דער סאַזשעלקע.

די קינדער קוקן זיך איבער: וואָס וויל דער יאַטל?

אַלע האָבן זיך באַוואָפנט מיט נעצלעך אף לאַנגע שטעקנס, מיט סלאָיען אף שטריקעלעך, און מע גייט נאָך פייוועקן.

— כאַפט, יאַטן!

די נעצלעך קריכן אין וואַסער. מע שלעפּט אַרויס וואַסער-כאַיעלעך.

— מויערקעפּלעך!

— פּיאַווקעס!

— און וואָס איז דאָס?

— שלעפּ אים אהער—זאָגט פייוועקע און שטעלט אונטער זיין סלאָי.

דורכן גלאָז פון סלאָי זעט זיך עפּעס אַ כאַיעלע, אַזוי ווי אַ וועַ-רעמל, אַ פינגער די גרויס, אַביסעלע גרעסער. און זעקס פיסלעך האָט דאָס כאַיעלע און גרויסע קינבאַקן.

— אָט איז נאָך!

— דערלאַנג אהער!

— אָט דאָס איז עס די שרעקלעכסטע כאַיע!

— מיט וואָס איז עס אַזוי שרעקלעך?

מוישקע שטופּט אַ פינגער—דאָס ווערעמל וואַרפט זיך אפן פינגער און וויל אים דורכשטעכן מיט זיינע שאַרפע קינבאַקן.

— וואַרפט צו צום ווערעמל אַ פּיאַווקע!

דאָס קליינע כאַיעלע וואַרפט זיך אף דער פּיאַווקע. אַריינגעשטאָכן אין דער פּיאַווקע די קינבאַקן און בלייבט ליגן. וואָס טוט עס, דאָס ווערעמל? ער זויגט דאָס בלוט דורך די קליינינקע לעכעלעך, וואָס בא אים אין די קינבאַקן. אין אַביסל צייט אַרום בלייבט פון דער פּיאַווקע נאָר א ליידיק הייטעלע.

— נו, איז וואָס איז, וואָס איז עס פאַר אַ וואונדער? — זאָגט מענדל

— אַ וואָלף נעמט א שעפּס, עסט ער זי אויף אַסאַך גיכער, ווי דאָס ווערעמל די פּיאַווקע. א קונץ!

— וואַרט, וועסט נאָך זעען! קוק!

פּייווקע נעמט ביידע „ווערעמלעך" און טוט זיי אריין אין איין סלאַי, און וואָס איז געוואָרן?

איין „ווערעמל" האָט זיך א וואָרף געטאָן אפן צווייטן און האָט אַריינגעשטאָכן אין יענעמס גופּל זיינע שאַרפע קינבאַקן. נאָר דאָס אַנדערע „ווערעמל" האָט זיך אין איין רעגע איבערגעבויגן און האָט זיך איינגעזויגן אין זיין פיינט.

און ביידע ווערעמלעך זיינען אַזוי אומגעקומען, שטעקנדיק איינס אין דעם אנדערן מיט זייערע שאַרפע קינבאַקן.

— אָהאָ, נישקאָשע.

— עמעס טאַקע, ניט קיין וועלף, ניט קיין בערן טוען דאָס ניט!

— ווי זשע רופט מען דיין שרעקלעכע כאַיע?

— מע רופט זי — די לאַוורע פון א שווימער. פון דער לאַוורע וועט שפּעטער ארויסגיין אַ זשוקל—א שווימער.

— לאָמיר כאַפּן כאָטש איינעם!

כעוורע וואַרפט זיך צו דער סאַזשעלקע. באלד ווערט כאַיעמס סלאַי פול מיט אַזוינע ווערעמלעך. און באַ מענדלען אין סלאַי זיצט שוין א גרויסער זשוק מיט א רינגעלע אַרום און אַרום זיין גופּל.

— אָט דאָס זשוקל איז ניט בעסער פון דער לאַוורע,—זאָגט פּייווקע.

— אָט דאָס זשוקל פאַלט אָן אַפילע אף גרויסע פיש.

— און פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?

— פון וואַנען? — ענטפערט פּייווקע מיט שמאָלץ. — איך האָב זיך אַליין צוגעקוקט! מע דאַרף דערצו גאָרניט האָבן. אַ בעצעלע אַף אַ לאַנגן שטעקן—מע קאָן זיך א בעצעלע מאַכן פון מארלע —, א סלאַי אף א שטריקעלע, עס זאָל זיין באַקוועם צו האַלטן און א פּאָר אויגן אין קאָפּ. פאַרשטייסט?

## די אַרבעט פון די אינסעקטן

וואָס טוען אַף דער לאַנקע אַלע אינסעקטן? וואָס טוען זיי, ווען זיי פליען אין לופטן, ווען זיי קריכן איבער דער ערד און אין די גראָזן, ווען זיי זיצן אַף די בלומעלעך? מיט וואָס זיינען די אינסעקטן פאַרנומען?

עפשער גלאַט אַזוי. עפשער טוט זיי האַנאָע, ווען זיי קריכן אַרום, ווען זיי פליען הין און צוריק. עפשער געפעלט זיי אַזוי זיך צו זיצן אַף די בלימעלעך און האַנאָע האָבן פון דער וואַרעמקייט און ליכטיקייט אין דעם שיינעם, זוניקן זומער-טאָג?

ניין, די אינסעקטן האָבן קיין צייט ניט צו זיצן ליידיק אָדער צו אַרומשפּאַצירן, וואוהין די אויגן טראָגן. יעדער כאַיע, ווי קליין זי זאָל ניט זיין, דאַרף זיך שפּייזן, קעדיי זי זאָל קאָנען לעבן.—הייסט עס, אַז די כאַיע דאַרף זיך זאָרגן וועגן דעם, זי זאָל זיך קאָנען דערנערן. אָבער זיי זיינען דאָך פאַראַן זייער אַסאַך, אָט די קלייניקע כאַיעלעך. די לאָנקע, דער וואַלד איז מיט זיי פול. יעדער אינסעקט, אויב ער וויל ניט שטאַרבן פון הונגער, דאַרף זאָרגן וועגן דעם, אַז קיין אַנדערע כאַיעס זאָלן בא אים ניט אָפּשלאָגן זיין שפּייז, קעדיי עס זאָל קלעקן אויך אַף זיין כיילעק. און דעם אינסעקט קומט אויס שטענדיק צו דאַיגענען וועגן דעם, ער זאָל זיך קאָנען געפינען די נויטיקע שפּייז, ער זאָל ניט בלייבן הונגעריק.

דער אינסעקט האָט קיין צייט ניט צו זיצן ליידיק.

---

דער, וואָס אַרבעט ניט, דאַרף ניט עסן.

## א זומער-טאָג בא אונז אין קאָמונע

...דאכט זיך, מע וועקט מיך. יאָ, איך עפן די פאַרשלאָפענע אויגן, קוק זיך אַרום,—אַלע שלאָפן נאָך אַזוי געשמאַק, מיסטאָמע ערשט איבערגעקערט זיך אַף דער צווייטער זייט. ארום איז שטיל; עס הערט זיך נאָר א שטיל כראָפּען פון די קינדער און אַ אָנגענעמער געזאַנג פון די פויגעלעך. עס ווילט זיך אַזוי ניט אויפשטיין, די אויגן קלעפּן זיך, נאָר איך רייס זיי אויף. איך לויף אַראָפּ אונטן און דערביי קלער איך, אז היינט וועל איך שוין זיין די ערשטע אויפגעשטאַנען. דער זייגער איז דאָך האַלב פינף. ערשט א נעכטיקער טאָג: די קיך-קאָמיסיע פּאָרעט זיך שוין ארום פליטע.

— כעוורע, וואס עפּעס אזוי פרי?

— נו, פּרואוו דו זיין א בעריע—אויפשטיין שפּעטער און מאכן צו אַכט אזייגער פרישטיק, צו 12—וואַרמעס!

קיין סאַך רייד איך מיט זיי ניט, און גיי צו מיין אַרבעט—פּאַשען די בעהיימעס אין פעלד. אנטקעגן מיר קומט א גרופּע קינדער, וועלכע רייטן גאַיוועדיק אף די פערד,—דאס פּאָרט מען באָדן זיי.

איך זעץ זיך אװעק אפן פייכטן גראָז, װאָס איז נאָך באדעקט מיט טוי, װי טראָפּנדלעך זילבער. די זון קוקט ארויס מיט אירע מילדע שטראלן און גלעט יעדערן צארט. די בוימער שטייען שטיל. נאָר די פויגעלעך צע-רייסן די שטילקייט מיט זייער געזאנג און שטיפן. די בעהיימעס עסן גע-שמאַק. װייזט אויס, זיך אויסגעהונגערט פאר דער נאכט. איך זיץ און לייען, װי אין א גרינעם פּאלאץ. נאָר װען-ניט-װען רייסט מיך איבער א „מע" פון א שעפּעלע—א שטיפערקע, און פונװייטן דערטראגט זיך דאס ריטמישע ציילן באם מארשירן פון אונזערע פּיאָנערן.

נאָר אט רייסט אלץ איבער דאָס שטארקע קלינגען פון גלאָק. דאס רופט מען דעם אוילעם עסן, און איך דערפיל אויך, אז איך װיל עסן. באלד טאקע קומט איינער מיך צו פארבייטן.

אין שטוב איז א טומל—יעדע גרופּע טיילט זיך מיט דער ארבעט. סע געדויערט ניט קיין 15 מינוט, און איך גיי צוריק: דא שטייט שוין א גרופּע אפן גארטן, דאָ זעגט מען האלץ, אין א צװייטן אָרט שטייט א גרופּע און מע ציילט װיפל מאָל האט מען שוין א דריי געטאָן דעם פּלומפּער פון די װאסער, קעדיי צו װיסן, װען די ריי קומט.

איך זיץ זיך װייטער און לייען. װען איך הויב נאָר אויף די אויגן, זע איך, װי מע איז צעזייט אפן פעלד און גארטן. די זון באקט מיטן גאנצן קויעך. אלע שטייען האלב-נאַקעטע, װי זיי װאלטן זאָגן: „מיר האבן קיין מוירע ניט",—און הויבן אָן נאָך שטארקער צו ארבעטן מיט די גראבליעס און לאָפּעטעס.

נאָר אט איז דער זייגער 12, עס הערט זיך װייטער דאס באקענטע קלינגען,—דאס רופט מען פון דער ארבעט. פארשטייט זיך, מע לויפט גיך—װאָס גיכער קומען צום טייך זיך אָפּבאָדן, אראָפּװארפן דעם שמוץ פון זיך. דער זייגער איז איינס: עס איז שוין נאָך מיטאָג. מע רוט, מע צעגייט זיך יעדערער אין אן אנדער װינקעלע: װער מיט א ביכל, װער מיט א צייטונג אונטער דער בעראָזקעלע...

לאנג געדויערט עס ניט, װייל מע דארף גיין לערנען זיך. נאכן לער-נען ליגט מען װייטער מידע, אונטער די שאָטנדיקע בוימער, פארשטעלט פון דער ברענענדיקער זון.

עס הערט זיך װידער דער באקענטער גלאָק. דאס רופט מען עסן. מע גיט זיך א שטעל אויף, װי עס װאלט גאָר קיינמאָל גארניט געװען, װייל פאר די פּאָר שאָ איז שוין געװען צייט זיך אויסצוהונגערן. אפּגע-געסן גוט, דארף מען װייטער גיין צו דער ארבעט. און טאקע באלד הערט זיך א קלאפּן פון די מאשינעס: דאס זיצט א גרופּע און נייט. װייטער אביסל הערט זיך דאס הובלען און זעגן פון סטאָלער-װארשטאט. דער גאָרטן מיט אלע איבעריקע ארבעטן גייען איצט אויך אין קאָן.

נאָר אָט װערט קילער. די זון שטייט שוין גאנץ נידעריק. אלץ כאפּט אָפּ דעם אָטעם פון דער באטאָגיקער היץ. אפילע אונזערע בעהיימעס האבן

זיך אויך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעצויגן און איבעראנייס געגומען עסן. פריילעך, מיט לאָפּעטעס, מיט גראבליעס אף די פלייצעס, מארשירט מען פון דער ארבעט. אפילע ניט אריין אין שטוב, נאָר מארש צום טייך. אי, ווי גוט עס ווערט דעמאלט! מע פילט עפּעס אראפּגעוואָרפן פון זיך צען פוד מאסע.

אָפּגעפרישט קומט מען פון טייך, און צום טיש. עס הויבט אָן ווערן אין שטוב אלץ שטילער. אמאָל גיט מען נאָך א שפּיל פארן שלאָפן. אייניקע זיצן נאָך, לייענען מיט האלב-פארשלאָפענע אויגן. ארום איז אזוי גוט; די נאכט איז שטיל, איינגעהילט אין שאָטן: יעדער זאך רוט איצט פון שווערן הייסן טאָג. אָט קלאפט דער זייגער 10. מע דארף גיין שלאָפן.

באם אָפענעם פענסטער, דורך וואנען עס גייען אריין אלע גוטע ריי־כעס, ליג איך און הער זיך צו, ווי דער סאָלאָווי זינגט, און דער געזאנג צעגיסט זיך אין דער שטילער רואיקער נאכט.

# א פּאַסטושקע

**א יונגע פּאַסטושקע, פּאַרברענט און פּאַרבראָנזעט,**
**פייפט מיט די פינגער, נאָר נאַקעט און קליין;**
**בא איר האָט אַ שעפעלע נאָרוואָס פּאַרבלאָנדזשעט,**
**זי זאָרגט ניט, זי זאָגט: עס וועט קומען אַליין...**

## אף די בערג

קומט דער ליבער זומער, לאָזן זיך יונגעלייט אַוועק צו די בערג יונגעלייט קריכן אף זיי אַרויף ציען זיך אויס אף זיי און קוקן אַראָפּ אף דער געפלעקטער מאַכנע, וואָס געפינט זיך אונטן.

די קינדער אָבער ווי באַפרייטע פויגעלעך פון שטייגלעך, פליען אַרויף און אַראָפּ, מאַכנדיק דערביי פּאַרשיידענע קונצן. די טאַטעס מיט די מאַמעס וואָרענען...

— קינדער, איר וועט זיך הארגענען. היט זיך ווי איר פליט.

נאָר די קינדער, דערזעענדיק נאָך פון וויטן די בערג, באַקומען אַזאַ מוט, אַז ניט נאָר אף אַזויגע, זיי וואָלטן אַפילע אַרויפגעקלעטערט אף אַסאַך העכערע בערג. און אַן אנדער אינגעלע מיט צעפלאַמטע בעקעלעך, שרייט אויס:

— א טייערע זאַך! אויך מיר אַ קונץ אַף אַזױנע בערג צו פליען. איך װאָלט געקאָנט אַרױפקריכן אַף אַ באַרג ביז די װאָלקנס די הויך...

נאַטירלעך גייט ניט אַוועק אָן אַ פּאַסירונג. אַ אינגעלע אַ צו שטאַרקער שטיפער, צו האַסטיק אַראָפּלאָזנדיק זיך פון אַ באַרג, פּאַלט און צעשלאָגט זיך, נאָר קיין סאקאָנע שטעקט קיינמאָל ניט. אדעראבע, דער אוילעם אַף די בערג צעלאַכט זיך, און דאָס אינגעלע שטייט אויף און נעמט זיך פליען ווידער מיט מער מוט, וועלנדיק דערמיט אויסקויפן זיין כאַרפּע, וואָס ער איז אַראָפּגעפאַלן...

## אַ בריוו פון די דייטשישע קינדער

אונזער פּיאָנער-קאָמונע האָט באַקומען אַ בריוו פון די דייטשישע אַרבעטער-קינדער.

טייערע כאַווײרים!

מיר ווילן אייך דערציילן וועגן אונזער לעבן. די קינדער פון די דייטשישע אַרבעטער לעבן זייער שלעכט. אַסאַך פון זיי האָבן ניט וואָס צו עסן.

אַסאַך טאַטעס אונזערע זיינען פאַרשפּאַרט אין די טורמעס, דערפאַר ווייל זיי זיינען קאָמוניסטן, די רוסישע אַרבעטער האָבן אונז אַביסל געהאָלפן. זיי האָבן געשיקט אַהער געלט, אַף די געלט האָט מען דאָ, אין שטאָט, געמאַכט א גרויסן קינדערהיים.

מיר זיינען דאָ אין קינדערהיים 150 קינדער. מיר האָבן זיך צעטיילט אַף 8 גרופּן. יעדע גרופּע האָט איר פאָן.

מיר העלפן אין אַלע אַרבעטן פון קינדערהיים. מיר האָבן געמאַכט אַ װערקשטאַט אַף פאַריכטן שיך. מיר האָבן באַפּוצט אונזערע צימערן מיט גרינס און מיט בלומען. אַף די ווענט האָבן מיר אויסגעהאַנגען בילדער.

אונז איז דאָ זייער גוט און פריילעך: מיר זינגען, שפּילן, מיר גייען אין וואַלד נאָך יאַגעדעס און נאָך בלומען, מיר קלעטערן אַף די בערג.

ביט לאַנג איז בא אונז פאַרגעקומען אַזאַ געשיכטע:

אַלע קינדער זיינען אַוועק ווייט אַף אַ שפּאַציר, נאָר איין אינגעלע איז געבליבן אין שטוב. אים האָט ווי געטאָן אַ פוס—האָט ער ניט געקאָנט גיין. אין אָונט איז ער געשטאַנען נעבן שטוב און געוואַרט ביז עס וועלן קומען די כאַוויירים. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רויט פענדל. דאָס איז געווען דאָס פענדל פון זיין גרופּע.

מיטאַמאָל זיינען צוגעגאַנגען צוויי גרויסע שלעכטע קינדער. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן זידלען און שרייען. זיי האָבן געזידלט די קינדער פון אַרבעטער און קאָמוניסטן. דערנאָך האָבן זיי אַרויסגעכאַפּט באַם אינגעלע דאָס פענדל און זיינען אַנטלאָפן.

וואָס האָט דאָס אינגעלע געקאָנט טאָן מיט אַזוינע גרויסע אינגען?
אַז מיר זיינען אַלע געקומען צו גיין צוריק פון שפּאַציר, האָט ער אונז דערציילט די גאַנצע מאַיסע.

מיר האָבן באַשטימט, אַז אלע אינייִנעם זאָלן מיר גיין אָפּנעמען אונזער פאָן צוריק.

אלע גרופּן האָבן גענומען זייערע פאָנען און זיינען אוועק. מיר זיינען געגאַנגען איבער די גאַסן פון אונזער שטעטל און האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. אונזערע פאָנען האָבן געפלאַטערט און האָבן געברענט אף דער זון.

מיר האָבן געזוכט אונזער פאָן—נאָר מיר האָבן ניט געפונען. דעמאָלט זיינען מיר אוועק צום קאָמענדאַנט און געזאָגט:

— מיר ווילן באַקומען אונזער פאָן, וואָס מע האָט בא אונז צוגענומען!

דער קאָמענדאַנט האָט ניט געוואָלט העלפן.

בא אונז איז נאָך ניטאָ קיין סאָוועטן-מאַכט. בא אונז איז ניט אזוי, ווי בא אייך.

ווען בא אונז וועלן די ארבעטער ווערן די באַלעבאַטים, וועלן בא אונז זיין קינדער-גערטנער און שולן פאַר ארבעטער-קינדער. מיר וועלן זיך לערנען אלץ, קעדיי צו זיין גוטע ארבעטער און קאָמוניסטן.

אונזערע כאַווײרים פּיאָנערן אין דייטשלאַנד

# פּיאָנערן אין לאַגער

מיט א פּאָר וואָכן צוריק האָבן מיר, פּיאָנערן פון 14-טן אָטריאַד אפן נאָמען פון הירש לעקערט, זיך געגרייט צום לאַגער-לעבן. באַשטימט האָט מען, אז גיין וועלן מיר אף דריי טעג. געהייסן האָט מען אונז קומען דאָנערשטיק דעם 14-טן אווגוסט. אינאיינעם מיטן אָטריאַד פון ״שווייפּראָם״ זיינען מיר אוועק. געגאנגען און געקומען. אין לאַגער זיינען שוין געווען אונזערע פּיאָנערן, וואָס האָבן געהיט דעם לאַגער. מיר האָבן זיך צעשטעלט, אויסגעטיילט אָנפירער און זיך געשטעלט ארבעטן: מיר האָבן אויסגעצויגן געצעלטן און האָבן אוועקגעשטעלט אונזערע פּיאָנערישע פאָנען. דערווייל איז שוין געוואָרן פינסטער. באַנאַכט האָבן מיר אויסגעטיילט דעזשורערס.

אינטערעסאַנט איז געווען באַנאַכט. אלע זיינען אוועק שלאָפן, עס האָבן זיך נאָר אָפּגעשטעלט די דעזשורערס. אונזער אָנפירער האָט געוואָלט אויספּרואוון די פּיאָנערן, צי זיי וועלן אויפשטיין אין מיטן נאַכט. 2 אזייגער באַנאַכט האָט דער אָנפירער גענומען טרובען און געגעבן א סיגנאַל אַף א ליאַרעם. אלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט, ארויסגעלאָפן פארשלאָפענע פון די געצעלטן און זיך געשטעלט אין די רייען. „זייט גרייט!״ — רופט אויס דער אָנפירער. „שטענדיק גרייט!״—ענטפערן די פּיאָנערן. — „נו, טאָ גייט שלאָפן צוריק!״

אין לאַגער איז געווען זייער גוט. מיר האָבן זיך געבאָדן, געשפּילט אין פארשיידענע שפּילן.

פאר דער צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין לאַגער, האָבן מיר ארויסגעגעבן א זשורנאַל.

# אין „איוואַנאָווקע“

אונזער לאַגער האָבן מיר צעלייגט באַם וואַלד, אַף אַ בערגל. אונטן האָבן זיך לאַנ־געס געצויגן און מיט אַ בלויען טייכל זיך אַרומגעגאַרטלט. אַפן צווייטן ברעג טייך זעט זיך אַ דאָרף—איוואַנאָווקע.

אָט אין דעם דאָרף טאַקע זײַנען מיר אוועק; אינגאַנצן אַכט מענטשן זײַנען מיר גע־ווען. די זון האָט זיך שוין פאַרקייקלט הינטערן וואַלד. ס׳איז אנגעקומען דער אוונט.

ווען מיר זײַנען אריין אין דאָרף, האָט אף אונז אַן אָטעם געטאָן אַ רייעך פון פרישער מילך. די טשערעדע איז ניט לאַנג דורכגעגאנגען. געבן די הייזער האָבן שייטערס אונטער־געקנאַקט—דאָס האָבן פויערטעס וועטשערע געקאָכט.

אַף די קלעצער נעבן דער שול זײַנען פויערים געזעסן. אינגען, יאַטלעך,—קימאַט אלע מענער פון איוואַנאָווקע. פאַר וועטשערע האָבן זיי זיך אָפּגערוט פון דער ארבעט, מע האָט דערציילט נייס. מיר האָבן זיך געגריסט מיט זיי. מע האָט אונז אָפּגעענטפערט פריינטלעך און וואַרעם. זיי זײַנען געווען צופרידן מיט די געסט.

— גוט נאָוונט!—גוט יאָר!

מיר האָבן זיך צוגעזעצט אַף די קלעצער.

— ווער זייט איר, כעוורע?

— מיר זײַנען פיאָנערן פון שטאָט.

— וואָס איז דאָס אזוינס פיאָנערן? אַ? דאָס איז עפּעס, ווי קאָמסאָמאָל, צי וואָס?—האבן די פויערים געפרעגט.

— מיר זײַנען אַן איבערבייט דעם קאָמסאָמאָל. דער קאָמסאָמאָל איז אַן איבערבייט דער פאַרטיי.

מיר האבן זיי דערקלערט, ווער זיינען עס די פיאָנערן.

— אהאַ! דאָס הייסט, אַז לענין איז אויך אַ פיאָנער, נאָר אן אלטער פיאָנער. אָ, איצט פאַרשטייען מיר.

אַף מארגן איז אין דאָרף געווען אַ פאַרזאמלונג. מיר האָבן זיך דערשלאגן. אז מע זאל רעמאנטירן די דארפישע שול, מע זאל אויסשרייבן צייטונגען. מיר האבן אין לייען-שטיבל דעם אַפיקוירעס-ווינקל צוגעקליבן, באַפּאַרבט—אַלץ ווי מע דארף.

נאָכדעם האָבן מיר מיט די דארפישע יאַטלעך געשפּילט אין פאַרשיידענע שפּילן. מיר האָבן זיי אויסגעלערנט רעוואָלוציאָנערע לידער—געווען פריילעך.

ס'האָט ניט געדויערט קיין דריי טעג—און מיר זיינען מיט איוואַנאָווקע געוואָרן זייער גוטע פריינט.

# אויסגעוואַשן די לאַדישעס

אויסגעוואַשן די לאַדישעס,
און די קו שוין אויסגעמאָלקן;
טרייב אַריין אין שטאַל די אויפּעס,
זעסט, עס קומט א שווערער וואָלקן...

און דאָס פערד שטרענגט אָן דעם אויער,
עפנט ברייט די שוואַרצע אויגן,
אַף דער האלב פון קליינעם טייכל
ליגט א שאָטן אויסגעצויגן...

כאַפּט א שטרויעלע דער שטורעם
און דעם גרויען שטויב פון וועגן —
יונגע קעלבעלעך און שעפּסן
האָבן מוירע פאַרן רעגן...

# דזשיאו

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
וועקט דער גלאָק אונז אויף גאַנץ פרי.
שאַרפן מיר די קאָסעס אָן
הויבט אָן קרייען ערשט דער האָן!..

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
מעלקט מען ערשט אין שטאַל די קי,
גיט מען עסן ערשט די פערד,
און פון ראָסע—נאַס די ערד...

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
קאָסען קאָסט דעם מענטשן מי,
און דער שווייס פון פּאָנים רינט,
זאָל כאָטש בלאָזען לייכט אַ ווינט...

דזשיאו, דזשיאו, דזשיאו, דזשי,
כ'האָב קיין ערד און ניט קיין פי,
כ'האָב נאָר הענט געזונטע צוויי,
שנייד איך, אַקער איך מיט זיי...



# עלעקטרע אין דאָרף

(אַ דערציילונג פון אַ אינגעלע)

— באַ אונז אין דאָרף האָט מען אריינגעפירט עלעקטרע, מיר האָבן אויך אויפגע-האַנגען צוויי עלעקטרישע לעמפעלעך אין שטוב. איין לעמפל אין קיך און דאָס אנדערע לעמפל—איבערן טיש. באַ אונז איז געווען דער זיידע. ער האָט דערזעען, אַז מע הענגט אויף די לעמפעלעך, האָט ער אָנגעהויבן בורטשען:

— שיידים וועלן צו אייך קומען!—זאָגט דער זיידע—און די לעמפעלעך וועלן אַל-ציינס ניט ברענען.

איך האָב אויך ניט געגלויבט, אַז ס'וועט ברענען. עפּעס אַ וואונדער: אָן קעראָסין און אָן שוועבעלעך! און אַז מע האָט שוין געענדיקט די אַרבעט און מע האָט געלאָזן ליכט אין די לעמפעלעך—האָבן מיר זיך אַלע פאַרוואונדערט.

— וואָס איז דאָס?

אין די לעמפעלעך האָבן זיך דינינקע הערעלעך אָנגעצונדן. און די לעמפעלעך אַליין זיינען אַביסעלע וואַרעמלעך. דער טאַטע האָט געזאָגט:

— אָט קינדער, איר זעט, צו וואָס עס דערגייען געלערנטע מענטשן: מע קאָן אָן אַיוון הייצן אָן האָלץ—אָף עלעקטרע וועט זיך יעדער שפּייז אָפּקאָכן. דאָס פעלד קאָן מען באַאַרבעטן אָן פערד. מע קאָן מאַכן אַן עלעקטרישן אַקער: ער וועט אַליין גיין און אַקערן דאָס פעלד.

אַז אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען פון שטוב, האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. איך האָב געוואָלט וויסן: צי די הערעלעך אינם לעמפעלע בריען, צי ניט. איבערן לעמפעלע איז צוגעמאַכט אַ שוואַרץ קעפּעלע, און אין קעפּעלע אַ שוואַרצינקע הענטעלע. איך האָב דאָס הענטעלע אַ דריי געטאָן אָף רעכטס—האָט זיך באַוויזן ליכט. אַ דריי געטאָן לינקס—פינסטער געוואָרן.

— אָט אַ וואונדער!

האָב איך גענומען און אָפּגעשרויפט דאָס לעמפל פון קעפּעלע, דאָס פייער האָט זיך פאַרלאָשן. איך האָב אָנגעהויבן טאַפּן דאָס קעפּעלע פון אונטן, וואו דאָס לעמפעלע שרויפט זיך אריין—ערשט עס האָט מיר געגעבן אַ ריס! אין האַנט. איך האָב זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן שרייען:

— ווער האָט עס מיך געשלאָגן?

איך האָב ווידער אַ טאַפּ געטאָן דאָס קעפּעלע אָפן זעלבן אָרט—האָט מיר ווידער אַ

ריס געטאָן די פינגער. איך האָב ווייטער אָנגעהויבן שרייען. דער טאטע איז אריין אין שטוב און פרעגט:

— וואָס שרייסטו?

זאג איך אים:

— עמיצער האט מיך איבער די פינגער געשלאָגן דא, אין לעמפל.

האט מיר דער טאטע דערציילט:

— דו האסט אפגעשרויפט דאס לעמפעלע, אבער די עלעקטרע האסטו ניט פארדרייט. אין דעם שנור, וואס אף אים הענגט דאס לעמפל, איז פאראן אן עלעקטרישע קראפט. זי האָט עס דיך א קלאַפּ געטאָן איבער די פינגער. ווייטער זאָלסטו אָן מיר אליין דאס לעמפל ניט אפדרייען. מע דארף וויסן, ווי צו באַגיין זיך מיט אַזאַ פייער. די עלעקטרישע קראפט קאָן אמאל דערהארגענען צום טויט.

# פּעטקעס שטיוול

1

טראם-טא-טא-טראם-טא... — צעשיט זיך איבערן גאס דאס קלאפּן פון פיאָנערישן בּאראבאן. היינט איז יאָנטעוו. עס איז נאָך פרי, און פון אלע פענסטער, פון אלע טויערן שטעקן זיך ארויס קעפּ, מע קוקט, וואָס איז דאָס?

אין א קאָלאָנע גייען איבערן גאס קליינע פיאָנערן. אין גרינע העמד-לעך, אין קורצע הויזלעך, בּארוועסע. אפן האלז — האלז-טיכלעך רויטע. פאָרויס—דער פּויקער, נאָך אים—א יאטל מיט א פאָן.

— פיאָנערן, פיאָנערן זיינען געקומען צו פאָרן פון שטאָט!

קינדער זיינען ארויס פון די הויפן, מע קוקט. מע נעמט די אויגן ניט אראָפּ פון די פיאָנערן, זיי גייען נאָך די פיאָנערן אונטערן טאקט פון בא-ראבאן.

א דאָרפיש יאטעלע—פּעטקע איז ארויסגעלאָפן. פאר אים לויפט א הינטל מאָפּסיק. אין גאס איז א גאנצער טומל. די קינדער גייען ערגעץ. אלע זיינען פריילעך און לעבעדיק. און מאָפּסיקן איז אויך פריילעך. ער זעט עס צום ערשטן מאָל. האָט ער פאריסן דעם עק און טראָגט זיך ווי א צעמישטער צווישן דעם פיאָנערישן אָטריאַד.

— אָט דאָס זיינען יאטן! קוקט, ווי זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט — א מעכאַיע צו קוקן.

הינטערן דערפל האָבן די פיאָנערן צעלייגט זייער לאגער. מע האָט גלייך די געצעלטן צעשטעלט, א גריבל אויסגעגראָבן, א פייער צעלייגט און דעזשורערס צעשטעלט.

2

ווען די פּיאָנערן האָבן צוגעביסן, אָפּגערוט—זײַנען זיי ווײַטער אַוועק אין דאָרף. דאָרט האָט זיך צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם. דער עלטסטער האָט דערציילט, אַז עס זײַנען געקומען צו פאָרן פּיאָנערן פון שטאָט. זיי ווילן זעען, ווי לעבן דאָ די פּויערים. זיי ווילן רופן די קינדער פון דאָרף צו זיך אין אָטריאַד.



נאָכדעם האָט מען אין אַ כאָר לידער געזונגען. מע האָט געמאַכט גימנאַסטיק. און צום סאָף האָט מען אַ פּיראַמידע באַוויזן.

אַלע זײַנען זייער צופרידן. מע קוקט.

— אַט איז כעוורע!

— זעסט, אַלע קונצן מאַכן זיי דיר!

די פּיאָנערן זײַנען אַוועק אין לאַגער אָפּרוען. מיט די פּיאָנערן זײַנען עטלעכע דאָרפישע קינדער אויך אַוועק. פּעטקע גייט פאָרויס. נו, און מאָפּסיק איז אויך דאָ. פּעטקע זאָגט:

— איך וויל זײַן אַ פּיאָנער!

און מאָפּסיק:

— האַוו, האַוו, האַוו!

זאָגט פּעטקע צו מאָפּסיקן:

— קום צו די פּיאָנערן! קום, מאָפּסיק!

און מאָפּסיק טאַנצט אַרום פּעטקען און טאַינעט אלץ זיינס:

— האַוו, האַוו, האַוו!

פּעטקע פאַרשטייט ניט, צי מאָפּסיק וויל בלייבן מיט די פּיאָנערן, צי ער וויל ניט.

— זאָגן די פּיאָנערן:

— דו ביסט נאָך צו קליין, פּעטקע, וואַקס אונטער אַביסל—וועט מען דעמאלט קאָנען! —

און פּעטקע וויל ניט הערן:

— איך וויל ניט! איך וועל פון אייך ניט אוועקגיין!

וואָס קאָן מען טאָן מיט פּעטקען?

3

שוין אָוונט. אַלע קינדער זיינען שוין אַוועק אהיים. פּעטקע איז אויך געגאַנגען אַהיים. נאָר אין וועג האָט ער זיך אָפּגעגאַנווערט און צוריק אין לאַגער אַוועק.

גייען די פּיאָנערן זיך באָדן — פּעטקע אויך. די פּיאָנערן עסן קאַר-טאָפל—פּעטקע אויך.

און מאָפּסיק! ער האָט זיך פאַרבענקט אַהיים — נאָר אָן פּעטקען וועט ער ניט גיין.

הויבט אָן מאָפּסיק שלעפּן פּ,טקען פאַרן העמדל, פאַר די הויזלעך, פאַר דער האַנט.

און פּעטקע וויל ניט:

— איך גיי ניט אַהיים, א ך וויל ניט...

און מאָפּסיק דערמאָנט זיך, אַז מע וואַרט אף פּעטקען אינדערהיים. מע זוכט אים דאָרטן, א ן פּעטקע וויל גאָר אַהיים ניט גיין.

4

פּעטקע האָט די שטיוול אַראָפּגעוואָרפן, גייט אַרויס אַ באָרוועסער, ווי די פּיאָנערן.

נעמט מאָפּסיק און ציט צו א שטיוול און אנטלויפט אַהיים. אַריינגע-לאָפן אין הויף און פּאָכעט מיטן שטיוול:

ווערט אין הויף א טומל.

— פאַרפאַלן געוואָרן פּעטקע!—פּעטקעס מאַמע וויינט און פאַלט אין כאַלאָשעס.

— אָי, ווי איז מיר! זיך דערטרונקען מיין פּעטקע! אוי, ווי איז מיר! אָט האָט מאָפּסיק דאָך דעם שטיוול געבראַכט! זיך דערטרונקען מיין קינד!

האָט פּעטקעס מאַמע אַרויסגענומען בײַ מאַפּסיקן דעם שטיוול פון מויל, און מאַפּסיק שרײַט: —

— האַוו, האַוו, האַוו! ווי אײַנער זאָגט דאָס: קום מיט מיר, מיר וועלן אים ברענגען דעם יאַט!

און איבערן גאַנצן דאָרף ווייסט מען שוין:

— פּעטקע האָט זיך דערטרונקען! געשטאָרבן פּעטקע. מאַפּסיק האָט אים געשלעפּט פון טײַך, ניט געקאָנט אַרויסשלעפּן — נאָר אַ שטיוול געבראַכט.

מאַפּסיק לויפט, נאָך אים פּעטקעס מאַמע. אָט איז דער טײַך. געקומען צום לאַגער. אַ שײַטער ברענט העל און ליכטיק. איבערן שלאָפנדיקן פעלד טראָגט זיך אַ ליד.

פּעטקעס מאַמע איז צוגעלאָפן צו די פּיאָנערן. נאָך איר לויפן די דאָרפישע קינדער.

אַלע פרעגן:

— וואו ליגט דער דערטרונקענער?

און דער דערטרונקענער זיצט נעבן שײַטער און שרײַט:

— „עך, קאַרטאָפל, אַ מעכאַיע, אַיע, אַיע, אַיע”.

מאַפּסיק לויפט צו צו פּעטקען. גיט אים אַ לעק אין די ליפּן:

— געפּאַקט!

אַ גרויס געוויין האָט פּעטקע געמאַכט, ווען מע האָט אים פון לאַגער געפירט. דעם גאַנצן וועג ביזן דאָרף האָט ער אָפּגעוויינט.

און אַז די מאַמע האָט אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אים אויפנייען אַ רויט האַלז-טיכל—איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

פּעטקע איז געוואָרן אַן אָקטיאַבערל.

## כאַווער „סירקאַ”

אַ כאַכעם, אַ געטרײַער כאַווער איז סירקאַ.

איך מיין, אַז נאָכן נאָמען אַליין איז ניט שווער צו שטויסן זיך, אַז סירקאַ איז געווען ניט קיין מענטש, נאָר אַ הונט, אַ געווײַנלעכער הונט מיט אַ גרויער פעל, וואָס דעריבער האָט ער געהייסן „סירקאַ”.

פאַרשטייט זיך, אַז אין שטוב האָט סירקאַ ניט אַרײַנגעשמעקט אַפילע. מיסטאָמע האָט מען אים לעכאַטכילע געגעבן אַ צוהערעניש מיט אַ שײַטהאָלץ איבערן קאָפּ, אַז אין שטוב—זאָל אַ הונט ניט קריכן...

די קינדער האָבן אים ליב געהאַט. אַסאַך, אַסאַך היינט וואָלטן זיך ווינטשן האָבן אַזאַ אויסקומעניש מיט אַזעלכע קעסט, ווי סירקאַ האָט געהאַט. פונעם שענסטן און פונעם בעסטן האָבן אים כאַוורע אַרויסגעטראָגן, אין

די קעשענעס, פארשטייט זיך. סירקא האָט שוין געוואוסט די צייט פון אָנ־בייסן, פון וואַרעמעס און פון וועטשערע, און האָט שוין ארויסגעקוקט מיט אַלע אויגן, ווען וועט מען אים שוין אַרויסטראָגן פון אַלע גוטע זאַכן. ער האָט שוין געוואוסט אַפילע, באַ וועמען אין וואָס פּאַרא קעשענע אָנ־צושמעקן און האָט שוין אַליין געשטופּט די מאָרדע אהין — א הונט א כאכעם.

היינט די קונצן, וואָס די כעוורע האָבן אים אויסגעלערנט! אנידער־לייגן אים, לעמאשל, אפן שפּיץ נאָז אן אָפּגעלעקט ביינדל, אָדער אַ שטיקל ברויט, און זאגן אים: „ניע רוש!“ (געוויינלעך רעדט מען מיט א הונט אף גאָאיש)—וועט ער אייך וואַרטן מיט דערעך-ערעץ וויפל איר ווילט, ביז ער וועט דערהערן דאס גוטע וואָרט: „האָם“. דעמאלט טוט ער א שפּרונג אונטער—און פאַרטיק.

אַז כעוורע פלעגן מאכן א שפּאַציר אדער אן עקסקורסיע, פלעגט סירקא לויפן אף צו פריער—און פאַר גרויס פרייד און היספּאַילעס גע־שפרונגען און געקאַטשעט זיך אפן וועג — און אלץ צוליב די שטיקלעך ברויט מיט די אפּגעלעקטע ביינדלעך, וואָס ער פלעגט קריגן.

א הונט—א כאָכעם.

וויפל מאל האט זיך געמאכט, אז אפן הארצן איז וויסט, אין דערהיים געכאפּט א פּסאָק, אפן גאס פון די כאַוויירים פארבעסערט,—דעמאלט פאר־קלייבט זיך שאלעם וועוויקס ווייט אין גארטן, אף יענער זייט בוימער, און סירקא מיט אים. דארט היגטערן פלויט זעצט ער זיך אוועק מיט זיין גע־טרייען סירקא, וואס ציט אויס די מארדע, קוקט גלייך אין די אויגן, פּונקט ווי א מענטש. „וואס קוקט ער? וואס טראכט ער בעאייס מאיסע? פּאַר־שטייט ער טאקע יעדער זאך, ווי א מענטש?“ — אַזוי טראכט ער זיך און ער קוקט אפן הונט, און דער הונט—אף אים, ווי זייגער א גלייכן, א הונט—א כאַווער! א טייערער, א געטרייער כאווער—סירקא!..

# אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

איך בין געווען אין זאאלאגישן גארטן. אט דארטן איז טאקע גוט! אט דארטן איז טאקע אינטערעסאנט צו זיין!

אסאך פארשיידענע ווילדע כאיעס זיצן דארטן אין שטייגן, אסאַך שפּאַצירן דארטן אף דער פריי.

אלע זונטיק מאכט מען איצטער אין זאאלאגישן גארטן באזונדערע קינדער-יאנטויווים. אף אזא זונטיקדיקן קינדער-יאנטעוו בין איך געווען מיט די איבעריקע קינדער פון אונזער קינדער-היים.



דער יאַנטעוו האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קאַרנאַוואַל. אַ קאַרנאַוואַל — דאָס איז אַ גאַנצע פּראָצעסיע, אַ גאַנצער מאַרש גייט דורך איבערן גאָרטן. אין דעם מאַרש נעמען אָנטייל פאַרשיידענע חיות. אַנדערע חיות שפּאַנט מען איין אין וועגעלעך. דאָ זיינען קעמלען — איינהאָרביקע און צווייהאָרביקע. דאָ זיינען אייזלען, הירשן.

אַלע זיינען זיי איינגעשפּאַנט אין רייטוועגעלעך. די רייטוועגעלעך זיינען באַפּוצט מיט גירלאַנדעס פון בלעטער און בלומען.

און די רייטוועגעלעך זיינען אָנגעפּאַקט מיט קינדער. מע לאַכט, מע פרייט זיך און מע פּאַטשט צו אונז מיט די הענט.

נאָכדעם זיינען מיר זיך דורכגעפאָרן — ווער אויף אַן אייזל, ווער אויף אַ הירש. איך האָב זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ קעמל. הויך צו זיצן... נאָר פאָרן איז גוט. ער גייט זיך, דער קעמל, און איך האָפּקע זיך אונטער.

נאָכדעם האָט מען אונז געפירט איבער אַלע צימערן, וואו עס געפינען זיך די שטייגן מיט די חיות. דער אָנפירער האָט אונז דערקלערט וועלכע חיות לעבן אויף דער פריי, וואָס עסן זיי.

זייער אינטערעסאַנט. נאָר דערוואַרטן זיך ביז זונטיק, — און מיר וועלן ווייטער גיין.

---

איר זייט געווען אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן?
דערציילט וואָס האָט איר דאָרטן געזען?

# פליגן

דער זומער איז געווען א הייסער. מיט יעדן טאג האבן זיך באוויזן פליגן אלץ מערער און מערער. זיי פלעגן ארייַנפאַלן אין מ"לך, קריכן אין זופּ, הודזשען, דרייען זיך און צושטיין צו אלעמען. האט מען געבראכט פון מארק פלייש, פיש, פוטער, קעז — אהא, די ערשטע זיינען זיי. ווער רעדט, יאגעדעס, צוקער, אייַנגעמאכטס — דא איז זיך גאר פון זיי ניט אפּצוטרייבן.

— וואס איז דאס אזוינס? פון די פליגן איז דאך גארניט צו לעבן! — האט זיך די מאמע באקלאגט — קריכן ארום אומעטום און פאסקודיען. מ ע דארף זיי אויסראטן.

אף מארגן האט די מאמע געבראכט א פּעקל געשמאקע פּאַפּירלעך. די פּאפּירלעך זיינען געווארן נאך געשמאקער, ווען מע האט זיי פאנאנדערגעלייגט אף טעלערלעך, באשאטן מיט מעלצוקער און באגאסן מיטווארעמע וואסער.

אט דאס איז שוין איינמאל א מאיכל פאר די פליגן — האט די מאמע געזאגט — זיי וועלן זיך אזוי אנעסן, אז זיי וועלן נאכאמאל שוין פארשפּארן צו עסן — און האט פאנאנדערגעשטעלט די טעלער אף די סאמע קאנטיקע ערטער.

די פליגן האבן זיך גאנצע מאכנעסווייז ארויפגעווארפן אפן נייעם מאיכל און אים באדעקט אזוי געדיכט, אז דער גאנצער פּאַפּיר איז שווארץ געווארן.

אינדערפרי האט די מאמע אנגעשארט א פולן טעלער מיט טויטע פליגן און זיי ארויסגעווארפן.

נאר פליגן אין שטוב איז נאך אלץ געווען אסאך.

דא האט זיך שוין דער טאטע אויך גענומען פאַר זיי. ער האט געבראכט דריי גלעזערנע קולבעס, אנגעגאסן אין זיי ביר און אוועקגעשטעלט אף טעלערלעך. דידאזיקע קולבעס זיינען געווען פליגן-פאסטקעס. די פליגן זיינען געפלויגן אפן רייעך פון ביר, אריינגעפאלן אין די פאסטקעס און דארטן אומגעקומען.

נאך די אלע מיטלען איז אין שטוב געווארן ווייניקער פליגן.

---

דער זומער איז אוועק. ס'האבן זיך אנגעהויבן רעגנס. ס'האט א בלאז געטאן א קאלט ווינטל. איצט זיינען די פליגן ווי עפּעס איינגעשלאפן.

מיט יעדן טאג פלעגן זיי ווערן אלץ ווייניקער און ווייניקער. אזוי אז מע האט שוין מער ניט געדארפט ניט קיין סאם-פּאַפּיר, נ'ט קיין גלעזערנע פליגן-פאסטקעס.

און אז ס'איז ארויסגעפאלן דער ערשטער שניי, איז שוין אין שטוב קיין איין פליג ניט געווען.

# פלאקס

1

דער פויער האט צעאקערט דאס פעלד, האט פארזייט פלאקס און האט פארבראנעוועט די ערד. אין א וואכן צוויי ארום איז אויפגעגאנגען גרינינק גראז. שפעטער האבן זיך די שטאַמען פון די גרעזלעך אויסגע-צויגן, און אף זיי האבן זיך צעבליט קליינינקע בלויאינקע בלימעלעך. דער פלאקס איז געווען אין רעכטן בלי. די זון האט געשיינט אפן פלאקס, דער רעגן האט אים געפרישט, און פון דעם איז דער פלאקס געווארן נאך שע-נער. אז מענטשן פלעגן פארבייגיין, פלעגן זיי האנאע האבן פון דעם, ווי שיין עס וואקסט דער פלאקס.

2

אינגיכן זיינען די בלויאינקע בלימעלעך אראפגעפאלן. אף זייער ארט האבן זיך באוויזן קליינינקע, גרינינקע קעפעלעך. די קעפעלעך זיינען גע-ווארן טונקעלער, זיי האבן זיך אויסגעטריקנט, די גרינקייט איז אראפ, און דער פלאקס איז געווארן גרוי.

ס'וואַקסט פלאַקס

מע רייסט דעם פלאַקס

מע נעצט דעם פלאַקס

איינמאל אינדערפרי זיינען די פויערים געקומען אין פעלד. זיי האבן אנגענומען דעם פלאקס און אים מיטן ווארצל פון דער ערד ארויסגעריסן. זיי האבן אנגעבונדן גארבעלעך פלאקס, געלאזן אפן פעלד טריקענען און זיינען אוועק. ווען דער פלאקס האט זיך שוין אינגאנצן אויסגעטריקנט, האט מען אים גענומען און מע האט אים אריינגעווארפן אין וואסער. פון אויבן האט מען א שווערן שטיין ארויפגעוואלגערט, פונקט ווי מע וואלט אים וועלן דערטרינקען, דעם פלאקס.

3

נאר מיט דעם האט זיך עס ניט געענדיקט. דעם פלאקס האט מען גענעצט, דעם פלאקס האט מען געטרוקנט, דעם פלאקס האט מען געקראַצט, דעם פלאקס האט מען געקעמט מיט א קאם. נאָכדעם האט מען דעם פלאקס אנגעטאן אף א שפּינדל, די ראד האט א זשוזשע געטאן און פונם פלאַקס זיינען ארויס דינינקע פעדעמלעך.

מע דייניקט דעם פלאַקס

מע שפּינט דעם פלאַקס

מע וועבט דעם פלאַקס

די פעדים האט מען געוויקלט אין קנוילן און אוועקגעטראגן צום וועבער. דער וועבער האט איינגעשטעלט דעם וועב-שטול, האט אנגעצויגן די אסנאָווע און אנגעהויבן וועבן. דאס שיפל איז פריילעך געלאפן צווישן די פעדעם. פון דעם געוועזענעם פלאקס איז ארויסגעקומען א גוטער, גרויסער שטיק לייוונט. איצט איז דער פלאקס געווארן אזא פעסטער און דינער, אזא גרויסער און לאנגער. די מענטשן האבן ניט אומזיסט געהארעוועט איבערן פלאקס.

4

דעם שטיק לייוונט האט מען געהיט און צוגעזעען. אין זוניקע טעג פלעגט מען אים פאַנאַנדערשפּרייטן איבערן גרינעם גראז. מע האט אים איבערגעדרייט אף דער צווייטער זייט און אפּט מיט וואסער באַשפּריצט. פון דעם איז דער שטיק לייוונט געווארן ווייס, ווי שניי.

5

און איינמאל איז דער לייוונט אריינגעפאַלן צו דער נייטערקע אין די הענט. האט זי מיט א שער אים געשניטן, מיט א נאדל גענייט און געמאכט פון אים א העמד. איצט האט דער פלאקס אנגעהויבן ברענגען נוצן די מענטשן.

# א יאָר-אויסשטעלונג

מיטן לערערס הילף האָבן מיר צעהאַנגען אונזערע ארבעטן אין דער אָרדענונג, ווי מיר האָבן זיי דורגעפירט אין מעשעך פון יאָר. מיר האָבן אָנגעהויבן פון די הארבסטיקע עקסקורסיעס. טעפיכער און געפלעכטן פון הארבסטיקע בלעטער, ליים-אַרבעט פון גארטן-פרוכט. אַסאַך אַרבעטן און צייכענונגען זיינען געווען וועגן דעם יאָנטעוו פון 7-טן נאָיאַבר (25-טן אָקטיאַבר), זיכרוינעס וועגן לענינס טויט און זיין לעוואַיע.

## בילדער פון ווינטער

בילדער פון ווינטער, ווי מע גליטשט זיך אף שליטלעך און אף גליטשערס פון באַרג אַראָפּ; אונזער שול און אַנדערע הייזער, וואָס מיר האבן געזעען אַפן גאַס,—עס איז אַלץ געווען אזוי גוט צו דערמאָנען זיך איצט און צו צהעענגען. אָט איז סאַניעס צייכענונג: כּאַווע איז דעזשורער און פאַרקערט דעם דיל מיט אַ בארשט, און מערי ראַמט אויף דעם צימער נאָכן פרישטיק.

## בילדער פון פרילינג

זייער אינטערעסאַנט איז געווען אונזער פרילינג. צייכענונגען פון אייזגאַנג; באַריכט וועגן דער עקסקורסיע אַפן טייך און אין מוזיי.

אָט איז א קלייניקע סאַכע, א בראָנע, אן אקער, א גראַבליע, א קאָסע, א שנייד-מעסער און אונזערע גאָרטן-מאַכשירים. מע האָט אפילו אוועקגעלייגט באַסיעס דערציילונג וועגן שטיקל ברויט, מיט צייכענונגען פון אַ מיל און אַ בעקעריי.

די פייערונג פון דעם ערשטן מאַי איז געווען פאַרגעשטעלט מיט אונזער פאָן, וואָס מיר האָבן אַלע אויסגעניית און אויסגעמאָלט, און אויך מיט לאָזונגען, פלאַקאַטן און צייכענונגען פון די דעמאָנסטראַציעס.

## די יאריקע באַריכט-אויסשטעלונג

אָט איז געקומען דער עפענונגס-טאָג פון אונזער באַריכט-אויסשטעלונג. אף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַלע קינדער, אונזערע לערער, די טעכנישע ארבעטער און אסאַך עלטערן.

איך בין געווען זייער צעטראָגן. ווי א קלאַסקאָם, האָב איך געדאַרפט איבערלייענען דעם יאָריקן באַריכט פון אונזער גרופּע, באַווייזן די אויסשטעלונג, ענטפערן אף אַלע פראַגן.

און אַלץ איז דורכגעגאַנגען גוט.

מיט פאַרגעניגן האב איך אַלעמען געגעבן דערקלערונגען און געענטפערט אף אַלע פראַגן.

איך האָב אינגאַנצן פארגעסן אָן דער מוירע.

וואס איז פאראן וואָס צו מוירע האָבן, איך דערצייל וואָס איך ווייס.

---

באַ אייך איז פאַראַן אַן אויסשטעלונג?

ווי האָט איר באַפּוצט אייער קלאַס? איז דאָ באַ אייך אַן אקוואַריום און א לעבעדיקער ווינקל?

די קלאַסקאָמען אָדער די דעזשורערס האָבן געגעבן דערקלערונגען די באַזוכער פון דער אויסשטעלונג?

באַ אייך אין שול קומען פאַר באַריכט-אויסשטעלונגען?

לייענען די קלאַסקאָמען אף די פאַרזאַמלונגען באַריכטן פון יעדער גרופּע?

# ווי מענטשן פאָרן איבערן וואַסער

מענטשן שווימען שלעכט. ערגער פון פיש. ערגער אפילע פון א ראַק. זייער אפט ווערט א מענטש דערטרונקען. האָט דער מענטש א טראַכט געטאָן, אז עס טויג אזוי ניט, האָט ער אויסגעהאקט פון א בוים א שיפל. אויסגעשניטן זיך א רודער און איז אוועקגעפארן איבערן טייך.

איז אָבער א מארודנע זאַך פאָרן מיט א רודער. מע מאכט און מע מאכט מיט די הענט, גיסט א קוק—גאָר ניט קיין סאַך אפגעפאָרן. און דערווייל ווערט מען פארמאטערט. שלעכט. וואס זשע טוט מען? ניט אומזיסט שפאצירט זיך א ווינט איבער דער וועלט, איבער וועגן הויבט ער אויף א שטויב, איבערן יאם—די כוואַליעס, און איבערן הימל טרייבט ער די וואָלקנס, לאָמיר אים צווינגען, דעם ווינט, ער זאָל מיך פירן!



און דער מענטש האָט גענומען א שטיק לייוונט, האָט אנגעצויגן אף א מאסטבוים, געמאַכט א זעגל,—און דער ווינט האָט אנגעהויבן שלעפן דאס קליינע שיפל און דאס ריזיקע יאַם-שיף.

דער מענטש האָט איינגעשפאנט דעם ווינט. וואו זשע נעמט מען אבער א בייטש אף אונטערטרייבן דעם ווינט? ניטאָ קיין צוים, וואס זאל אים איינהאלטן, ניטאָ קיין לייצעס, וואָס זאָלן אים הייסן גיין, וואוהין מע דארף. זייער גוט איז צו פארן מיט א זעגל, אבער ווען? ווען דער ווינט גייט אהין, וואוהין מע דארף. און דאס איז דאך די צאָרע, וואס דו ווילסט פארן אף דארעם, און דער ווינט ציט אף צאָפן. דו ווילסט פארן היינט, און דער ווינט זאָגט: „ווארט צו ביז מארגן—איצט וויל איך גאָר שלאָפן!‟ דו ווילסט פאָרן רואיק, שטיל—און דער ווינט טראָגט דיין שיף, ווי א קליין שפענדעלע איבער די כוואליעס, שיר וואָס ער צעטראָגט ניט די שיף אף שטיקלעך.

— ניין, דאס טויג אויך ניט!—האָט געזאגט דער מענטש—גענוג זיך אזוי צו מאַטערן! מע דארף עפּעס צוטראכטן א בעסערע זאַך.

האָט דער מענטש גענומען און האט צו זיין שיף צוגעבויט רעדער. דער מענטש האט אָנגעזאָגט דעם דאמף, ער זאָל די רעדער שטענדיק דרייען.

און אזוי איז דער מענטש אוועקגעפאָרן איבערן יאם, ווי אף דער יאַבאַשע.

אַפֿן שיף הייצט דער מענטש אַן אויוון, אין א קעסל זידט וואסער. דער רויך גייט דורך טרויבן אוועק, און דער דאמף טרייבט די רעדער, און דער מענטש פֿארט זיך קעגן שטראָם, מיטן שטראָם, ווי ער וויל. און אומעטום, אין אלע טייכן, יאַמים—רוישן דאַמפֿשיפֿן. זיי פֿירן איבער טויזנטער און מיליאנען מענטשן און טויזנטער און מיליאָנען טאָן סכוירעס.



## דער פֿיריאָריקער אוויאַטאָר

עס הודעט דער פּראָפּעלער. הויך, הויך איבער דער ערד פֿליט דער אעראפּלאַן.

פֿון דעם קלײנינקן פֿענסטערל אין אעראפּלאַן קוקט ארויס א קיילעכדיק פּענימל פֿון א יאַטל. זיינע אויגעלעך גלאַנצן מיט פֿרייד. ער קוקט אַף דער ערד, וואָס שווימט אונטער אים. ער קוקט אַף די פֿעלדער, וועלדער, טייכן, וואָס פֿארשווינדן אונטער זיינע אויגן.

דער אעראפּלאַן פֿליט איבער מאסקווע. אָט לאָזט ער זיך שוין אראָפּ.

מע דארף ארויסקריכן!

אָבער דער, וואָס האָט פֿונם פֿענסטערל געקוקט, וויל ניט ארויסגיין. ער וויל ווייטער פֿליען, פֿליען און פֿליען—אָן אַן עק.

ווער איז ער דאָס, ווער איז ער, וואָס ער וויל שטענדיק זיין אין דער לופֿטן?

דאס איז דער קליינער כעווראַמאַן, גינטער פֿרומעל—א לופֿט-פּאסאַזשיר. ער איז אלט פֿיר יאָר. אט ווער דאָס איז!

מיט זיין מאַמען איז ער געקומען צו פֿליען קיין מאסקווע. פֿון דייטשלאַנד (פֿון דער שטאָט קעניגסבערג) צו גאסט צו זיין טאטן. הייסט עס, אז מע איז געקומען וואוהין מע דארף. ווייטער איז שוין ניטאָ וואוהין צו פֿליען.

— איך האָב אביסל מוירע געהאַט פאר אים—האָט די מוטער גערעדט וועגן דעם זון—איך האָב געמיינט, ער וועט ניט אויסהאלטן דאָס פליען. מיר זיינען פונדעסטוועגן ניין שאָ געפלויגן. נאר איין מאָל האָבן מיר אין שטאָט סמאָלענסק זיך אפגעשטעלט. נישקאָשע, אים האָט עס ניט דערעסן. ער האָט זיך ניט פארמאטערט. ער וואָלט נאָך געפלויגן. ער וויל פליען ווייטער.



גינטער איז דער ערשטער פיריאָריקער פאסאזשיר אף אונזער סאָוועטישער לופט-ליניע.

איצטער וואוינט דער יאטל אין מאסקווע. אָפט פארברייננגט ער אפן אעראדראם. דאָרטן ארבעט זיין טאַטע.

דער פיריאָריקער פליער פרומעל און דער אַעראָפּלאַן, אף וועלכן ער איז געקומען צו פליען פון דייטשלאנד

# מיט וואָס מענטשן פאָרן

# מיט וואָס מענטשן פאָרן





# מיט וואָס מענטשן פאָרן





# מיט וואָס מענטשן פאָרן





# אינהאלט

זייט

## וואָס מיר האָבן געטאָן זומער

ווי אזוי איך האָבן פארבראכט דעם זומער—שאָלעם אלייכעם 3
זומער אין קאָלאָניע 6
דאָס ליד פון ברויט (ליד)—מאני לייב 8
פון מיל (ליד)—ליובארסקע 10
די לעצטע זומער-טעג—שאָלעם אלייכעם 11
קאווענעס און דינעס— „ 12
קארטאפל—קנוט האמסון 12

## הארבסט

סימאָנים פון הארבסט 13
אן עקסקורסיע אין וואלד 13
מיר קלייבן מאטעריאל 14
וואָס דארף מען באאבאכטן אין בלעטער-פאל 15
ווי בוימער גרייטן זיך צום ווינטער 15
דער אָפפלי פון די פויגלען 15
די וועווערקע צום ווינטער 16
א העזעלע (ליד) 17

## שול-אָרגאַניזאציע און געזונט-פאַרהיטונג

פון אונזער קלאס-העפט 18
קלאָלים פון דעזשורער 19
מיר מאכן א מוזיי 20
געקומען דער דאָקטאר 21
א טומל אין קלאס 23
די סאניטארע קלאלים בא אונז אין קאָמונע 24

## מע גרייט זיך צום ווינטער

ווי די שול גרייט זיך צום ווינטער 25
ווי מע האָט אינדערהיים זיך געגרייט צום ווינטער 25
אן עקסקורסיע אפן האָלץ-לאגער 26
ליד פון דער זעג—ל. רעזניק 27
וועגן אויוונס און באהייצונג 28

## אָקטיאַבר

האמער, סערפּ (ליד)—קינדערשע 20
מיר גרייטן זיך 31
7 נאָיאבר (ליד) 32
איך געדענק דעם אקטיאבר 33
ווי אזוי האָבן מיר געפייערט דעם אקטיאבר-יאנטעוו 34
אין די אקטיאבר-טעג (זיכרוינעס) 35
באגדיטן 38

זייט

## ווינטער

אפן גליטש (ליד)—ע. סאוויקאווסקי 40
ווי אזוי פיאָנערן האָבן געמאכט א שניי-בארג 41
ריזן (שפּיל) 42
פון מיין טאָג-ביכל 43
דער קורצסטער טאָג 43
אונזער שול האָט ווינטער געשפייזט פוי-געלעך 44
קאלענדאר פון דער נאטור 44
שווארצע קראען (ליד) — ש. האלקין 46
קוקט זיך צו צו דער מיסט-פויגעלע 46
צי קענט איר די קראָ? 47
צי קענט איר אונטערשיידן א האלקע פון א קרא? 47
א פּרואוו איבער א שישקע 48
דער טענענבוים (ליד) 48
וועמעס טריט 49
באאבאכטונגען איבער וואסער 49
באאבאכטונגען איבער אייז 50
א פעסטונג (שפּיל) 50

## רעוואָלוציאָנערע טעג

### א. לענין

לענין (בילד) 51
לענין—אַ גוטער כאַווער (פון בוך: לענין פאר קינדער—העלמאנט און בערנשטיין) 51
לענינס ברודער אַלעקסאנדר „ 52
איך מוז זיך אפּרעכענען מיט זיי „ 52
אן אלטיטשקער אין ברילן „ 53
וואס קרופּסקע האָט געזאגט 54
וואס האט געזאגט וולאדימיר איליאיטש 55
פיר אזייגער 56
א לעבעדיק בילד 57

### ב. רויטע ארמיי

שטילער, כאוויירים (ליד) 60
ווי אזוי איז געווארן די רויטע ארמיי 60
אן אוונט מיט דער רויטער ארמיי 61
שטענדיק גרייט (פיאנערישער מארש)—ש. ראסין 62

### ג. פרויען-טאג

דער טאג פון דער ארבעטער-פרוי 63
ווי אזוי ארבעט און לעבט איצט די פרוי 63
יאַסלעס 64
מאָפּר 65
דער יונגער העלד 66
העלפט די ארבעטער-קינדער פון אנדערע לענדער 69

זייט

## שטאָט און אַרבעט


צי ווייסט איר אייער שטאָט? . . . . . . 70
די נומערן אף די הייזער . . . . . . . 70
שילדן אף מאַגאַזינען און ווארשטאַטן . . 71
שרייבט אן ענטפערס אף פראַגן . . . . 71
ווער זיינען אונזערע עלטערן . . . . . 72
וועמעס פאַמיליע . . . . . . . . . 73
קאַרטלעך אף די טירן אין די דירעס . . . 74
אויפגאַבן . . . . . . . . . . . 75
די קוזניע . . . . . . . . . . . 75
מיר זיינען שמידן (ליד) . . . . . . . 76
דער בלעכער (ליד)—כ. ל. . . . . . . 77
דער שמיד (ליד)—א. ראַדין . . . . . . 78
באַם שוסטער . . . . . . . . . . 78
דער שוסטער (ליד) . . . . . . . . 79
א שניידער און א פרעסער—שאָלעם אַליי-כעם . . . . . . . . . . . . 80
ווי אזוי שניידער איז געוואָרן א זייגערמאַ-כער—שאָלעם אַלייכעם . . . . . . . 81
א מעכאַניק פון אויוונס—שאָלעם אַלייכעם . 81
דער קליינער קוימענקערער — ל. קוויטקאַ . 82
איך וועל זיין א מאַשיניסט . . . . . . 85
דער וואַסער-פירער — שאָלעם אַלייכעם . . 86
אין שטאָט נאָך סכוירע . . . . . . . 87
אַרבעטער און פויער . . . . . . . . 89
דער טאַם פון פאָרן—שאָלעם אַלייכעם . . 89
אין וואַגאָן — " " . . . 90
דער באַן (ליד) . . . . . . . . . 91
וואָס רעדט דער באַן (ליד) . . . . . . 92


## פאַרוואָרלאָזטע


פאַרוואָרלאָזטע (ליד) . . . . . . . . 93
יאַשקע דער גאַסן-אינגל . . . . . . . 94
פון וואַנען האָבן זיך גענומען פאַרוואָרלאָזטע קינדער . . . . . . . . . . . . 98
אונזער עקסקורסיע אין נאַכט-הויז . . . 98
אין דער געזעלשאַפט „קינדער-פריינט" . . 99
אונזער אָוונט . . . . . . . . . . 100


## פרילינג


ערעוו פרילינג (ליד)—כ. נ. ביאַליק . . 101
אייז-צעפלעך און שניי . . . . . . . 102
פרילינג (ליד) — פּ. מאַרקיש . . . . 102
אייזגאַנג . . . . . . . . . . . 103
* * * ליד—ל. ניידוס . . . . . . . 103
אף וואָס אכטונג געבן אין פרילינג . . . 104
פון טאָג-ביכל . . . . . . . . . 105
פון קינדערשן טאָג-ביכל . . . . . . 106
בוישעלעס . . . . . . . . . . . 106
גיט אכטונג אף די צוריקקומענדיקע פייגלען . 109
א קריג . . . . . . . . . . . 109
טאָג און נאַכט (א שפּיל) . . . . . . 110
עפנט טירן (ליד) — פּ. מאַרקיש . . . 111
קינדער—י. קרעפּליאַק . . . . . . . 113
פרילינג (ליד) — מ. טייטש . . . . . . 116
אַפּרעל . . . . . . . . . . . . 116
די שקאַפּע מיט איר לאָשעקל . . . . . 117
די קו און די האַלקע . . . . . . . . 117
די הון מיט די הינדעלעך . . . . . . 118
זשאַבעס . . . . . . . . . . . . 120
באַם טייך—אַפּאַטאַשו . . . . . . . 121
נויעך און מאַרינקע—כ. נ. ביאַליק . . . 122
פריער, איצט און דערנאָך . . . . . . 125
אונזערע בייטלעך . . . . . . . . . 126
פאַרזייט מערן (ליד)—ד. ל. צירלין . . . 127
דאָס זייען . . . . . . . . . . . 128
ווי איך האָב געבראָנעוועט . . . . . . 128
סאָנים און פריינט פון סעדער און גערטנער 129
רו, מיין פערד (ליד)—אויערבאַך . . . . 129
אן עקסקורסיע הינטערן שטאָט . . . . . 130


## מאַי


דעמאָנסטראַציע—א. פעפער . . . . . . 131
ווי אַזוי מיר האָבן געפייערט דעם 1 מאַי . 132
מאָסקווע האָט זיך אויסגעפּוצט . . . . . 132
ערשטער מאַי (ליד) . . . . . . . . . 133
מיט לעניגען פאָרויס . . . . . . . . 134
ברויזט א יאַם מיט רויטע פאָנען (ליד) . . 136
א מאַטאַנע צום ערשטן מאַי . . . . . . 137
דער יאָנטעוו „ערשטער מאַי" . . . . . . 139
א פאַרזאַמלונג אין וואַלד . . . . . . . 142
* * * ליד—(קינדערשע) . . . . . . . . 142


## זומער


וויינפּערלעך—שאָלעם אַלייכעם . . . . . 143
וויינשל . . . . . . . . . . . . 143
קאַרשן.—פּ. מאַרקיש . . . . . . . . 144
קאַלענדאַר פון דער נאַטור . . . . . . 144
א שרעקלעכע כאַיע . . . . . . . . 145
די אַרבעט פון אינסעקטן . . . . . . . 147
א זומער טאָג בא אונז אין קאָמונע . . . 147
א פּאַסטושקע (ליד)—פּ. מאַרקיש . . . . 149
אף די בערג—א. רייזין . . . . . . . 149
א בריוו פון די דייטשישע קינדער . . . . 150
פיאָנערן אין לאַגער . . . . . . . . 152
אין איוואַנאַווקע . . . . . . . . . 153
אויסגעוואַשן די לאַדישעס (ליד) אויערבאַך 154
דזשיאָ, דזשי (ליד) . . . . . . " . 155
עלעקטרע אין דאָרף . . . . . . . . 156
פּעטקעס שטיוול . . . . . . . . . 157
כאַווער סירקאַ—שאָלעם-אַלייכעם . . . . 160
אין זאָאָלאָגישן גאָרטן . . . . . . . 161
פליגן . . . . . . . . . . . . . 163
פלאַקט . . . . . . . . . . . . 164
א יאָר-אויסשטעלונג . . . . . . . . 166
ווי מענטשן פאָרן איבערן וואַסער . . . . 167
דער פיריאָריקער אוויאַטאָר . . . . . . 168


B 3285